STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06526

MENTSHN

Ben Gold

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענטשן

יוסף באָרוכאָוויטש

גע־ווידמעט

דעם אָנדענק פון

יוסף באָרוכאָוויטש און **משה לאַנגער**

מיינע באַליבטע

פריינט און חברים,

וועלכע האָבן

געגעבן זייער לעבן

אין קאַמף

פאַר אַ בעסערער

און שענערער וועלט.

משה לאַנגער



מענטשן

דערציילונגען

פון

בען גאָלד

אילוסטראַציעס געצייכנט פון

וויליאַם גראָפּער

אַרויסגעגעבן פון

נאָדל טרעידס אַרבעטער־קאָמיטעט

אַקטיווע טוער פון פּאָריער, קלאָוק־מאַכער, דרעס־מאַכער, שניידער, מילינערי
אַרבעטער און טרעיד ברענטשעס פון א. פּ. פּ. אָ. 267, 317, 322 און 409.

MENCHEN

Copyright, 1948, by
Ben Gold, New York, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA

199

אינהאַלט:

I. אַ „ראַיאַל פלאַש״ 8
דזשאַני 34

II. פּאָול 58
דאָס גרויסע הויז 72
דאַנקבאַרקייט 81
צוריק צו דער אַרבעט 87
טעג אין טורמע 98

III. דער „בויאַן״ 124
דער אַלטער מאַן 131
יאָסל 142
טשאַרלי 160
דער וואַקלער 171
„סקעבקע״ 184
מלחמה־קרבנות 190
פינצטערניש 199

IV. גרשון האַנדלמאַן 206
אַ טעות 215
דער מינק־מאַנטל 228
אַזאַ אָנשיקעניש 238
טאָ ווער איז משוגע ? 245
אַ פלאַן צו ראַטעווען די וועלט 251

I

אַ „ראָיאַל פֿלאָש"

די ערשטע ליכט־שטראַלן פֿונם אויפֿגייענדיקן טאָג האָבן זיך פּלוצים אַריינגעריסן דורך די פֿענצטער אין זלמנס שלאָף־צימער.

חיה־רחל, זלמנס ווייב, איז שוין לאַנג ניט געשלאָפֿן. זי איז געלעגן אין בעט באַוועגלאָז, און האָט איינגעהאַלטן איר אָטעם. זי האָט זיך צוגעהערט צום געזונטן, ריטמישן כראָפּען פֿון איר זלמן, וואָס איז געשלאָפֿן אין צווייטן בעט. זי האָט געוואוסט, אַז איר זלמן וועט זיך באַלד אויפֿכאַפּן פֿון זיין טיפֿן שלאָף. יעדע מינוט, וואָס איר זלמן איז געשלאָפֿן, איז חיה־רחלען געווען ליב. יעדן פֿרימאָרגן האָט זיך איר געדאַכט, אַז אירע אומפֿאָרזיכטיקע באַוועגונגען וועקן אויף איר זלמנען. זי האָט זיך דעריבער אָנגעשטרענגט צו בלייבן רואיק און שטיל אין בעט ווען עס הויבט אָן טאָגן, ניט צו שטערן זלמנס׳ שלאָף.

פּלוצים האָט זיך זלמנס ריטמיש כראָפּען אָפּגעשטעלט. ער האָט אָנגעהויבן אָטעמען גרינג. חיה־רחל האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט. זי האָט געדולדיק געוואַרט. ענדלעך האָט זלמן אַרויסגעאָטעמט אַ כראָפּע, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אינמיטן. ער האָט אַ לאַנגן גענעץ געטאָן אויף אַ קול, און האָט שלעפּעריק אַ זאָג געטאָן: „האַ, זאָגסט עפּעס, חיה־רחל?"

חיה־רחל איז נאָך אַלץ געלעגן אין בעט און געשוויגן. שוין טויזנטער פֿרימאָרגנס, אַז זי האָט געהערט איר זלמן כראָפּען, דערנאָך אַ גענעץ, און ענדלעך די זעלבע פֿראַגע: „האַ, זאָגסט עפּעס, חיה־רחל?" זי איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו הערן איר זלמנען אויסרופֿן איר נאָמען באַלד ווי ער וואַכט אויף פֿון שלאָף. זי וואַרט דערויף יעדן פֿרימאָרגן. מיט דעם הויבן זיך אָן חיה־רחלס טעג און עס ענדיקן זיך אירע נעכט.

זלמן האָט זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט, און מיט ביידע הענט געקראַצט זיין ברייטן, מיט האָר־באַוואַקסענעם ברוסט־קאַסטן.

„וואָס פאַר אַ קראַצעניש איז אויף דיר אָנגעפאַלן?", האָט חיה־רחל מיט בייזער אומצופרידנקייט געפרעגט זלמנען.

„וואָס אַרט דיך, אַז איך האָב הנאה?", האָט זלמן געענטפערט.

„וואָלסט בעסער געשלאָפן נאָך אַ שעה, וואָלסטו מער הנאה געהאַט", האָט חיה־רחה געמוסרט איר מאַן. „אַ מענטש איז ניט פון אייזן, זאָג איך דיר, זלמן".

זלמן האָט אַ גענעץ געטאָן און האָט זיך איילנדיק אָנגעהויבן אָנטאָן.

חיה־רחל האָט אָנגעטאָן איר שלאָף־ראָק און איז אַריין אין קיך. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט די קאָכעדיקע קאַווע געשמעקט איבער אַלע צימערן. אויפן טיש זענען אויסגעוואַקסן פרישע בולקעלעך, לאָקס, פוטער, קעז און צוויי גלעזער קאַווע.

זלמן, כאָטש שוין אין די זעכציקער, האָט אויסגעזען אינגער פון זיינע יאָרן. זיין הויכער און געזונטער קערפּער האָט נאָך אַלץ געאָטעמט מיט קראַפט, און האָט זיך באַוועגט לייכט, אָן שווערקייטן, וואָס קומען געוויינטלעך מיט דער עלטער. ער האָט זיך געזעצט צום טיש און געשמאַק געגעסן.

חיה־רחל האָט זיך געזעצט לעבן אים און געזופּט שטיל די קאַווע. זי איז געווען פיל אינגער פון זלמנען. אויף איר פנים זענען נאָך געבליבן סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט. מחמת איר קליינעם וואוקס האָט זי אויסגעזען מער זלמנס טאָכטער, איידער זיין ווייב.

„וועסט היינט אַהיימקומען פרי, זלמן". האָט חיה־רחל שטיל געזאָגט.

„פאַרגעס ניט, אַז היינט איז פרייטיק".

„שוין ווידעראַמאָל פרייטיק", האָט זלמן גערעדט אויף זיין טיפער שטימע. „עס איז דאָך ערשט געווען פרייטיק". ער האָט אויף גיך אויס־געגלעט זיינע גראָבע וואָנצעס און אַ זאָג געטאָן: „איך וועל זיין אינדער־היים פונקט ווען דו וועסט פאַרטיק ווערן מיט די פיש".

„געדענק־זשע, זלמן, זאָלסט ניט פאַרפאַרן אין שבת אַריין".

זלמן האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן. אים איז שטענדיק געווען ליב, ווען מען האָט מיט אים אַ רעד געטאָן אויף דער היימישער באַלעגאָלישער שפּראַך. „זאָרג ניט, חיה־רחל", האָט ער געזאָגט, „צום ליכט־בענטשן וועל איך שוין זיין אין הויז".

איבער צען יאָר איז זלמן געווען אין געשעפט, שותפות מיט זיין איינציקן זון ראַלף. די פירמע „בערמאַן און זון" איז געווען באַקאַנט מיט איר ראַיעלקייט. די „באַיערס" (איינקויפערס) האָבן ליב געהאַט דעם יונגן, געזונטן און שיינעם בערמאַן פאַר זיין צוגעלאָזטקייט און פריינטלעכקייט. נאָך מער האָבן זיי ליב געהאַט דעם אַלטן בערמאַן צוליב זיין ערלעכקייט

און פּראָסטקייט. מיטן אַלטן האָבן זיי ליב געהאַט צו האַנדלען. ער האָט קיינמאָל ניט פֿאַרלייקנט די ווירקלעכע ווערט פֿון די פֿוטער־מאַנטלען. פֿאַרקערט, ער פֿלעגט וואָרענען די קונים, אויב די מאַנטלען זענען געווען פֿון שוואַכער קוואַליטעט. וועגן פּרייזן פֿלעגט מען אויך מיט אים אויסקומען בעסער ווי מיט זיין זון, וועלכער איז געווען אַ געשיקטער אַמעריקאַנער געשעפֿטסמאַן.

„הכלל, נו, וואָס טויג דאָס דינגעניש?" — פֿלעגט זלמן שטענדיק זאָגן, ווען מען פֿלעגט אים אַריינרופֿן אַרויסהעלפֿן ביים פֿאַרקויף. „אַ רענדל אַרויף אָדער אַ רענדל אַראָפּ, זאָל דער קונה כאַפּן אַ מציאה".

ראַלף פֿלעגט האָבן טענות צו זיין טאַטן. „שענקסט אַוועק די סחורה, טאַטע", פֿלעגט ראַלף זאָגן. „מיר זענען דאָך ניט אין ביזנעס אַוועקצוגעבן אונדזער סחורה האַלב־אומזיסט".

„גיי שוין, גיי", פֿלעגט זלמן אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט. „וואָס־זשע, האָסט עפּעס דערלייגט צו דעם קונה? הלוואי האָסטו אַ סך אַזעלכע קונים. פֿון ווייניקער ריוח ווערט מען ניט בדלות".

ראַלף איז געווען דער „דרויסנדיקער" געשעפֿטסמאַן. ער איז געווען דער קויפֿער און פֿאַרקויפֿער. ער האָט אויך אויפֿגעפּאַסט אויף די פֿינאַנצן פֿון דער פֿירמע. ער האָט געהאַנדלט מיט די בענק, און איז געווען דער הויפּט־בוכהאַלטער.

זיין פֿאָטער זלמן איז געווען דער „אינעווייניקסטער" מענטש, ער האָט אַליין געאַרבעט, ער האָט געהאָלפֿן דעם פֿאָרמאַן אָנפֿירן דעם שאַפּ.

די מערסטע אַרבעטער אין זלמנס שאַפּ זענען געווען לאַנדסלייט. זיין פֿאָרמאַן כאַצקל, אַ יונגערמאַן אין ראַלפֿס יאָרן, איז געווען זלמנען ליבלעכער פֿון אַלע לאַנדסלייט אין שאַפּ. זלמן און כאַצקלס טאַטע, אפֿרים־הערש, זענען יאָרן־לאַנג געווען שותּפֿים און שכנים. ביידע האָבן געפֿירט משא פֿון וואָקזאַל און צוריק.

זלמן איז, ווי אַלע טאָג, אַריין אין שאַפּ פּינקטלעך האַלב נאָך זעקס אַזייגער. ער האָט געעפֿנט די פֿענצטער, אויסגעטאָן זיין ראָק, אָנגעטאָן זיין ווייסן אַרבעטס־מאַנטל, און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אַ שעה שפּעטער איז, ווי אַלע טאָג, איילנדיק אַריין אין שאַפּ כאַצקל דער פֿאָרמאַן.

„גוט מאָרגן, מיסטער בערמאַן", האָט כאַצקל פֿריינטלעך באַגריסט זלמנען, „איר האָט שוין געמאַכט אייער טאָג אַרבעט?"

„וואָס דענקסטו, איך בין אַזאַ פֿוילענצער ווי דו?" האָט זלמן גוטמוטיק געענטפֿערט. „גיב נאָר אַ קוק וויפֿל אַרבעט איך האָב שוין אָנגעבראַכט".

כאַצקל איז צוגעגאַנגען צו זלמנס טיש, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אָנגעשניטענער וואָרע, און מיט פֿאַרוואונדערונג אויסגערופֿן: „איר האָט געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, מיסטער בערמאַן?"

„גיי שוין, גיי, דו לאָשעק", האָט זלמן געזאָגט שמייכלדיק. „ווייסט דאָך, אַז איך קום פֿריער פֿון איך אַלעמען און גיי אַהיים שפּעטער, און אַז מען אַרבעט פֿאַר זיך, כאַצקל, איז געשמאַקער".

כאַצקל האָט זיך מיט אימפּעט גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אַוועקגעלייגט „באַנדלעך" מיט מוסטערן אויף די טישן פֿאַר די צושניי־דערס, האָט איינגעטיילט די אַרבעט פֿאַר די מאַשין־שטעפּער, האָט צוגע־נומען פֿון די טישן די פֿאַרטיקע מאַנטלען, און איז אַרומגעלאָפֿן איבערן שאָפּ.

„כאַצקל", האָט זלמן אים אַ רוף געטאָן. אין אַ סעקונדע איז שוין כאַצקל געשטאַנען לעבן זלמנען.

„ווייסט", האָט זלמן פֿאָטערלעך גערעדט צו כאַצקלען, „אַז היינט איז דיין געבורטס־טאָג? ביסט שוין קיין עין־הרע אַ דרייסיקער".

„נו, וואָס דען, איך ווייס ניט?" האָט כאַצקל געענטפֿערט.

זלמן האָט אַוועקגעלייגט דאָס מעסער, האָט אַרויסגענומען אַ רויט שאַכטעלע פֿון קעשענע און האָט עס פֿאַרזיכטיק געעפֿנט. אינעווייניק איז אויף אַ רויטן סאַמעט געלעגן אַ זייגערל מיט אַ קייטעלע.

„נאַ, כאַצקל, דאָס איז אַ מתנה פֿאַר דיר, פֿון מיר און פֿון מיין חיה־רחלען. נוץ דאָס געזונטערהייט!"

כאַצקל איז גערירט געוואָרן. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן. „אַ דאַנק אייך, ר' זלמן, אַ האַרציקן דאַנק. איר, ר' זלמן, זענט צו מיר ווי אַן אייגענער טאַטע".

„זע נאָר, ווי ער האָט זיך צעיאַכמערט ווי אַ אידענע", האָט זלמן ווייך אָנגעשריגן אויף כאַצקלען. „אַ זייגערל איז אַ זייגערל, און אַ טאַטע, כאַצקל, איז אַ טאַטע".

„הע, כאַצקל, ווען דיין טאַטע וואָלט געלעבט", האָט זלמן מיט פֿאַרדרוס גערעדט. „איך וואָלט אים געבראַכט קיין אַמעריקע, פּונקט ווי איך האָב דיך מיט דיין מאַמען געבראַכט. איך מיט דיין טאַטן, כאַצקל, בין געווען שותּפֿות צוואַנציק יאָר. צוואַנציק יאָר! פֿאַרשטייסט? איך מיט דיין טאַטן זענען געווען ווי אָט־די צוויי פֿינגער. מיר האָבן זיך ביידע געטיילט מיטן ביסן ברויט. אויף דיין ברית, כאַצקל, בין איך געווען הויפּט־מחותּן! נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? מסתּם אַזוי באַשערט... נו, כאַצקל, איצט איז ניט די צייט צו רעדן וועגן דעם. איצט דאַרף מען אַרבעטן".

זלמן האָט זיך ווידער פֿאַרטיפֿט אין דער אַרבעט. כאַצקל האָט ווידער גענומען אַרומלויפֿן איבערן שאַפּ.

עס זענען זיך צונויפֿגעקומען די אַרבעטער. דער וואַנט־זייגער האָט אײַלנדיק געקלונגען אַכט. די באַלמעלאָכעס האָבן זיך מיט אימפּעט גע־נומען צו דער אַרבעט.

די מאַשינען האָבן זיך צעזומגען. די נאָגלערס האָבן ריטמיש גע־קלאַפּט מיט זייערע „פּינטשערס" איבער די טשוועקעס.

ווען דער זייגער האָט געקלונגען ניין, און ראַלף איז נאָך ניט געווען אין שאַפּ, איז זלמן אַ ביסל אומרואיק געוואָרן. וואָס שפּעטער עס איז געוואָרן, איז זלמנס אומרואיקייט געשטיגן.

וואָס האָט געקענט פּאַסירן מיט ראַלפֿן? — האָט זלמן געטראַכט. אפֿשר שוין ווידער עפּעס צרות מיט זיין פּוירלען. זלמן האָט אַ זיפֿץ גע־טאָן. ער האָט ניט ליב געהאַט זיין שנור. די שלאַנקע, בלאָנדע שיינהייט, מיט די גרויסע בלויע אויגן, וואָס איז שטענדיק געווען אויסגעפּוצט און האָט געררויכערט ציגאַרעטן, איז אים געווען פֿרעמד. ער און זיין חיה־רחל האָבן זיך געפֿלייסט צו זיין פֿריינטלעך צו איר. עס האָט זיך אָבער געפֿילט אַ קאַלטקייט צווישן זיי.

זלמן און חיה־רחל פֿלעגן באַדויערן, וואָס זייער איינציקער זון, זייער ראַלף, האָט זיך אויסגעקליבן אַ ווייב, וואָס שפּילט „ברידזש", אַנשטאָט צו זיין אַ באַלעבאָסטע. ער, זלמן, האָט אַפֿילו אַ רעד געטאָן מיט זיין ראַלפֿן פֿאַר דער חתונה וועגן דעם, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן. זלמן האָט געפֿילט, אַז ראַלף האָט ניט קיין נחת פֿון זיין פֿאַרהייראַטן לעבן. אָבער וועגן דעם האָבן זיי קיינמאָל מער ניט גערעדט. זלמן האָט געוואוסט, אַז ראַלף וועט ניט אויסהאַלטן. ער וועט מיד ווערן פֿאַרשווענדן געלט אויף די טייערסטע קליידער, אויף קאָסטבאַרער צירונג און אויף אַ נייעם אויטאָמאָביל פֿאַר זיין פֿלוניתטע יעדן יאָר. זי איז דאָס ניט ווערט, האָט זלמן געטראַכט. ווינטער איז זי אין פֿלאָרידע, און זומער איז זי אין אייר־ראָפּע, און ער, ראַלף, וואַלגערט זיך אַרום אַן איינזאַמער. עס מוז פּלאַצן, האָט זלמן געטראַכט מיט טיפֿן ווייטיק וועגן זיין זונס ביטערן מזל.

זלמן האָט באַמערקט, אַז זיין ראַלף איז געווען אַ גאַנצע וואָך צעטראָגן און נערוועז. יעדן טאָג קומט ער שפּעט און פֿאַרלאָזט דעם אָפֿיס פֿריער ווי געוויינטלעך. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט באַמערקט פֿיל מער גרויע האָר אין ראַלפֿס שוואַרצע געקרויזלטע האָר. עפּעס נאָגט אים, — האָט זלמן געטראַכט. אָבער ער האָט באַשלאָסן ניט צו פֿרעגן, ביז ראַלף אַליין וועט אים דערציילן.

שפּעט נאָכמיטאָג איז ראַלף געקומען אין שאַפּ. ער איז אַריין צו זיך אין פּריוואַטן אָפּיס, האָט אַריינגערופן זיין טאַטן, און פאַרזאָגט דעם אָפּיס־מיידל, אַז קיינער זאָל אים ניט שטערן.

זלמן האָט איין קוק געטאָן אויף זיין זון און עס האָט אים פאַרקוועטשט ביים האַרצן. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. זיינע אויגן זיינען געווען ווי אויסגעלאָשן, די באַקן איינגעפאַלן און זיין גאַנצער אויסזען איז געווען ווי פון אַן ערנסט־קראַנקן.

„וואָס האָט פּאַסירט, זון?" האָט זלמן געפרעגט. זיין באַשלוס ניט צו פרעגן, ביז ראַלף וועט אַליין רעדן, איז צערונען געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ראַלף האָט זיך געפונען.

„טאַטע", האָט ראַלף געזאָגט, „עס איז זייער שלעכט". ער האָט פאַרבראַכן די הענט, איז געבליבן שטיין אין מיטן אָפּיס און געקוקט אויף זלמנען מיט זיינע מידע אויגן.

זלמן האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש, האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און האָט מיט אַ ווייכער באַרואיקנדיקער שטים געזאָגט:

זעץ זיך אַוועק, זון, באַרואיק זיך. דערציי̆ל מיר, וואָס נאָגט דיך. איך בין דיין טאַטע, פאַר מיר דאַרפסטו ניט האַלטן קיין סודות. דו ווייסט, אַז איך וואָלט מיין האַרץ אויסגעשניטן פון דיינעטוועגן".

זלמן איז געבליבן שטיל. די טרערן האָבן אים געשטיקט. ער האָט מער ניט געקענט רעדן.

ראַלף האָט אַ געריררטער און אַ ביסל אַ באַרואיקטער געזאָגט: „טאַטע, דער וואָל סטריט קראַך האָט אונדז רואינירט".

„דער וואָל סטריט קראַך?" האָט זלמן איבערגעפרעגט אַ דערשטויג־טער. „וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונדזער פערד־און־וואָגן, האַ?"

„די פּרייזן פאַלן". האָט ראַלף גיך געזאָגט.

„נו, איז וואָס?" האָט זלמן געשמייכלט. „פאַר אונדזער סחורה האָבן מיר באַצאָלט. מיר זענען קיינעם חלילה ניט שולדיק קיין איין סענט. וואָס נעמסטו זיך צום האַרצן, ראַלף?"

„אַז סחורה פאַלט, טאַטע, מיינט עס, אַז פּרייזן אויף פאַרטיקע מאַנטלען וועלן געשניטן ווערן".

„נו, אַ דאגה האָסטו, פון וויניקער פּראָפיט ווערט מען ניט בדלות".

„יאָ, דאָס ווייס איך, טאַטע, אָבער דער טרעיד הויבט אָן פאַרקויפן אונטער די פּרייזן. דאָס מיינט, אַז מיר וועלן מוזן דערלייגן געלט".

„איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו דאַרפסט זיך איצט זאָרגן. זע נאָר ווי דו קוקסט אויס, זון. אַז מען וועט מוזן דערלייגן, וועט מען דערלייגן. מיר האָבן פונוואַנען. און אַז עס וועט ווערן גאָר שלעכט, וועלן מיר אויסשפּאָנען

די פערד און אַרונטערקריכן אונטערן וואָגן ביז דער שטורעם וועט פאַר־איבער״.

„טאַטע, דו פאַרשטייסט ניט״, האָט ראַלף אויסגעשאָסן.

„וואָס פאַרשטיי איך ניט, ראַלף, לאָמיך הערן, וואָס דאָ איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין״.

ראַלף האָט געשוויגן.

„נו, וואָס שוויגסטו, ראַלף?״ האָט זלמן פאַרדעכטיק געקוקט אויף אים. „מיר געפעלט ניט דיין שווייגן״.

„טאַטע, איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב געגעמבלט אויף וואָל סטריט, און איך האָב פאַרלוירן״.

„האָ, אַזוי רעדסטו דיבורים. וויפל האָסטו פאַרלוירן?״ האָט זלמן מיט געמאַכטער רואיקייט געפרעגט.

„כמעט אַלצדינג. דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל, וואָס די פירמע האָט אָפּגע־שפּאָרט, איז אַוועק מיטן פייער אין וואָל סטריט״.

זלמן האָט פאַרביסן געשוויגן. ראַלף איז געזעסן אַנטקעגן אים און געוואַרט אויף זיין טאַטנס ענטפער.

ענדלעך האָט זלמן גערעדט: „נו, ראַלף, איצט איז דאָך שוין פאַר־פאַלן. די פערד זענען דאָך שוין נישטאָ אין שטאַל. עס וועט דאָך מיר גאָרניט העלפן, כאָטש איך האָב דיך געוואָרנט קעגן דעם. דו ווייסט, אַז איך וויל ערלעכן פּראָפיט. איך האָב פיינט געמבלערס. דו ווייסט עס. הייסט עס, אַז אָן מיין וויסן האָסטו געגעמבלט. איך האָב דיר געטרויט. נו, פאַרפאַלן. אַוועק מיטן פייער צען יאָר פּראַצע. נו, איז אויס כלה, ווידער אַ מויד. באַשערט איז באַשערט. מילא, נו, וואו האַלטן מיר? וואָס איז פאַר־בליבן? גיב מיר די אונטערשטע שורה״.

„דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע קעש, וואָס מיר האָבן געהאַט אין די בענק, איז פאַרלוירן געגאַנגען״.

„ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירן?״ האָט זלמן געפרעגט.

„איך האָב געדאַרפט צאָלן מיט וועקסלען אויף איבער הונדערט טויזנט דאָלער, אָבער די סחורה האָבן מיר. מיר פאַרמאָגן סחורה, וואָס איז פיל מער ווערט פון אונדזערע חובות״.

„אַי, אַי, האָסט געמאַכט אַ תכלית פון אונדזער פאַרמעגן״, האָט זלמן געקרעכצט.

„טאַטע, איך האָב שוין אין מיין צייט פאַרמאָגט איבער אַ מיליאָן דאָלער, וואָס איך האָב פאַרדינט אין וואָל־סטריט. איך און פוירל האָבן געפּלאַנעוועט דיר אַוועקצוגעבן די ביזנעס״.

פוירלס נאָמען האָט זלמנען אַ ברען געטאָן. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז איר שטיקל אַרבעט. אָן איר, האָט ער געטראַכט, וואָלט ראַלף ניט געוואָגט געמבלען אין וואָל סטריט.

„דו מיט פוירלען — איר האָט געפּלאָנעוועט! זייער שיין האָט איר מיך פאַרזאָרגט. מיט פוירלען האָסטו פאַרקאַכט די קאַשע. זי איז דאָס געווען דיין וועג־ווייזער", האָט זלמן גערעדט מיט גיפט. „און מיר, דיין טאַטן, דיין שותף, האָסטו אויסגעשטעלט אַ פייג. און איצט לאָמיר זען, ווי אַזוי דיין פוירל וועט דיר איצט העלפן. זי האָט דיך אַריינגעפירט, לאָמיר זען זי זאָל דיך אַרויספירן. אַ שיינע חתונה האָסטו מיט דיין פוירלען אָפּגע־שפּילט".

ראַלף האָט געשוויגן.

„איצט הער מיך", האָט זלמן פאַרגעזעצט. „מען דאַרף אַנהויבן פון־דאַסניי. עס איז אַ ביסל צו שפּעט פאַר מיר. נאָר איך האָב דאָך ניט קיין אַנדער ברירה. אַ שאַפּ איז דאָ, וואַרע איז דאָ, וועלן מיר זיך איינשפּאַנען און שלעפּן, ביז מיר וועלן אַרויסשלעפּן דעם וואָגן. וועסט זיין אַזוי גוט און וועסט פאַרקויפן די צירונג, וואָס האָסט געקויפט פוירלען, וועלן מיר זיך קענען אַ ריר טאָן. פאַרשטייסט?"

„ניין, טאַטע, דאָס קען איך ניט טאָן!"

„פאַרוואָס ניט? עס איז דאָך פאַר איר טובה וועגן".

„איך קען ניט, טאַטע!"

„פאַרוואָס קענסטו ניט? זי איז דאָך דיין ווייב. וועסט פאַרדינען, וועסטו איר ווידער קויפן שמאַטעס מיט צירונג".

„איך זאָג דיר, אַז איך קען ניט, טאַטע. פאַרוואָס גלויבסטו מיר ניט?"

„פּרוביר".

„איך האָב שוין פּרובירט. זי וועט מיך איבערלאָזן, אויב איך וועל אָנרירן איר צירונג. ווילסט דאָך ניט, אַז איך זאָל צעברעכן מיין פאַ־מיליע־לעבן".

זלמן האָט אָנגעקוקט ראַלפן מיט שפּאָט. „אַזוי, האַ?" האָט זלמן גערעדט שטעכיק, „און וואו וועסטו איצט נעמען אויף דיבסטן און שאַפערן?"

„הער אויף, טאַטע, איך בעט דיך! צאַפּ מיר ניט מיין בלוט!" האָט ראַלף אויסגעשריגן היסטעריש.

„נו, גוט, נו, ראַלף, זאָל זיין אַזוי, אָבער ווייז מיר אַ וועג אַרויסצו־קריכן פון דער בלאָטע. וואו וועלן מיר נעמען געלט צו צאָלן די אַר־בעטער, ביז מיר וועלן זיך איבערקאַטשען?"

„ליי מיר די צען טויזנט דאָלער, וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט פון דיינע שכירות".

„ניין! ניין, דאָס געלט האָב איך אין צען יאָר אָפּגעשפּאָרט פאַר דיין מאַמען, אַז אויב זי בלייבט אַליין, זאָל זי ניט דאַרפן אָנקומען צו פרעמדע", האָט זלמן געזאָגט. „אַ שטיין האָב איך אַרויפגעלייגט אויף דעם. דאָס געלט ריר איך ניט".

„נו, טאַטע, וועלן מיר מוזן באַנקראָטירן".

„ניט אין דיין לעבן!" האָט זלמן אויסגעשריגן. „מיין נאָמען וועסטו ניט פאַרפּאַטשקען, דו הערסט?! ניט אין דיין לעבן, זאָג איך דיר! איבער מיין טויטן קערפּער, זאָג איך דיר", האָט זלמן געשריגן און געקלאַפּט אין שרייב־טיש.

„טאַטע, שריי ניט אַזוי, די אַרבעטער וועלן מיינען, אַז מיר שלאָגן זיך".

„זאָלן זיי מיינען, וואָס זיי ווילן", האָט זלמן נאָך העכער געשריגן, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם. „מיין נאָמען איז טייערער ווי געלט. מער זאָלסטו מיט מיר ניט רעדן וועגן אָנזעצן. איך וויל ניט הערן וועגן דעם".

ראַלף איז אינגאַנצן אויפגעטרייסלט געוואָרן פון זיין פאָטערס כעס. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געהערט זיין גוטמוטיקן און געלאַסענעם טאַטן אַזוי שרייען. ער האָט צוריקגעקראָגן זיין גלייכגע־וויכט, האָט זיך פלוצים דערפילט ווי אויסגעניכטערט פון דעם קאָשמאַר, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען די לעצטע עטלעכע טעג, און אָנגעהויבן רעדן אין אַ געמיטלעכן טאָן.

„טאַטע, מוזט מיר אַנטשולדיקן. פאַרשטייסט ווי אַזוי איך פיל. איך בין ניט געשלאָפן די לעצטע עטלעכע נעכט. איך האָב געמיינט, אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען. איך פיל, ווי איך וואָלט דיך מיט דער מאַמען באַגנבעט. איך זוך אַ וועג צו פאַרריכטן דעם שאָדן".

זלמן האָט זיך באַרואיקט. זיין זונס האַרציקע ווערטער האָבן אויף אים געווירקט ווי קאַלט וואַסער אויף זיין צעהיצטן מאַרך.

„נו, גוט, זון, לאָמיר רואיק באַטראַכטן, וואָס מיר קענען טאָן. אַז מען פאָרט באַרג־אַראָפּ און עס רעגנט, און עס איז גליטשיק, און עס פאַלט צו די נאַכט, און עס רייסן זיך איבער די פּאַסטראַנקעס, טאָר מען ניט פאַרלירן דעם קאָפּ. איך וועל אַרויסנעמען פינף טויזנט דאָלער פון דער מאַמעס געלט. איין גאָט ווייסט, אַז איך טאָר דאָס ניט טאָן. נאָר אפשר איז אַזוי באַשערט, און לאָמיר אָנהויבן פון אָנהויב".

„וועסט זען, טאַטע, אַז מיר וועלן אַרויסקריכן פון דעם אומגליק". האָט ראַלף געזאָגט. „אין אַ קורצער ציט וועסטו צוריקלייגן דער מאַמעס געלט. אָבער, טאַטע, מיר מוזן זיך צוגרייטן צו באַגעגענען די שלעכטע ציט. מען וועט מוזן פאַרקויפן פאַר ביליקער. מיר וועלן מוזן זען, אַז עס זאָל

קאַסטן בילליקער. אין אַלע שעפּער שניידט מען די שכירות פֿון די אַר־בעטער. מיר וועלן דאָס אויך מוזן טאָן, און טאַקע שוין היינט״.

„אַי, שלעכט״, האָט אים זלמן איבערגעשלאָגן, „אַ האַלבער שאָפּ זענען אייגענע מענטשן, לאַנדסלייט, און גוטע באַלמעלאָכעס״.

„אָבער טאַטע, אַז מיר וועלן פֿאַרמאַכן דעם שאָפּ, און זיי אָפּלייגן, וועט זיין בעסער?״

„ביסטו טאַקע גערעכט. אַ ביסל איז בעסער ווי גאָרניט. אָבער אויב די אַרבעטער וועלן ניט איינשטימען, וואָס וועלן מיר דעמאָלט טאָן?״

„לאָז דאָס איבער צו מיר. טאַטע״.

„נו, גוט, איך וועל סיי־ווי ניט זיין ביי דער שחיטה. אָבער שניידט ניט ביזן ביין. זע, אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און די ציגעלעך זאָלן בלייבן גאַנץ״.

זלמן איז אַוועקגעגאַנגען פֿון שאָפּ פֿריער ווי יעדן פֿרייטיק. די אַרבעטער האָבן אינדערשטיל גערעדט צווישן זיך, אַז דאָס איז עפּעס אַ שלעכטער סימן.

נאָך דער אַרבעט האָט ראַלף אַריינגערופֿן יעדן אַרבעטער באַזונדער אין זיין אָפּיס, און יעדן געזאָגט דיזעלבע ווערטער:

„ביזנעס איז זייער שלעכט. מען קויפֿט ניט. איך וויל ניט פֿאַרמאַכן דעם שאָפּ, ווייל איך וויל, אַז אונדזערע אַרבעטער זאָלן אַרבעטן. וועסט מוזן אַראָפּלאָזן פֿון דיינע שכירות, ניט ווייניקער ווי פֿינף־און־צוואַנציק פּראָצענט. ווען עס וועט ווערן בעסער, וועל איך דיר געבן אַ העכערונג. אויב דו ווילסט ניט אַרבעטן פֿאַר ווייניקער, קענסטו זוכן אַ צווייטן דזשאָב״.

דער טשערמאַן האָט דעם זעלבן אָוונט גערופֿן אַ שאָפּ־מיטינג. די אַרבעטער האָבן באַריכטעט, וואָס ראַלף האָט זיי געזאָגט. די מערסטע אַרבעטער זענען געווען אויפֿגערעגט.

דער טשערמאַן האָט געזאָגט: „איצט זעט איר שוין, אַז די יוניאָן איז גערעכט. ווען עס קומט צו אַ לוין־העכערונג, שרייען די עלטערע באַלמעלאָכעס מען זאָל ניט איבערציִען דאָס שטריקל, אַז עס איז דער בעסטער דזשאָב אין טרעיד, און אַז די פֿירמע שניידט קיינמאָל ניט די שכירות. נו, וואָס זאָגט איר איצט?״

עס האָט גערעדט איין אַרבעטער נאָכן צווייטן. „פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר״, האָבן זיי זיך באַקלאָגט, „האָבן מיר ניט געקראָגן קיין לוין־העכערונג, כאָטש אין אַנדערע שעפּער האָבן די אַרבעטער יאָ גע־קראָגן. מיר אַרבעטן פֿאַר די נידעריקסטע שכירות, דערפֿאַר וואָס מיר האָבן געגלויבט, אַז אונדזערע שכירות זענען געזיכערט. אָבער אַז ראַלף וויל נאָך די איצטיקע מאָגערע שכירות שניידן, טאָר מען ניט דערלאָזן״.

מאָנטיק אינדערפרי זענען די אַרבעטער ניט געגאַנגען אין שאַפּ צו דער אַרבעט. דער טשערמאַן און אַ קאָמיטעט פון די אַרבעטער האָבן געגעבן צו ראַלפן. זיי האָבן אים דערקלערט, אַז ערשטנס, טאָר מען ניט שניידן קיין שכירות, ווייל ס'איז קעגן דעם קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן; צווייטנס, שניידט מען ניט קיין שכירות אין קיין שאַפּ און דריטנס, קענען זיי ניט דערלויבן אַזאַ זאַך, ווייל דאָס קען זיך פאַרשפּרייטן איבער אַלע שעפּער, און זיי ווילן ניט זיין די שולדיקע.

ראַלף האָט געענטפערט, אַז אויב די אַרבעטער ווילן, קענען זיי איינפּאַקן זייער געצייג און גיין געזונטערהייט.

די אַרבעטער האָבן דערקלערט אַ סטרייק קעגן דער פירמע. פּיקעטס מיט פּלאַקאַטן זענען אָוועקגעשטעלט געוואָרן לעבן דער געביידע.

ווען זלמן האָט דערזען די פּיקעטס האָט ער פאַרלאָזט דעם שאַפּ. ער האָט דערקלערט ראַלפן, אַז ער וועט קומען צו דער אַרבעט, ווען דער „טראָבל" וועט זיין פאַריבער.

כאַצקל, דער פאָרמאַן, איז אויך געווען איינער פון די סטרייקערס. ער האָט דערקלערט זלמנען, אַז עס פּאַסט אים ניט צו זיין אַ סטרייק-ברע־כער. זלמן האָט מיט אים איינגעשטימט.

ראַלף האָט געברענט קעגן די סטרייקערס. זיין צאָרן האָט ער אָפּן אַרויסגעוויזן קעגן כאַצקלען. „דו אויך", האָט ראַלף געזאָגט צו כאַצקלען, „דו ביסט דאָך אַ פאָרמאַן. וואָס האָסטו צו טאָן מיט די סטרייקערס? אַזוי דאַנקסטו אָפּ פאַר די טובות, וואָס מיר האָבן דיר געטאָן? דו קריגסט מער פון אַלעמען, כאָטש ביסט ווייניקער ווערט פון די אַנדערע אַרבעטער".

כאַצקל האָט ניט געענטפערט. אָבער ווען ראַלף האָט אים יעדן טאָג באַליידיקט אין דער אָנוועזנהייט פון די אַרבעטער, האָט ער זיך מער ניט געקענט קאָנטראָלירן.

אין אַ פרימאָרגן, ווען ראַלף האָט אים ווידער באַליידיקט און אים געזאָגט, אַז אַזעלכע אַרבעטער, ווי ער, רואינירן די פירמע, האָט כאַצקל אויסגעשריגן אַזוי, אַז אַלע פּיקעטס האָבן געהערט:

„ניין, ניט איך, ראַלף, נאָר דו האָסט רואינירט דיין טאַטן. מיר קענסטו ניט דערציילן. איך ווייס די גאַנצע געשיכטע. האָסט פאַרגעמבלט דיין טאַטנס פאַרמעגן אויף וואָל סטריט. האָסט באַגנבעט דיין טאַטן. ווען ניט דו, וואָלט צו דעם ניט געקומען. מען וואָלט ניט באַדאַרפט שניידן די שכירות פון די אַרבעטער.

ראַלף האָט זיך אָנגעצונדן פון כעס. ער האָט אַ זעץ געטאָן כאַצקלען אין פּנים. כאַצקל האָט אים צוריקגעשלאָגן. עס זענען אָנגעלאָפן פּאָלי־

ציי־לייט. זיי האָבן מיט זייערע שטעקנס צעשלאָגן כאַצקלען. מען האָט אים געמוזט אַוועקנעמען אין שפּיטאָל.

ראַלף האָט זיך דערשראָקן. ער האָט טעלעפאָנירט זיין לאָיער, ער זאָל באַלד קומען אין שאַפּ.

דער לאָיער האָט באַרואיקט ראַלפן. „האָסט ניט וואָס מורא צו האָבן, ראַלף. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס די פּאָליציי באַשיצט די לעבנס פון די באַסעס קעגן די צעיושעטע סטרייקערס", האָט דער לאָיער געזאָגט. „דאָס איז די פליכט פון דער פּאָליציי. זי וועט איר שטעטל באַשטיין".

„וואָס וועט זיין מיט דיינע וועקסלען, ראַלף?" האָט דער לאָיער געפרעגט. „דאָס איז וויכטיקער ווי די פאַרשטעלונג, וואָס די סטרייקערס האָבן אָפּגעשפּילט אויף דער גאַס".

„איך ווייס אַליין ניט", האָט זיך ראַלף געקלאָגט. „דער שאַפּ אַרבעט ניט, קיין ביזנעס טוט מען ניט. ווי אַזוי קען איך צאָלן די וועקסלען?"

„דער סוף וועט זיין, אַז דיינע קרעדיטאָרן וועלן ביי דיר אַלץ צונעמען ביז אַ קנעפּל, און וועסט אַרויס פון די ביזנעס אַן אָרעמאַן און אַ נאַר דערצו".

„איך קען גאָרניט טאָן", האָט ראַלף געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג. „דער אַלטער לאָזט ניט".

„רעדסט נאַרישקייטן", האָט דער לאָיער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „דער אַלטער פאַרשטייט ניט, אַז עס איז פאַר איך דאָ בלויז איין אויסוועג. און איך זאָג דיר, ראַלף, אַז סוף־כל־סוף וועסט דו זיין דער שולדיקער. ביסט ניט דער איינציקער. קענסט גרינג באַווייזן, אַז דו האָסט פאַרלוירן דיין קאַפּיטאַל אין וואָל סטריט קראַך. די ריכטער ווייסן דאָס. זיי אַליין האָבן פאַרלוירן שווערע הונדערטער טויזנטער".

„איך ווייס אַליין ניט, וואָס צו טאָן", האָט ראַלף געזאָגט אַ פאַרלוירענער.

„פּאַק־איין. רייניק אויס דעם שאַפּ. די פירמע פאַרמאָגט איבער הונדערט־און־פופציק טויזנט דאָלאַר סחורה. ראַטעווע דאָס אַרויס. ווען וועסט האָבן די סחורה אין דיינע הענט, וועלן זיך דיינע קרעדיטאָרן מיט דיר אויסגלייכן. זיי וועלן זיין צופרידן, אויב וועסט זיי געבן צען אָדער פופצן פּראָצענט פון זייערע חובות".

„ביסט גערעכט", האָט ראַלף אַ הילפלאָזער געזאָגט, „אָבער דער אַלטער לאָזט ניט".

„אַך, וואָס רעדסטו וועגן דעם אַלטן? ער איז אַן ערלעכער, אַלט־מאָדישער מאַן, ניט קיין געשעפטסמאַן. ער וועט אַרויס אַן אַ העמד, און צוליב אים וועסטו אַרויס אַן הויזן. פּאַק איין, זאָג איך דיר, פּאַק איין,

היינט", האָט דער לאָיער געזאָגט באַפּעלעריש. „שפּעטער וועט ווערן צו־שפּעט. ווען אַלץ וועט זיין פאַריבער, וועט דער אַלטער דיר זיין דאַנקבאַר".

„אָבער ווי אַזוי?" האָט ראַלף געפרעגט.

„ווי אַזוי? ווי אַזוי טוט די גאַנצע וועלט? מען ווייסט, אַז האָסט פאַרלוירן דיין געלט אויף וואָל סטריט. מען ווייסט, אַז דיינע אַרבעטער סטרייקן. מען ווייסט, אַז די פירמע איז אין אַ שלעכטן פינאַנציעלן צו־שטאַנד. טאָ וואָס טראַכסטו? האָסט אַ „ראָיאַל פלאַש" אין האַנט! פּאַק־איין, זאָג איך דיר!"

ווען דער לאָיער איז אַוועק, האָט ראַלף באַשלאָסן, אַז איצט איז די בעסטע געלעגנהייט, ווייל זיין פאָטער איז ניטאָ אין שאָפּ, און ביז וואַנען ער וועט צוריקקומען וועט אַלץ דערליידיקט ווערן.

ער האָט טעלעפאָנירט נאָך אַ פראַכט־וואָגן. ער האָט אָפּגעמאַכט מיט דער פירמע, אַז דער פראַכט־וואָגן זאָל קומען אַרום זיבן אַזייגער אין אָוונט. ווען עס וועט טונקל ווערן, האָט ער געטראַכט, וועט ער אַריינפירן די סחורה אין אַ זיכערן פּלאַץ.

איצט איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. באַלד, באַלד וועט ער זיך ספּראַ־ווען מיט דער נייער לאַגע. ער וועט אָנהויבן איינפּאַקן די סחורה אין פּעקלעך.

די אַרבעט האָט געברענט אונטער זיינע הענט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט געפונען אַ גוטן וועג זיך אַרויסצודרייען פון דער שלעכטער געלט־לאַגע. אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אָבער געשראָקן פאַר זיין טאַטן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש בראָנפן פון דעם שאַפעלע און האָט אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש. ער האָט זיך דערפילט אַ ביסל דערפרישט, און האָט זיך מיט מער אימפּעט גענומען צו דער אַרבעט. נאָך יעדן פאַר־ענדיקטן פּעקל האָט ער אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש.

דער בראָנפן האָט אָנגעהויבן ווירקן. ראַלף האָט גענומען רעדן אויפן קול. ער האָט זיך אויסגעטענהט מיט זיין טאַטן. „וואָס ווילסטו, טאַטע", האָט ראַלף געזאָגט, „איך זאָל פאַרקויפן פוירלס צירונג? ווילסט, אַז פוירל זאָל מיך אַוועקוואַרפן, האַ? איך ווייס, איך ווייס, זלמן באַלעגאָלע, אַז קוקסט אויס אויף דעם. איך ווייס, אַז דיר געפעלט ניט פוירל.

„וואו וועל איך נעמען צו האַלטן דינסטן און אַ שאָפער, ווילסטו וויסן, טאַטע? ווייסט שוין זען, טאַטע, פאַרטיקערהייט.

„עס געפעלט דיר ניט, באַלעגאָלע, וואָס איך לעב בעסער פון דיר, האַ? שרייסט אויף מיר, האַ? וואָס דענקסטו, איך בין אַ שיק־אינגל ביי דיר?

„איך, ראַלף, האָב אַרויפֿגעאַרבעט די ביזנעס. אָן מיר, וואָלסטו גע־בליבן אַ צושניידער און וואָלסט געאַרבעט פֿאַר יענעם. ניט אמת, זאָגסטו? איך זאָג ליגן? דו באַלעגאָלע, קענסט דאָך ניט אונטערשרייבן דיין נאָמען אַפֿילו. און אין די ביכער ווייסטו, וואָס עס טוט זיך? און מיט אַ „באַיער" קענסטו רעדן? און ווער פֿאַרהאַנדלט מיט די פּרעזידענטן פֿון די בענק, איך צי דו? און וועמען געטרויט מען אויף די וועקסלען, מיר צו דיר? און ווער איז דער קאָפּ פֿון דער פֿירמע, איך ראַלף בערמאַן, צי דו, זלמן באַלעגאָלע?

„אַ חתונה, זאָגסטו, האָב איך מיט פּוירלען דיר אָפּגעשפּילט? וואַרט, וואַרט, וועסטו זען, וואָס פֿאַראַ חתונה איך וועל דיר ערשט אָפּ־שפּילן.

„דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט, אַז ביסט אָנגעשטאָפּט מיט טויזנטער? באַהאַלטסט פֿון מיר. זעסט, אַז דיין איין־און־איינציקער זון טרינקט זיך, און גאָרניט, עס אַרט דיך ניט אַפֿילו. אַ טאַטע ביסטו? דו מיינסט, אַז איך בין אַ פֿערד, באַלעגאָלע? ווילסט, אַז איך זאָל אַרויס אָן הויזן. דאָס ווילסטו, האַ?"

פּלוצים האָט זיך ראַלף הילכיק צעלאַכט. אַ געדאַנק איז אים איינגע־פֿאַלן און ביי אים אַרויסגערופֿן פֿרייד און געלעכטער.

„מען דאַרף אָפּרופֿן פּוירלען! ניין, מען דאַרף ניט. פּוירלען וועל איך לאָזן וויסן פּאַרטיקעראַהייט".

נאָכאַמאָל האָט ראַלף געהערט שטיל און אַ זופּ געטאָן פֿון דער פֿלאַש:

„עס איז פֿאַראַן סחורה, וואָס באַטרעפֿט הונדערט־און־פֿופֿציק טויזנט דאָ־לער. ריכטיק! ווען איך וועל זיך אויסגלייכן מיט די קרעדיטאָרן, וועל איך צוריקברענגען פֿאַר הונדערט־טויזנט דאָלער סחורה אין שאַפּ אַריין, און די סחורה פֿאַר פֿופֿציק טויזנט דאָלער וועט בלייבן ביי ראַלפֿן. ריכ־טיק? ריכטיק!"

ראַלף האָט געפּאַטשט מיט די הענט און געלאַכט. דאָס הייסט אַ קאָפּ, האָט ער געפּאַטשט איבער זיין שטערן. „שכל, שכל דאַרף מען האָבן", האָט ער געשריגן. „ראַלף, האָסט אַ „ראָיאַל פֿלאַש" אין האַנט! זאָל נאָר ווערן פֿינצטער. דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס איך דאַרף: „אַ ביסל פֿינצטערניש, אַ ביסעלע, טאַקע אַ קליין ביסעלע..."

* * *

איינער פֿון די סטרייקערס, זלמנס אַ לאַנדסמאַן, האָט טעלעפֿאָנירט זלמנען און אים דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט ביים שאַפּ.

ווען זלמן האָט דערהערט, אַז כאַצקל איז אין שפּיטאָל, אין אַ קרי־

טישן צושטאַנד, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיקער צאָרן קעגן זיין זון. ער האָט ניט געקענט באַהאַלטן זיין צאָרן פון חיה־רחלען.

„איך זאָג דיר, זלמן, אַז זאָלסט מיר דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט און ווער האָט דיך געווּפן אויפן טעלעפאָן. אויב וועסט מיר ניט זאָגן", האָט חיה־רחל געוואָרנט זלמנען, „וועל איך גיין אין שאַפּ אַריין. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט ראַלפן".

זלמן האָט געמוזט דערציילן חיה־רחלען, וואָס עס האָט געטראָפן ביים שאַפּ. „חיה־רחל", האָט זלמן געזאָגט, „אונדזער לאַשעק האָט זיך ספּאַלאַשעט. זיין יפה־פיה האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, און ער ווייסט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. ער וועט אונדז אַלעמען טרייבן צו בעטלען ברויט".

„איצט איז ניט די צייט פאַר דעם", האָט חיה־רחל געזאָגט. „גיי זע, אַז כאַצקל זאָל קריגן דאָס בעסטע און שענסטע אין שפּיטאָל, און סעטל דעם סטרייק".

„ווי קען איך איצט גיין אין שאַפּ אַריין? ווי קען איך קוקן די אַרבעטער גלייך אין די אויגן? ביי מיר זאָל פּאַסירן אַזאַ מערדעריי?" האָט זיך זלמן געקאָכט. „ער האָט זיך אָנגעפּרעסן, דער זון דיינער, און בריקעט מיט די הינטערשטע פיס.

„זאָל נאָר פינצטער ווערן, וועל איך שוין לויפן אין שאַפּ אַריין. איך וועל אים שוין וויזן, דעם ווילדן לאַשעק", האָט זלמן גערעדט מיט ווייטיק. „איך וועל אים וויזן, וועל איך אים. ער וועט ביי מיר קייען די ערד, וועט ער ביי מיר".

„נאָר ניט מיט דער גראָבער זייט פון דער בייטש, זלמן!" האָט חיה־רחל געוואָרנט איר מאַן. „מיט גוטן וועסטו מער אויפטאָן. פאַרגעס ניט, אַז עס איז באַרג־אַראָפּ, און האָסט אַ פולן וואָגן מיט פּאַסאַזשירן".

זלמנען זענען געפעלן געוואָרן די קלוגע רייד פון זיין חיה־רחלען. אָבער ער האָט ניט געוואָלט באַכגעבן.

„נעמסט זיך אָן פאַר דיין צאַצקעדיקן בן־יחיד, חיה־רחל", האָט זלמן שטעכיק געזאָגט. „עס וועט שוין פון אים קיין לייט ניט זיין. ער האָט זיך פאַרנומען אויף שלעכטע וועגן. די שקאַפע, זאָג איך דיר, האָט אים צעווילדעוועט. ווייטער פאַר איך מיט אים ניט. אָדער ער וועט גיין אין שפּאַן, אָדער איך וועל פון אים אָפּשינדן די פעל".

„זלמן, אַפילו אַ פערד אויף פיר פיס גליטשט זיך אויך אויס. פאַכע ניט מיט דער בייטש, זאָג איך דיר. ראַלף און פוירל זענען אונדזערע קינדער".

„און איך זאָג דיר, אַז זי פּאַרט אויף אים רייטנדיק און טרייבט אים אַראָפּ פונעם גלייכן וועג".

„ביסט אַ חכם", האָט חיה־רחל געזאָגט, „וואָס איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט. איך וואָלט געוואָלט הערן, ווי אַזוי דו וואָלסט געהירזשעט, ווען דו קריגסט־אַריין אַזאַ שקאַפּע, ווי ראַלף האָט געקראָגן".

חיה־רחל האָט געוואוסט פון לאַנגע יאָרן דערפאַרונג, אַז דער איינ־ציקער מיטל איינצושטילן איר מאַנס כעס, איז צו רעדן מיט אים אויף זיין באַלעגאַלישער שפּראַך, וואָס דערמאַנט אים אין דער אַלטער היים.

זלמן האָט איינגעהאַלטן זיין צאָרן, כדי ניט צו ערגערן זיין חיה־רחלען, וועמען ער האָט ליב געהאַט מער ווי אַלץ אין דער וועלט. אָבער ביי זיך האָט ער באַשלאָסן, אַז עס איז געקומען די צייט אָנצולערנען ראַלפן.

ער האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז עס זאָל טונקל ווערן. ער איז פּאַ־מעלעך אַרויס פון הויז, אָבער אַזוי גיך, ווי ער איז אַרונטערגעקומען אין גאַס, האָט ער גענומען שפּאַנען מיט האַסטיקע טריט. די פּיקעטס זענען שוין ניט געווען ביים שאַפּ. ער איז גיך אַרויף אין שאַפּ אַריין.

ער האָט געעפנט די טיר פון אָפּיס און האָט דערזען פּעקלעך אויפן דיל. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיקער כעס אויף ראַלפן.

„אַזוי, האַ! עס איז דיר ניט גענוג, וואָס האָסט באַ׳גנב׳עט מיין געלט, ווילסטו איצט אַרויס׳גנב׳נען די סחורה אויך. אַן אַ העמד ווילסטו מיך לאָזן".

ראַלף האָט געשוויגן. זיין פאָטערס אומדערוואַרטער וויזיט האָט אויף אים געווירקט ווי אַ קאַלטער שפּריץ. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן.

„דו שווייגסט?" האָט זלמן פאַרביסן געזאָגט: „גיב אַהער די שליסלען און פאַרנעם זיך פון מיין שאַפּ".

„פון דיין שאַפּ? וואָס דענקסטו, איך בין דיין שיק־אינגל?" האָט ראַלף געשריגן. „דער שאַפּ איז מיינער".

„אַזוי, האַ, האָסט פאַרשפּילט מיין פאַרמעגן, צעשלאָגסט מיינע אַר־בעטער, און איצט ווילסטו מיך באַגנבענען און צונעמען דעם שאַפּ אויך?"

„ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך האָב פאַרשפּילט דיינס? דו האָסט געקראָגן, וואָס דיר קומט, און פיל מער, וואָס דיר קומט", האָט ראַלף מיט צאָרן געטענהט. „וואָס דענקסטו, איך האָב אַרויפגעאַרבעט די ביזנעס פון דיינעטוועגן?"

„דו האָסט אַרויפגעאַרבעט די ביזנעס?" האָט זלמן אויסגעשריגן. „דו האָסט רואינירט די ביזנעס. אָבער גענוג! האָסט פאַרגעמבלט

איבער צוויי־הונדערט־טויזנט דאָלער — גענוג! איצט פאַרנעם זיך פון דאַנען. גיי אויף וואָל סטריט".

„און אויב ניט, טאַטע?"

„טאַטע מיך ווייניקער! מער וויל איך דיך ניט קענען. אויב וועסט זיך ניט אָפּטראָגן פון שאַפּ, וועל איך רופן די פּאָליציי און דיך אַרעס־טירן אַלס אַ גנב. דו הערסט?"

„רוף, טאַטע, אַרעסטיר מיך! איך בין באַלעבאַס דאָ אין שאַפּ. איך קען דאָ טאָן, וואָס איך וויל".

זלמן איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן. ראַלף האָט אים געפּרוּווט צו־ריקהאַלטן, אָבער זלמן האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט. טאַטע און זון האָבן זיך ווילד געריסן איבער דעם טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש.

ווען זלמן האָט דערפילט ראַלפס הענט, האָט ער זיך מער ניט געקענט קאָנטראָלירן. „נעם אַראָפּ דיינע לאַפּעס פון מיר, דו, דו, דו..." און זלמן האָט אַ פּראַסק געטאָן ראַלפן איבער דער באַק.

„וועמען שלאָגסטו, דו פּאַסקודנער באַלעגאָלע?!" האָט ראַלף אַ געשריי געטאָן.

זלמן האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט מיט זיין מעכטיקער פויסט אַ זעץ געטאָן ראַלפן איבערן קאָפּ. ראַלף איז געפאַלן איבערן שרייב־טיש. זלמן האָט אַ נעם געטאָן דעם טעלעפאָן, און אַ געשריי געטאָן: „פּאָליס!"

ראַלף האָט אַ כאַפּ געטאָן די שווערע קופּערנע סטאַטוע פון אַן אינדיאַנער, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש און מיט זיין גאַנצן כּוח אַ זעץ געטאָן זיין טאַטן. פון זלמנס קאָפּ האָט זיך געגאָסן בלוט. ער איז געבליבן ליגן באַוואוסטלאָז אויפן דיל.

ראַלף איז געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער. דער „אינדיאַנער" איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין הוט און מאַנטל און איז אין איילעניש אַרויס פון שאַפּ.

ווען דער אָנטרייבער פון פּראַכט־וואַגן איז געקומען אין דער באַ־שטימטער צייט, האָט ער געפונען דעם אַלטן זלמן אויפן דיל אין אַ באַ־וואוסטלאָזן צושטאַנד. ער האָט טעלעפאָנירט דער פּאָליציי.

די פּאָליציי האָט אָן שוועריקייטן פעסטגעשטעלט, ווער זלמן איז. די פּאָליציי האָט באַזאָרגט, אַז זלמן זאָל אָפּגעפירט ווערן אין שפּיטאָל און אויך טעלעפאָנירט חיה־רחלען וועגן דעם אומגליק מיט איר מאַן. דער־נאָך האָט די פּאָליציי אַרעסטירט עטלעכע סטרייקערס אין זייערע היימען, און זיי פאַרהאַלטן אויפן פאַרדאַכט, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין שאַפּ און באַפאַלן דעם באַס.

חיה־רחל האָט אין שפּיטאָל געדונגען אַ פּריוואַט־צימער, האָט באַשטעלט אַ קראַנקן־שוועסטער און אַ דאָקטער, וואָס איז יעדע שעה געקומען אויפֿפּאַסן אויפֿן קראַנקן. חיה־רחל איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון זלמנס בעט. שטום און באַוועגלאָז איז זי געזעסן און געהיט איר זלמנען. אירע אויגן, אָנגעגאָסן מיט צער, זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איר קראַנקן און באַוואוסטלאָזן מאַן. זי האָט געוואוסט, אַז איר זלמן קעמפּט פֿאַר זיין לעבן. זי האָט געגלויבט, אַז מיט איר אַנוועזנהייט העלפֿט זי אים אין זיין קאַמף. זי איז געווען זיכער, אַז זייער פֿערציק־יעריקע שותּפֿות האָט זיי ביידן פֿאַראייניקט, אַז זלמן און זי זיינען געוואָרן איין אומצעשיידבאַרע איינהייט, אין פֿרייד און אין נויט. עס איז ביי איר ניט געווען דער מינדס־

טער צווייפֿל, אַז אויב איר זלמן פֿאַרלירט דעם קאַמף פֿאַר זיין לעבן, וועט אויך איר אייגן לעבן אָפּגעשטעלט ווערן. זי איז דערפֿאַר ניט אָפּגעטראָטן פֿון זיין בעט, און איז געווען גרייט צו באַגעגענען זיין דערוואַכונג, אָדער באַגלייטן אים אויף זיין אייביקער רייזע, אויב עס איז אַזוי באַשערט.

זלמן האָט שווער געאָטעמט. זיין ברייטע ברוסט האָט זיך ריטמיש באַוואויגן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פֿאָרט אויף זיין וואָגן, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. ער זיצט אַ זאָרגלאָזער אויף דער קאָזלע און האַלט די לייצעס אין זיינע קרעפֿטיקע הענט. עס טוט אים הנאה, וואָס זיינע צוויי יונגע, אויסגעפּאַשעטע פֿערד ווייסן, אַז זיי זענען ביי אים אין

די הענט, און זיי מוזן פֿאָלגן זיין יעדן קערעווע מיט די לייצעס. זאָלן זיי ניט פֿאָלגן, און ער וועט אַ צי טאָן די לייצעס, און אַ שניט טאָן די פֿערדישע מיילער מיט די שטאָלענע צוימלעך, און זיי וועלן פֿאַרשטיין, אַז מיט זלמנען פּראַוועט מען ניט קיין פּוילע שטיק.

פּלוצים, ווי פֿון אונטער דער ערד אַרויס, איז די רויטע פּוירל אָנגעלאָפֿן מיט איר גרויסן, שוואַרצן אויטאָמאָביל, און איז אים פֿאַרבייגעלאָפֿן ווי אַ שטורעם.

די פֿערד האָבן זיך דערשראָקן און האָבן זיך ווי ווילדע געלאָזט יאָגן אין גאַלאָפּ. ער ציט די לייצעס מיט זיין גאַנצן כּוח, אָבער ער קען ניט אָפּשטעלן די דערשראָקענע און צעווילדעוועטע פֿערד, וואָס טראָגן זיך ווי טייוואָלים. ער פֿילט, אַז ער שניידט די פֿערדישע מיילער מיט די שטאָלענע צוימלעך ווי מיט מעסערס. אָט־אָט און אים וועט געלינגען זיי איינצושטילן און אָפּשטעלן זייער ווילדן גאַלאָפּ. אָבער אין איין מאָמענט גיבןביידע פֿערד אַ צי זייערע העלדזער און קעפּ מיט אויסערגעוויינטלעכער קראַפֿט, און ער מוז נאָכלאָזן די לייצעס, אַז ניט קען ער אַראָפּגעשליידערט ווערן פֿונם וואָגן. ער ציט שוין ווידער די לייצעס, און ווידער מוז ער זיי נאָכלאָזן.

פּלוצים שלעכט! עס איז באַרג־אַראָפּ. איצט איז שוין אַלץ פֿאַרלוירן! זיין חיה־רחל, זיין בן־יחיד, און אַלע פּאַסאַזשירן. דער וואָגן וועט זיך איבערקערן און אַלץ איז קאַפּוט.

ניין! — באַשליסט זלמן — דאָס טאָר ניט פּאַסירן. איינהאַלטן! איינהאַלטן מיטן גאַנצן כּוח. שניידן מיט די שטאָלענע צוימלעך אָן רחמנות. אַ פֿאַרמעסט צווישן אים מיט די צעווילדעוועטע פֿערד. אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. ער גראָבט־איין איין פֿוס אין וואָגן. דעם צווייטן שפּאַרט ער אָן אין וועגטל פֿון וואָגן, און ציט די לייצעס מיט זיין גאַנצער ריזיקער קראַפֿט.

געראַטעוועט! אויס באַרג־אַראָפּ! איצט קומט באַרג־אַרויף. איצט איז שוין בעסער. איצט וועלן די סוסים ניט פֿליען אַזוי גיך.

אָבער ניין, עס איז נאָך ערגער. זיי פֿליען נאָך אַלץ גאַלאָפּ. שטיקלעך ערד און בלאָטע, וואָס ווערן אַרויסגעריסן דורך די פֿערדישע פּאַדקאָוועס, שמייסן אים אין פּנים, און אין די אויגן. דער וואָגן וואַרפֿט זיך אויף אַלע זייטן, און די פֿערד יאָגן זיך אָן אַן אָפּשטעל.

זאָלן זיי לויפֿן — באַשליסט זלמן אויף גיך — זאָלן זיי יאָגן. זיי וועלן מיד ווערן. אָבער נאָר אויפֿן אויסגעטראָטענעם וועג! נאָר ניט אַראָפּ פֿון וועג! מיט אַלע כּוחות האַלטן די צעווילדעוועטע פֿערד אויפֿן וועג, קיין איין טריט פֿונעם וועג. פֿליט — ביז איר וועט מיד ווערן.

זלמן זעט, ווי עס זעצט אַ פּאָרע פֿון זיינע פֿערד. ער פֿילט, אַז זיי ווערן שוואַכער, שוואַכער. באַלד־באַלד און ער ווער אַ צי טאָן די לייצעס, אַ שניט טאָן די פֿערדישע מיילער מיט די צוימלעך ביז בלוט. באַלד־באַלד און די ווילדע יאָגעניש וועט זיין פֿאַראיבער. זלמן פֿילט ווי זיינע מוסקולן שטאָלן זיך אין דעם לעצטן פֿאַרמעסט. ער פֿילט, ווי זיין קער־פּער גיסט זיך אָן מיט שטאָלענער קראַפֿט. באַלד, באַלד!

יעדע שעה, צו דער מינוט, איז דער דאָקטער אַריינגעקומען אין צימער באַטראַכטן דעם קראַנקן זלמן. יעדעס מאָל, וואָס דער דאָקטער האָט זיך באַוויזן, האָט חיה־רחל געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל געזאָגט: „עס איז נאָך ניט גוט, דאָקטער". דער דאָקטער האָט ניט געענטפֿערט. ביי זיך האָט ער געטראַכט: ווי גוט די אַלטיטשקע ווייסט די לאַגע פֿונם קראַנקן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט זלמן אָנגעהויבן שטיל כראָפּען. פֿרייד האָט זיך צעגאָסן אויף חיה־רחלס פּנים. אירע מידע אויגן האָבן זיך אָנגע־צונדן. ווען דער דאָקטער האָט זיך באַוויזן אין צימער, האָט חיה־רחל שטיל געזאָגט: „דאָקטער, עס איז שוין גוט".

דער דאָקטער האָט באַטראַכט דעם קראַנקן און פֿאַרזיכטיק געטאַפּט זלמנס דופּק. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו חיה־רחלען און געזאָגט: „יאָ, מיסעס בוירמאַן, אייער מאַן איז פֿיל בעסער. אָבער פֿון וואַנען ווייסט איר? איר זענט אַ דאָקטער?"

„ניין", האָט חיה־רחל שטיל און פֿאַרשעמט געזאָגט, „איך בין ניט קיין דאָקטער, נאָר איר זעט דאָך, אַז איך ווייס".

איר זיכערקייט האָט דעם דאָקטער נאָך מער פֿאַרוואונדערט.

„אויב אַזוי", האָט דער דאָקטער געזאָגט, „אפֿשר ווייסט איר אויך, ווען ער וועט זיך אויפֿכאַפּן?"

„געוויס ווייס איך", האָט חיה־רחל געענטפֿערט מיט אַ שמייכל. „קומט אַריין פֿינף אַזייגער פֿאַרטאָג, מיסטער דאָקטער".

„אַזוי, פֿינף אַזייגער, און אפֿשר ווייסט איר אויך, וואָס אייער מאַן וועט דעמאָלט זאָגן?"

„דאָס ווייס איך אויך, דאָקטער".

„וואָס, צום ביישפּיל?

חיה־רחל האָט געשמייכלט און געענטפֿערט: „ער וועט זאָגן, 'האָ, זאָגסט עפּעס, חיה־רחל?'"

דער דאָקטער איז אַרויס פֿון צימער און געלאַכט פֿון דער דערשלאָ־גענער פֿרוי.

פּונקט פֿינף אַזייגער איז דער דאָקטער געשטאַנען לעבן זלמנס בעט.

חיה־רחל איז שטיל געזעסן אויפֿן בענקל און זיך איינגעהערט צו זלמנס כראָפּען.

פּלוצים האָט זלמן אַ שוואַכן קרעכץ געטאָן. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר־זוך צו באַוועגן זיין קערפּער. דערנאָך האָט ער שוואַך, אָבער קלאָר אַרויס־גערעדט: „האַ, זאָגסט עפּעס, חיה־רחל?"

חיה־רחל האָט אָפּגעשטופּט דעם צעטומלטן דאָקטער און שטיל און צאַרט געזאָגט: „שלאָף, שלאָף נאָך אַ ביסל, זלמן".

זלמן האָט געעפֿנט די אויגן, אַריינגערוקט זיין האַנט אין העמד, זיך געשמאַק געקראַצט און געזאָגט: „נו, איז דאָס געווען אַ פּאָרן, שוין איין־מאָל אַ פּאָרן!"

חיה־רחל האָט אַ גליקלעכע און שיינענדיקע געשמייכלט. טרערן האָבן געפֿינקלט אין אירע אויגן.

* * *

די גאַנצע צייט, וואָס זלמן איז געלעגן אין שפּיטאָל, זיינען די סטרייקערס געהאַלטן געוואָרן אין תּפֿיסה. ווען זלמן איז אַרויס פֿון שפּיטאָל, איז פֿאָרגעקומען דער משפּט איבער די סטרייקערס.

אין געריכט האָט דער אַלטער זלמן געפֿילט, אַז ער ברעכט צוזאַמען אונטער די פֿראַגן פֿון דעם אָנקלאָגער.

„הייסט עס, איר זענט זיכער, אַז כאַצקל האָט אייך ניט דערלאַנגט איבערן קאָפּ?" האָט דער אָנקלאָגער נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבער־געפֿרעגט דעם אַלטן זלמן די זעלבע פֿראַגע.

„יאָ, איך בין זיכער", האָט זלמן מיט זיכערקייט באַנייט זיין ענטפֿער.

„ווער דען איז אייך אַזוי גזלניש באַפֿאַלן?"

„איך ווייס ניט..." האָט זלמן שטיל געזאָגט. זיין שווערער קערפּער האָט געציטערט, און ער האָט אויסגעמיטן זיין זונס בליקן.

„וועמען באַשיצט איר?... פֿאַרוואָס זאָגט איר ניט, ווער עס איז אייך באַפֿאַלן?"

„איך באַשיץ קיינעם ניט, קיינעם ניט"... האָט דער אַלטער זלמן געזאָגט.

„פֿאַרוואָס קענט איר ניט אויסזאָגן, ווער עס איז אייך באַפֿאַלן?"

„ווייל איך ווייס ניט... ווייל דער... דער... וואָס איז מיך באַפֿאַלן האָט דאָס געטאָן פֿון הינטן, האָב איך דאָך אים ניט געקענט זען".

דער אַלטער זלמן האָט געפֿילט, אַז ער האָט מיט זיין ענטפֿער באַזיגט דעם פּראָקוראָר, און ער האָט דערפֿילט אַ באַרויקנדיקע צו־פֿרידנקייט.

אָבער דער פּראָקוראָר האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. „אויב אַזוי, אויב איר האָט יענעם, וואָס איז אייך באַפאָלן, ניט געקענט זען, טאָ פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז כאַצקל איז ניט געווען דער, וואָס האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו דערמאָרדן אייך ?"

זלמן איז געבליבן זיצן אַ פּריטשמעלעטער. ער האָט דערפֿילט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן מיט זיין ענטפֿער און אַז כאַצקל איז אין געפֿאַר.

„נו, וואָס זאָגט איר, מיסטער בערמאַן ? וואָס קענט איר ענטפֿערן אויף מיין פֿראַגע ?"

זלמן האָט געקוקט אויף כאַצקלען. עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס דער אומשולדיקער כאַצקל ווערט אומזיסט באַשולדיקט.

„ווייל", האָט זלמן ענדלעך געענטפֿערט, „ווייל כאַצקל האָט עס ניט געטאָן, זאָג איך אייך... איך בין זיכער".

„פֿון וואַנען זענט איר אַזוי זיכער ?"

„ווייל כאַצקל איז מיין פֿריינט... ער איז מיר געטריי... ווי מיין אייגענער"...

זלמנס שטימע איז פֿאַרשטיקט געוואָרן. מיט אָנשטרענגונג האָט זלמן קוים אַרויסגערעדט שטיל און מיט ווייטיק : „ווי מיין אייגענער... זון"...

„לויט אייערע אומזיכערע ענטפֿערס ווייזט אויס, אַז איר זענט ניט אַזוי זיכער, צי כאַצקל איז אייך טאַקע אַזוי געטריי, ווי אייער אייגענער זון", האָט דער פּראָקוראָר איראָניש גערעדט צו זלמנען.

זלמן האָט פֿאַרביסן זיינע ליפּן ביז ווייטיק. זיין עקשנותדיק שוויגן האָט הנאה געטאָן דעם פּראָקוראָר.

ראַלף, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין געריכט, האָט פֿרייער אָפּגעאָטעמט, ווען זיין פֿאָטער איז אַרונטער פֿון עדות־שטול. ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פֿון זיין פּנים און האָט אויסגעמיטן זיין פֿאָטערס שניידנדיקע בליקן.

כאַצקלס אויפֿריכטיק עדות־זאָגן האָט דעם פּראָקוראָר געהאָלפֿן אויסשפּרייטן די נעץ.

„אין דעם טאָג, וואָס מיסטער בערמאַן איז מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן, ביסטו געווען ביים שאַפּ ?" האָט דער פּראָקוראָר געפֿרעגט כאַצקלען.

„יאָ", האָט כאַצקל געענטפֿערט. „איך בין דאָרט געווען אינדערפֿרי, אין"...

„און עס איז פֿאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן דיר און ראַלף בערמאַן ?"

„יאָ, אָבער"...

„און דו האָסט אים געסטראַשעט, אַז דו וועסט זיך מיט אים אָפּרעכענען?"

„איך געדענק ניט, וואָס איך האָב געזאָגט. איך בין געווען אויפגערעגט".

„און איצט ווילסטו אויך צוריקגעקומען צום שאַפּ? אמת?" האָט דער פּראָקוראָר שטיל און ביטער געפרעגט.

„יאָ", האָט כּאַצקל געענטפערט. „איך האָב זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פאַר ראַלפן. עס האָט מיר ווי געטאָן, פאַרוואָס איך בין אויפגערעגט געוואָרן".

„נו, האָסטו זיך אַנטשולדיקט פאַר ראַלפן?"

„ניין".

„פאַרוואָס?"

„איך האָב אַרומגעשפּאַצירט איבער דער גאַס, וואו דער שאַפּ געפינט זיך... איך האָב ניט געקענט אַרויפגיין אין שאַפּ... איך האָב ניט געהאַט קיין מוט"...

„האָסטו, הייסט עס, ניט געזען ראַלפן?"

„יאָ, איך האָב אים יאָ געזען. ער האָט גיך געשפּאַנט אויף דער גאַס ביים שאַפּ. ער איז כּמעט ווי געלאָפן. האָב איך געטראַכט, אַז ער איז געוויס פאַרנומען. האָב איך באַשלאָסן מיט אים צו רעדן אַן אַנדערש מאָל".

„ווי לאַנג האָסטו שפּאַצירט אין גאַס לעבן שאַפּ?"

„איך דענק, אַרום אַ שטונדע".

„נו, און דעם אַלטן בערמאַן האָסטו ניט געזען גיין אין שאַפּ אַריין?"

„ניין".

„ראַלף בערמאַנען האָסטו געזען אַרויסגיין פון שאַפּ. ער איז, זאָגסטו, געלאָפן. אָבער דעם אַלטן בערמאַן האָסטו ניט באַמערקט. ווייסטו דען ניט, אַז ער איז געקומען אין שאַפּ אַריין פּונקט אין דער צייט, וואָס דו זאָגסט, אַז דו האָסט שפּאַצירט אַרויף־און־אַראָפּ אין גאַס, וואו דער שאַפּ געפינט זיך?"

„ניין, דעם אַלטן בערמאַן האָב איך ניט געזען"...

„ביסט געווען אַ פאָרמאַן ביי דער פירמע בערמאַן און זון?"

„יאָ".

„זיי האָבן דיך גוט באַהאַנדלט?"

„זייער גוט. בעסער קען גאָרניט זיין".

„טאָ, פאַרוואָס סטרייקסטו קעגן דער פירמע?"

„איך... צוליב די אַרבעטער... איך קען ניט סקעבן..."

„באַלאַנגסט צו דער יוניאָן?"

„ניין, איך בין אַ פֿאַרמאַן. פֿאַרלייט באַלאַנגען ניט".
„דאָך סטרייקסטו ?"
כאַצקל האָט געשוויגן.
„און האָסט געסטראַשעט דיין באָס, אַז וועסט זיך אָפּרעכענען מיט אים ?"
„איך זאָג דאָך אייך, אַז איך בין געווען אויפֿגערעגט. איך געדענק ניט, וואָס איך האָב געזאָגט".
„אָבער דו געדענקסט, אַז דו האָסט געשלאָגן ראַלף בערמאַן ?"
„יאָ, אָבער" ...
„און ביסט צוריק געקומען אין אָוונט, ווען עס איז געוואָרן טונקל, ווען די סטרייקערס זענען ניט געווען ביים שאַפּ, ווען די שעפּער אין יענער געגנט ווערן פֿאַרמאַכט, און עס זענען ניטאָ קיין פֿיל מענטשן, ווען די פּאָליציי איז מער ניטאָ ביים שאַפּ ? אמת ?"
„יאָ, אָבער" ...
„כאַצקל, האָסט די שליסל צום שאַפּ ?"
„יאָ".
„ווען ביסט אַרונטער אין סטרייק, האָסטו צוריקגעגעבן די שליסל צו די באַלעבאַטים ?"
„ניין, זיי האָבן ביי מיר ניט געפֿאָדערט די שליסל... זיי טרויען מיר... זיי קענען מיך" ...

* * *

„כאַצקל לעווין, האָט דער אַלטער ריכטער גערעדט, ווי ער וואָלט געלייענט פֿון אַ בוך. „די דזשורי האָט דיך געפֿונען שולדיק אין אַ פֿאַר־זוך צו באַרויבן די פֿירמע ׳בערמאַן און זון׳, און אין מערדערלעכן אָנגריף אויף דיין באַלעבאָס זלמן בערמאַן".
„אַזוי ווי דאָס איז דיין ערשטער פֿאַרברעכן, און צוליב דעם, וואָס דיין באָס שטעלט זיך איין פֿאַר דיר און בעט מען זאָל דיר געבן אַ גרינגע שטראָף, וועל איך דיך פֿאַרמשפּטן בלויז צו זעקס חדשים פּריזאָן" ...

* * *

שפּעט ביינאַכט זענען ראַלף, זיין אַדוואָקאַט, און דער יונגער פּראָקו־ראָר און דער אַלטער ריכטער געזעסן אין איינעם פֿון די רייך־באַפּוצטע צימערן פֿון דעם גבירישן קלוב־הויז און געשפּילט אין קאָרטן.
ראַלף האָט געהאַלטן אין איין גיסן אין זיך בראַנפֿן.
„ראַלף", האָט דער אַלטער ריכטער רואיק געזאָגט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, „בראַנפֿן און קאָרטן זענען אַ שלעכטער צווילינג.

ביסט סיי־ווי אַ שלעכטער קאָרטן־שפּילער. אַפילו ווען ביסט ניכטער פאַרלירסטו. ווען דו ווערסט פאַרשנאַשקעט, קענסטו ניט געווינען, אַפילו ווען דו האָסט אַ ‚ראַיאַל פלאַש'"...

ראַלף האָט אַ גיכן בליק געטאָן אויף זיין אַדוואָקאַט, און האָט זיך אַנגעשטרענגט מיטצולאַכן מיט זיינע פריינט.

„הער ריכטער", איז אים זיין אַדוואָקאַט געקומען צוהילף, „ראַלף האָט געהאַט אַ שווערן טאָג. מען קען אים ניט באַשולדיקן, ווען ער נעמט אַן איבעריקן טרונק".

„כאַצקל האָט געהאַט אַן ערגערן טאָג", האָט דער יונגער פּראָקוראָר געזאָגט מיט אַ טריאומפירנדיקן געלעכטער.

דער אַלטער ריכטער האָט אַ שטרענגן קוק געטאָן אויף אים.

„ס'איז אַ פאַרדאַרבענע וועלט", האָט דער יונגער פּראָקוראָר פילאָ־זאָפיש געזאָגט. „דער אַלטער האָט געגאָסן טרערן פאַר כאַצקלען... דער טייוול ווייסט פאַרוואָס... ‚ער איז ווי אַן אייגענער זון'... — האָט דער נאַרישער, גוטהאַרציקער אַלטער געהאַלטן אין איין טענהן".

„יאָ, אַ פאַרדאַרבענע וועלט", האָט דער אַלטער ריכטער געזאָגט. „הער אויף גיסן אין זיך, ראַלף, און שפּיל אויס די שפּיל ווי עס באַ־דאַרף צו זיין... יאָ, יאָ", האָט ער פאַרגעזעצט. „עס איז שלעכט אויף אונדזער וועלט... אויב אַן אייגענער זון קען באַגיין אַזאַ פאַרברעכן קעגן אַזאַ קלוגן, ערלעכן און אַנשטענדיקן אַלטן טאַטן, איז שלעכט, זייער שלעכט"...

ראַלף האָט אַ ציטער געטאָן.

„שפּיל, ראַלף", האָט דער ריכטער האַרט געזאָגט, „אָבער שפּיל מיט שכל און מיט האַרץ. פאַרלאָז זיך ניט אויף מזל. מזל איז אַ בלינדע זאַך... פאַרשטייסט?!"

אַלע האָבן האַרציק געלאַכט.

* * *

און אין כאַצקלס היים זענען געזעסן זיין אַלטע מאַמע און זיין יונגע פרוי און האָבן ביטער געוויינט.

דזשאַני

דזשאַני האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט פון זיין געשמאַקן שלאָף. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמיצער האָט אים אַ רוף געטאָן ביים נאָמען.

אין זיין קליינעם שלאָף־צימער איז נאָך געווען פינצטער, כאָטש עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן.

דזשאַני האָט אַ געניץ געטאָן און האָט זיך פויל איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט פאַרצוזעצן זיין שלאָף, וואָס איז פּלוצים אָפּגעהאַקט געוואָרן.

ער איז אָבער ניט איינגעשלאָפן. ער האָט געהערט פאַרשטיקטע שטימען, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין צימער. ער האָט איינגעהאַלטן זיין אָטעם, און האָט זיך מיט אַלע חושים איינגעהערט. ער האָט דערקענט זיין מאַמעס שטימע, אָבער ער האָט ניט געקענט כאַפּן אירע ווערטער. ער האָט געהערט נאָך עמיצן רעדן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז אַ מענער־שטימע.

ער איז שטיל אַרויס פון בעט, צוגעגאַנגען צו דער טיר, און צוגע־לייגט זיין אויער צום אָפענעם שפּאַלט.

דזשאַני האָט דערקענט די שטימע. מעק, דער אייגנטימער פונעם שענק־הויז! דאָס איז ער, דער געזונטער, גראָבער מעק, מיטן רויטן פּנים און מיט די גרינע, קליינע אייגעלעך. אַך, ווי דזשאַני האָט אים פיינט געהאַט! ווי קומט ער אַהער? וואָס וויל ער? דזשאַני האָט איינגע־האַלטן זיין אָטעם און זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן דעם שמועס צווישן זיין מאַמען און דעם באַלעבאָס פונם סאַלון.

דזשאַני האָט ברייטער געעפנט די טיר. די ווערטער האָבן זיך דייטלעכער דערטראָגן צו זיין אויער.

מעק האָט גערעדט שטיל אויף זיין הייזעריקער שטימע, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ שטיל געבעט געמישט מיט אַן ערנסטער וואָרנונג.

„געדענק, מעגי! דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך טאָלקעווע מיט דיר. געדענק מיינע ווערטער: ווי אַזוי דו וועסט אויסבעטן דיין בעט אין דער יוגנט, אַזוי וועסטו שלאָפן אויף דער עלטער".

„איך קען ניט, מעק", האָט דזשאַני געהערט זיין מאַמעס פאַר־שטיקטע ווערטער.

„דאָס איז ניט קיין ענטפער", האָט מעק איבערגעשלאָגן מעגיס רייד. „וואָס הייסט, דו קענסט ניט? וואָס ביסטו, ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן? ביסט אַ דערוואַקסענער מענטש. האָסט אַ געלעגנהייט. טאָ וואָרף זיך ניט. אַנדערע פרויען וואָלטן זיך געשאַצט גליקלעך, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט".

מעגי האָט געשוויגן.

דזשאַניס נייגעריקייט איז געשטיגן. ער איז ניט אַפּגעטראָטן פון דער טיר.

„נו, איז וואָס זאָגסטו, מעגי?" האָט מעק ווידער אָנגעהויבן. „גע־דענק, מעגי, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל".

„ניין, מעק, איך קען ניט", האָט מעגי געענטפערט. „איך קען ניט צוליב דזשימען, צוליב דזשאַנין. זיי זענען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג. איך וואָלט זיך גיכער איבערגעשניטן דעם האַלדז".

דזשאַני האָט געהערט, אַז זיין מאַמע וויינט אין דער שטיל. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון אויפגערעגטקייט און נייגער.

„הא", האָט מעק געזאָגט, „דזשים און דזשאַני! דזשים וועט שוין קיינמאָל ניט אַרויסקומען פון הינטער די גראַטעס. וועסט דאַרפן וואַרטן אויף אים ביזן טויט".

דזשאַני האָט אַ ציטער געטאָן. דזשים, זיין טאַטע, איז הינטער גראַ־טעס! און ער האָט געגלויבט זיין מאַמען, אַז זיין טאַטע איז טויט.

„און וועגן דזשאַנין וויל איך דיר אַט־וואָס זאָגן: ער איז ווי זיין טאַטע — אַ ווילדער בויאַן. קיין דזשאָב קען ער ניט אָנהאַלטן. אַ פּראַיז־פאַיטער ווילט זיך אים זיין. גאַנצע טעג פאַרברענגט ער מיט זיין באַנדע חברים אין די פּול־רומס. פאַר אים ווילסטו זיך מקריב זיין? ער איז דאָס ניט ווערט. עס וועט פון אים קיין לייט סיי־ווי־סיי ניט זיין.

„קום צו מיר, זאָג איך דיר. איך בין איינער אַליין. איך נויטיק זיך אין אַ באַלעבאָסטע. לאַנג וועל איך בלייבן אַן אלמן? ביי מיר וועט דיר זיין גוט. וועסט גאָרניט האָבן וואָס צו זאָרגן. וועסט ניט דאַרפן גיין וואַשן פרעמדע דילן".

דזשאַני האָט שטיל געקריצט מיט זיינע שטאַרקע ציינער. זיינע יונגע מוסקולן האָבן זיך אָנגעשטייפט ווי צו אַ געשלעג.

„נײַן, מעק! און הער אויף צו צאַפּן מײַן בלוט. דזשאַני איז אַ גוט קינד. ער איז ערלעך און געטרײַ ווי דזשים. איך וועל זיי ניט פֿאַרלאָזן. איך שווער ביי גאָט״.

„נו, אויב דאָס איז דײַן באַשלוס, מעגי, ווײַל איך דיר דערמאָנען, אַז ביסט מיר שולדיק פֿאַר צען חדשים דירה־געלט. איך האָב געוואַרט, כ׳האָב אַלץ געהאָפֿט, אפֿשר וועסטו קומען צום שכל. נאָר אויב אַזוי, ווייסטו דאָך, דירה־געלט איז דירה־געלט״.

„איך וועל דיר ניט בלײַבן שולדיק, מעק! איך וועל דיר באַצאָלן יעדע פּעני. איך וועל דיר באַצאָלן, מעגסט מיר גלויבן. ביסט דאָך פֿאָרט אַן אייגענער, אַ בלוט־פֿאַרוואַנדטער. דו ביסט דער אײנציקער, וואָס ווייסט מײַן אומגליק. ביסט חלילה ניט קיין אָרעמאַן. מעגסט וואַרטן אַ ביסל און מיך ניט דריקן״.

„איך האָב גענוג געוואַרט. איך וועל וואַרטן נאָך אַ ביסל, אָבער אייביק קען איך ניט וואַרטן. האָב מיר אַ גוטן טאָג, מעגי. און טאָמער וועסטו דאָך קומען צום שכל, זאָלסטו מיר לאָזן וויסן. מײַן טיר איז אָפֿן פֿאַר דיר. אָבער זע, אַז עס זאָל ניט ווערן צו־שפּעט״.

ווען מעק איז אַרויס פֿון הויז, איז דזשאַני אויף גיך צוריק אַרײַן אין בעט. ער האָט געהערט זײַן מאַמען כליפּען. ער האָט געוואוסט, אַז זי שטרענגט זיך אָן צו דערשטיקן איר געוויין, ער זאָל ניט הערן.

ער האָט נאָך אַלץ געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. אין קאָפּ האָבן געדאַנקען זיך געיאָגט, ווי כוואַליעס געטריבן פֿון אַ בייזן ווינט. פֿאַרוואָס איז מײַן טאַטע אין פּריזאָן? — האָט דזשאַני געטראַכט. פֿאַרוואָס האָט דאָס מײַן מאַמע פֿאַרלייקנט פֿאַר מיר?

מעק ווייסט וועגן דעם. מעק! דזשאַני איז אויפֿגערודערט געוואָרן. קיינער האָט אים ניט ליב, דעם רײַכן גראָבן חזיר. ער אַליין האָט אים שטענדיק פֿײַנט געהאַט. איצט האָט ער אים נאָך מער פֿײַנט. דזשאַני האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס מעק וויל פֿון זײַן מאַמען. כאָטש דזשאַני איז קוים זעכצן יאָר אַלט געווען, האָט ער דאָך פֿאַרשטאַנען, וואָס מעק האָט פֿאַר־געשלאָגן זײַן מאַמען.

עס האָט אים ווי געטאָן פֿאַר זײַן שיינער מאַמען. מיט אירע לאַנגע בלאָנדע האָר און טיף־בלויע אויגן און שלאַנקן קערפּער, האָט זי בײַ אים אויסגעזען ווי אַ הייליקע מאַדאָנע.

מיט מעקן, האָט דזשאַני באַשלאָסן, וועט ער זיך אָפּרעכענען. שוין לאַנג, אַז ער טראָגט אויף אים אַ כעס. ער קען ניט פֿאַרגעסן, ווי דער גראָבער מעק האָט אים מיט עטלעכע יאָר צוריק אָנגעבראָכן די ביינער, ווײַל דזשאַני האָט זיך אַרײַנגערוקט אין שענק־הויז און אַרויסגעגנבעט


BAR

עטלעכע געזאַלצענע בייגל פֿון דער גרויסער שיסל, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן קיילעכדיקן טיש.

ער האָט שוין לאַנג באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט מעקן אַזוי גיך ווי ער וועט אונטערוואַקסן. איצט האָט ער די געלעגנהייט. מעק איז שוין ניט דער, וואָס איז געווען אַמאָל. ער איז עלטער און שווערער, און עס פֿעלט אים אויס אָטעם. און ער, דזשאַני, וואַקסט, און פֿילט, אַז זיינע מוסקולן זענען אָנגעגאָסן מיט אַ גרויסער קראַפֿט. יאָ, האָט דזשאַני באַשלאָסן, עס איז געקומען די צייט, אַז ער זאָל מעקן אָנלערנען.

אָבער זיין מאַמע — ווי אַזוי קען ער העלפֿן זיין אָרעמער מאַמען? זי וויל מיך ניט פֿאַרשעמען, האָט דזשאַני געטראַכט. דעם האַלדז וואָלט זי זיך בעסער איבערגעשניטן.

נייך, מאַמע, וועסט דאָס ניט דאַרפֿן טאָן. ניט אַזוי לאַנג ווי איך לעב, — האָט דזשאַני גערעדט צו זיך, — איך וועל גיכער מעקן דעם האַלדז איבערשניידן.

ער האָט דערהערט זיין מאַמעס טריט, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו זיין שלאָף־צימער. ער האָט פֿאַרמאַכט זיינע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפֿן.

„דזשאַני, זון, שטיי אויף! גענוג געשלאָפֿן!" ער האָט געהערט זיין מאַמעס שטימע. ער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן.

מעגי איז צוגעקומען צו דזשאַניס בעט. זי האָט צערטלעך געריסן זיין געדיכטע קוטשמע בלאָנדע האָר, און מוטערלעך געפּאַטשט איבער זיינע באַקן.

„שטיי שוין אויף, דו פֿוילאַק איינער!" האָט מעגי גערעדט צו אים. „די גאַנצע וועלט איז שוין וואַך, און דו בלויז איינער שלאָפֿסט".

דזשאַני האָט זיך אומיסנע געלאָזט וועקן ווי יעדן פֿרימאָרגן, ניט אַרויסצורופֿן זיין מאַמעס פֿאַרדאַכט. ענדלעך האָט ער געגומען געגעצן. ער האָט אויסגעצויגן זיינע לאַנגע אָרעמס אין דער לופֿטן, פּונקט ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפֿגעוואַכט.

מעגי האָט ווי שטענדיק געקיצלט אים אונטער די אויפֿגעהויבענע אָרעמס — איינער פֿון די מיטלען, וואָס זי פֿלעגט נוצן אויפֿצואוועקן אים.

דזשאַני האָט ברייט געעפֿנט די אויגן, האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין מאַמען, און פּלוצים זי איינגעקלעמט אין זיינע יונגע מעכטיקע אָרעמס און באַדעקט איר פּנים מיט קושן.

„אוי", האָט מעגי געשריגן, „מיינע ריפּן, צעמאָלסט מיינע אַלטע ביינער. לאָז מיך אָפּ! ביסט פֿון זינען אַרונטער? וואָס האָט זיך דיר געחלומט?"

דזשאַני האָט אַ ביסל לויז געלאָזט דעם אייזערנעם רינג, וואָס ער האָט מיט זיינע קרעפּטיקע אָרעמס פאַרפלאָכטן אַרום זיין מאַמעס קערפּער.

מעגי איז געבליבן מאַכטלאָז ליגן אויפן בעט לעבן דזשאַנין און האָט שווער געאָטעמט. זי איז געווען טיף דאַנקבאַר איר בן־יחיד פאַר זיין ליבע, כאָטש עס האָט אים געפעלט די נויטיקע צערטלעכקייט. זי האָט פאַרבאָרגן איר פריידע, און האָט כלומרשט מיט רוגזה געזאָגט:

„ביסט משוגע, דזשאַני. ביסט ברוטאַל. וואָס פּלוצים ביסטו מיך באַפאַלן? מיינסט, כ'האָב דיין כוח? ביסט אַ ווילדער מענטש, פּונקט ווי דיין טאַטע".

דזשאַני האָט אויפגעציטערט. „ווי דער טאַטע? ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען, מאַמע?"

„אָט האָסטו דיר, שוין ווידעראַמאָל. איך האָב דיר שוין פיל מאָל געזאָגט. דיין טאַטע איז געווען אַ רויטער, מיט געדיכטע גראָבע רויטע האָר, אַ הויכער ברייט־ביינערדיקער יונג, מיט צוויי מעכטיקע לאַפּעס, און אַ כעסן, אַז עס איז געווען אַ שרעק".

„נו, גענוג, גענוג, דזשאַני, גענוג געפּלוידערט", — האָט מעגי גערעדט צו אים מיט אַן ערנסטן טאָן. „איצט איז ניט די צייט פאַר דעם. שטיי אויף און גיי געפין אַרבעט. מיר נויטיקן זיך אין געלט. עס איז שוין צייט, זון, אַז זאָלסט מיר אַרויסהעלפן. מיר זענען שולדיק דירה־געלט. מיר זענען שול־דיק דעם גראָסערי־מאַן, דעם בעקער, דעם בוטשער, און ווען זענען מיר ניט שולדיק?"

דזשאַני איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט ווי שלאַנגען וואָלטן אים אַ ביס געטאָן.

* * *

עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד האָט דזשאַני געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן פאַר־זוך צו קריגן אַרבעט. ער איז געקראָכן איבער הונדערטער טרעפּ, פון שטאָק צו שטאָק, פון שאָפּ צו שאָפּ. אומעטום האָט ער געקראָגן דעם זעלבן ענטפער: „ניין, מען דאַרף ניט קיין אַרבעטער".

ער האָט געוואַנדערט איבער די גאַסן. וואו נאָר ער האָט דערזען אין אַ גאַס, אַז מען בויט אַ געביידע, אָדער מען רייסט אַרונטער אַן אַלטן בנין, האָט זיין האָפענונג אויפגעבליט.

„אָט־דאָ וועל איך זיכער קריגן אַרבעט", האָט דזשאַני געטראַכט, איידער ער האָט אָנגעפרעגט צי מען דאַרף אַרבעטער. אָבער זיין זיכער־קייט האָט אים ווייניק געהאָלפן. „ניין, מען דאַרף ניט", — איז אומעטום געווען דער זעלבער קורצער ענטפער. זיין האָפענונג צו קריגן אַרבעט איז פאַרשוואונדן. עס איז אים געווען שווער אויפן האַרצן.

„נו, אַהיים", האָט דזשאַני באַשלאָסן. „היינט, ווי עס ווייזט אויס, איז ווידער ניט קיין מזלדיקער טאָג".

אויפֿן וועג אַהיים איז ער אַריין אין „פּול־רום", עטלעכע בלאָק פֿון זיין הויז.

„העלאָ, דזשאַני", האָט אים טאָני, דער אייגנטימער פֿריילעך באַגריסט. „וואָס איז, דזשאַני, וואָס ביזטו אַזוי פֿאַרזאָרגט? האָסט פֿאַרלוירן דיין פֿאַרמעגן אויף וואָל סטריט, אָדער דיין געליבטע האָט דיך אַוועקגעוואָרפֿן?"

„עס איז שלעכט, טאָני", האָט זיך דזשאַני באַקלאָגט.

„וואָס איז?"

„איך מוז האָבן אַ דזשאָב, טאָני. אפֿשר קענסטו מיר העלפֿן? איך דאַרף זייער נויטיק אַרבעט. איך מוז אַרבעטן".

טאָני האָט געקוקט אויף דזשאַנין און אים אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט.

„וואָס איז געוואָרן מיט דיין דזשאָב אַלס אַרויסהעלפֿער אויף פֿרענקס פֿרוכט־טראָק?" האָט טאָני געפֿרעגט.

„ער דאַרף מיך מער ניט". האָט דזשאַני געענטפֿערט.

„האָסט כאָטש אויסגעלערנט זיך טרייבן דעם טראָק?"

„יאָ", האָט דזשאַני געענטפֿערט, „אָבער איך קען נאָך ניט קריגן קיין לאַיסענס. איך בין צו יונג".

„ביסט אַ וואוילער יאַט, דזשאַני", האָט טאָני געזאָגט מיט אַן ערנסטן און דורכגעטראַכטן טאָן. „מיר דאַכט זיך, אַז מען קען זיך פֿאַרלאָזן אויף דיר. גיי ניט אַוועק. איך וועל זען, וואָס איך קען טאָן פֿאַר דיר".

„אַ דאַנק, טאָני", האָט דזשאַני געריררט פֿון טאָניס פֿריינטשאַפֿט געזאָגט. „איך וועל זיך ניט רירן פֿון דאַנען. איך וועל וואַרטן דאָ אַ טאָג מיט אַ נאַכט".

טאָני האָט געשמייכלט. ער האָט אָנגעטאָן זיין רעקל און זיך געלאָזט צו דער טיר. „וואַרט דאָ, דזשאַני, איך קום באַלד צוריק".

טאָני איז גיך צוריקגעקומען מיט זיינעם אַ פֿריינט. זיי זענען ביידע אַריין אין הינטערשטן צימער. טאָני האָט אַ רוף געטאָן דזשאַנין.

„דאָס איז דער יאַט", האָט טאָני געזאָגט זיין פֿריינט, אָנווייזנדיק אויף דזשאַנין. „איך קען אים שוין אַ פּאָר יאָר. ער איז אַ וואויל אינגל. מעגסט אים טרויען".

דזשעק האָט דורכגעשטאָכן דזשאַנין מיט זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן.

„קענסט טרייבן אַ טראָק?"

„יאָ" האָט דזשאַני געענטפֿערט.

„און האַלטן ס'מויל קענסטו אויך ?"

דזשאַני האָט זיך פֿאַרלוירן.

„איך גאַראַנטיר פֿאַר אים", האָט זיך טאָני אַריינגעמישט. „ער וועט זיך בעסער לאָזן צעשניידן אויף שטיקלעך, איידער מסרן אַ פֿריינט. זאָג איך אמת וועגן דיר, דזשאַני ?"

„אמת, טאָני", האָט דזשאַני געענטפֿערט.

„ווילסט פֿאַרדינען אַ פֿופֿציקער פֿאַר עטלעכע שעה אַרבעט ?" האָט דזשעק געפֿרעגט דזשאַנין.

דזשאַני האָט געלאַכט : „וואָס דען, איך וויל ניט ?"

„היינט ביינאַכט וועסטו אַריבערפֿירן אַ טראָק מיט בראָנפֿן אין אַ צווייטער שטאָט. פֿאַרשטייסט ? לאַיסענס וועסטו קריגן. פֿאַרשטייסט ? טאָמער פּאַסירט עפּעס, טאָמער שטעלט מען דיך אָפּ, טאָמער אַרעסטירט מען דיך, זאָלסט זיך ניט זאָרגן. מיר וועלן דיך אַרויסנעמען. אָבער זאָלסט האַלטן דיין מויל פֿאַרשלאָסן. קענסט קיינעם ניט. פֿאַרשטייסט ? אויב מען וועט דיך פֿרעגן, זאָלסטו זאָגן, אַז אַ פֿרעמדער האָט דיך געדונגען צו־צופֿירן דעם טראָק און אים איבערלאָזן ביים אַריינפֿאָר אין שטעטל. פֿאַרשטייסט ? גייט עס ?" האָט דזשעק געפֿרעגט דזשאַנין.

„יאָ", האָט דזשאַני מיט אַנטשלאָסנקייט געענטפֿערט.

אויב וועסט זיין אַ מענטש, וועסטו יעדע וואָך אַריינכאַפּן אַ פֿאַר־דינסטל פֿון פֿופֿציק דאָלער. אָבער געדענק, האַלטן ס'מויל. זיי אַ מענטש מיט כאַראַקטער ! פֿאַרשטייסט ?"

* * *

דזשאַני איז פּלוצים אויפֿגעריכט געוואָרן. ער איז פּלוצים געוואָרן אַ גרויסער פֿאַרדינער.

זיין מאַמען האָט ער געזאָגט, אַז ער אַרבעט אויף אַ טראָק פֿון נאָכ־מיטאָג ביז שפּעט אין אָוונט, און אַמאָל ביז שפּעט ביינאַכט. מעגי איז געווען גליקלעך.

זיינע פֿרייע שעה'ן האָט דזשאַני פֿאַרבראַכט ביי טאָנין אין „פּול־רום". פֿון דאָרט פֿלעגט ער קריגן זיינע אָנווייזונגען, ווען און וואו דער טראָק מיט סחורה וועט זיין גרייט, און וואוהין ער דאַרף אים צושטעלן.

דזשאַני האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן אין שיינע קליידער, און האָט פֿאַר־בראַכט מיט חברים, וואָס זענען געווען פֿיל עלטער פֿון אים.

בלויז איין געדאַנק האָט אים גענאָגט — זיין פֿאָטער. ער האָט ניט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן מיטלען, ווי אַזוי אויסצוגעפֿינען וואו זיין טאַטע געפֿינט זיך און ווי אַזוי ער זאָל זיך מיט אים שטעלן אין פֿאַר־בינדונג.

פֿאַרשיידענע פּלענער האָט דזשאַניס יונגער מוח אויסגעוועבט. צוערשט האָט ער געוואָלט שרייבן בריוו צו עטלעכע גרויסע פּריזאַנס, און אָנפֿרעגן צי עס געפֿינט זיך אַן אַרעסטאַנט אונטער דעם־און־דעם נאָמען. אָבער ער האָט פֿאַרוואָרפֿן דעם פּלאַן. ערשטנס, ווייל ער האָט געצווייפֿלט צי ער וועט קריגן אַן ענטפֿער. צווייטנס, האָט ער ניט געוואוסט ווי אַזוי צו באַוואָרענען, אַז די ענטפֿערס — אויב זיי וועלן קומען — זאָלן ניט אַריינפֿאַלן אין פֿרעמדע הענט.

ער האָט עטלעכע מאָל באַשלאָסן צו ווענדן זיך נאָך הילף צו זיין פֿריינט טאָני, אָבער ער האָט אויך אָט־דעם פּלאַן אויפֿגעגעבן. ער האָט ניט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל געוואָר ווערן וועגן דעם. ער האָט געוואָלט אַז אונטער אַלע אומשטענדן זאָל זיין מאַמעס לעבנס־סוד ניט אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער עפֿנטלעכקייט.

איינמאָל האָט דזשאַני באַשלאָסן דורכצורעדן זיך מיט מעקן, און פֿון אים פֿאָדערן ער זאָל אים דערציילן וועגן זיין פֿאָטער. אָבער אויך אָט־דעם געדאַנק האָט ער אויפֿגעגעבן. ער האָט געוואוסט, אַז מעק וועט אים גאָרניט זאָגן. מיט מעקן, האָט דזשאַני געטראַכט, וועט ער זיך דורכרעדן מיט די פֿויסטן, ווען די צייט וועט קומען.

עטלעכע מאָל האָט דזשאַני געטראַכט אַ שמועס צו טאָן מיט זיין מאַמען וועגן דעם. אָבער ער האָט באַשלאָסן ניט ווי צו טאָן זיין מאַמען, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

ער האָט געטראַכט, אַז אפֿשר וואָלט געווען כּדאַי צו רעדן וועגן דעם מיטן גלח. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין מאַמע וועט אויסגעפֿינען, און ער האָט אויך דעם פּלאַן פֿאַרוואָרפֿן.

וואָס מער דזשאַני האָט געטראַכט וועגן פּלענער צו קומען אין פֿאַרבינדונג מיט זיין טאַטן, אַלץ מער אומרואיק איז ער געוואָרן. בייזע מחשבות האָבן אים געמאַטערט בייטאָג און ביינאַכט. פֿיל מאָל האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אין מיטן נאַכט, אַ צערודערטער פֿון שרעקלעכע חלומות. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער זעט זיין פֿאָטער פּונקט אַזוי, ווי זיין מאַמע האָט אים אויסגעמאָלן: אַ הויכער, מיט אַ קוטשמע רויטע האָר, נאָר אַן אויסגעדאַרטער, אַן אויסגעמאַטערטער, מיט דערשראָקענע ווילדע אויגן, ווי אַ געיאָגטע חיה, שטייט איבער זיין בעט און בעט זיך ביי אים: „זון, העלף מיר! באַפֿריי מיך!"

איינמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט ווי אַ ריזיקער וועכטער שמייסט זיין פֿאָטער מיט אַ בייטש, און ער האָט דייטלעך געהערט זיין פֿאָטערס קרעכצן פֿון ווייטאָג. דזשאַני האָט זיך געקאָרטשעט אין בעט פֿון ווייטאָג. ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם

גזלנישן ווערטער און האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות: „הער־אויף! איך וועל דיך דערהרגענען!"

זיינע פֿאַרשטיקטע געשרייען האָבן אויפֿגעוועקט זיין מאַמען. זי האָט אים דערשראָקן געוועקט. „דזשאַני, דזשאַני, זון, וואָס איז מיט דיר?"

דזשאַני האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. זיין פּנים איז געווען באַגאָסן מיט שוויס. ער האָט ברייט צעעפֿנט זיינע גרויסע בלויע אויגן, און האָט צעשראָקן זיך אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען זיין מאַמען זיצן אויף זיין בעט. ער האָט זי אַרומגענומען, זיך צערטלעך צוגעטוליעט צו איר, און שטיל געזאָגט: „מאַמע, מאַמע"... מער האָט ער ניט געקענט רעדן. ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

מעגי האָט מיט אומרואיקייט גערעדט צו איר זון: „דזשאַני, מיין זון... דערציי דיין מאַמען... דו ווייסט, אַז איך וואָלט געגאַנגען אין פֿייער אַריין פֿאַר דיר. זאָג מיר, זון, וואָס טוט דיר וויי? דו ביסט דער איינציקער, וואָס איז מיר געבליבן אויף דער וועלט".

די ווערטער האָבן אַ שניט געטאָן מעגין אין האַרצן. זי האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן, און אַ שטראָם מיט טרערן האָט אַ גאָס געטאָן פֿון אירע אויגן.

מאַמע און זון האָבן זיך אַרומגענומען, ביידע האָבן געוויינט. יעדער באַזונדער האָט געקלאָגט וועגן דעם זעלבן אומגליק. יעדער באַזונדער האָט הייליק געהיט דעם זעלבן סוד פֿון צווייטן. דער שותּפֿותדיקער אומגליק האָט ענגער פֿאַרבונדן די פֿריינטשאַפֿט און ליבע צווישן מאַמע און זון.

דזשאַני איז יענעם טאָג אויפֿגעשטאַנען שפּעטער ווי אַלעמאָל. זיין מאַמע איז שוין ניט געווען אינדערהיים. ער איז אַרונטער אין גאַס און איז אַריין צו טאָנין אין „פּול־רום". דאָרטן האָט ער געטראָפֿן עטלעכע פֿון זיינע חברים, וועלכע זענען געווען אַרבעטסלאָז.

עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. דזשאַני איז מיט זיינע חברים אַוועק זיך באָדן אין ים.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען האָט די זון געהאַלטן אין פֿאַרגיין. איבער די גאַסן פֿון „רעד הוק" האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון רויך, וואָס האָט געזעצט פֿון די הויכע קוימענס פֿון די פֿאַבריקן, אַ ריח פֿון שוויס, פֿון סמאָלע, פֿונעם צעפֿאַרעטן אַספֿאַלט. אַן אומדערטרעגלעכער געשטאַנק האָט זיך געטראָגן פֿון דעם גאַוואַנוס קאַנאַל, וואָס האָט דורכגעשניטן „רעד הוק" און איז אַריינגעפֿאַלן אין ים.

פֿאַרברענט פֿון דער זון, דערפֿרישט פֿונעם שווים אין דעם געזאַל-

צענעם ים־וואַסער, האָט דזשאַני מיט זיינע חברים זאַרגלאַז, מיט וואויל־יונגערישן טומל, שפּאַצירט איבער די היימישע גאַסן פון „רעד הוק".

ביים ראָג פון איין גאַס, וואו זיי האָבן געמוזט דורכגיין צוצוקומען צו טאַניס „פּול־רום", איז מעק געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין ביר־שענק און האָט רואיק געדויכערט זיין ציגאַר.

ווען ער האָט דערזען דזשאַנין מיט זיינע פריינט, האָט ער שטעכיק אַ זאָג געטאָן הויך אויפן קול:

„דו, דזשאַני, לעבסט אַ גוטן טאָג, און דיין מאַמע האָרעוועט פאַר דיר. פאַרוואָס גייסטו ניט אַרבעטן, דו פאַראַזיט?"

דזשאַני האָט זיך אָנגעצונדן פון צאָרן. „ניט דיין געשעפט, דו פעטער חזיר", האָט דזשאַני אַ רעווע געטאָן, „און דערמאָן ניט מיין מאַמעס נאָמען, דו שטינקענדיקער ביר־פאַס".

דזשאַניס חברים האָבן אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

מעקס פּנים איז געוואָרן צונטער־רויט. זיינע גרינע אייגעלעך האָבן זיך צעגלאַנצט.

„דו ווייסט, צו וועמען דו רעדסט, דו ממזר?" האָט מעק געפרעגט דזשאַנין מיט גאַליקן צאָרן.

„געוויס ווייס איך", האָט דזשאַני סאַרקאַסטיש געענטפערט. „איך האָב די ערע צו רעדן צום פעטסטן שוויין אין „רעד הוק", צום קעניג פון אַלע חזירים, וואָס שטופּט זיין שנוק אין פרעמדע געשעפטן".

דזשאַניס חברים האָבן געהירזשעט פון פרייד. מעק האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט מיט זיין מעכטיקער פויסט אַ זעץ געטאָן אין דזשאַניס פּנים.

דזשאַני איז געפאַלן צו דער ערד. ער האָט זיך גיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט דאָס בלוט, וואָס איז גערונען פון זיין נאָז, און האָט זיך מיט זיין גאַנצן כּוח אַ וואָרף געטאָן אויף מעקן. ער האָט געהאַמערט מיט זיינע פלינקע פויסטן איבער מעקס פעטן פּנים, איבער זיין קיילעכדיקן, אַרויס־געסטאַרטשעטן בויך, און האָט געצילט זיינע קלעפּ אין מעקס אויגן.

מעק האָט געפּאַטשט מיט זיינע מעכטיקע אָרעמס. אָבער דזשאַני איז פלינק אָפּגעשפּרונגען און אויסגעמיטן מעקס פויסטן. מעק האָט שווער געאָטעמט. זיין פּנים איז געווען באַגאָסן מיט שווייס און בלוט.

דזשאַני האָט זיך צעוואַרעמט. ער האָט געפילט, אַז וואָס מער און וואָס שטאַרקער ער קלאַפּט מעקן, אַלץ קרעפטיקער ווערן זיינע שטאָלענע מוסקולן און אַלץ בויגזאַמער און פלינקער באַוועגט זיך זיין גאַנצער קערפּער.

פּלוצים איז דזשאַני ווי איבערגעוועלטיקט געוואָרן פון אַ שטאַרקן חשק צו דערפילן כאָטש איין קלאַפּ פון מעקן. ער האָט געפילט, אַז ער

איז פּשוט מאַכטלאָז קעגן אַט־דעם מאָדנעם פֿאַרלאַנג. ער האָט אונטערן שטאַרקן דרוק פֿון אַט־דעם פֿאַרלאַנג ברייט צענומען זיינע פֿויסטן, און האָט אונטערגעשטעלט זיין מאָרדע.

מעק האָט זיך גיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און האָט אים דער־לאַנגט אַ זעץ מיט זיין גאַנצן כּוח.

דזשאַני האָט דערפֿילט אַ שאַרפֿן ווייטאָג. עס האָט אים אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן. זיין יונגער קערפּער האָט זיך אַ וויג געטאָן און זיינע פֿיס האָבן זיך שוואַך געבויגן.

„דזשאַני, היט זיך! דערלאַנג אים אין פּרעסער!" האָבן זיינע חברים געשריגן.

עס האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט די שכנים פֿון דער געגנט. פֿאַרביי־גייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום די שלע־גער, זיי האָבן זיי איינגעשלאָסן אין אַ רעדל, און נייגעריק צוגעקוקט.

אין איין מינוט האָט דזשאַני צוריק אויפֿגעלעבט. געיאָגט פֿון ווייטאָג, וואָס מעקס זעץ האָט אים פֿאַרשאַפֿט, האָט ער מיט באַנייטער גבורה אַ וואָרף געטאָן זיך אויף מעקן. איצט האָט ער זיך געהיט פֿאַר מעקס פֿויסטן.

מעק האָט אָנגעהויבן פֿאַרלירן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט קוים געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. זיינע אויגן זענען גיך פֿאַרשוואָלן געוואָרן. ער האָט מיט זיינע הענט געפּרוווט פֿאַרשטעלן זיין פּנים.

דזשאַני האָט ניט אָפּגעטראָטן פֿון אים. זיינע פֿויסטן האָבן אָן אָן אויפֿהער געהאָגלט מעכטיקע קלעפּ איבער מעקס פּנים און קערפּער.

מעק האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ. ער האָט פֿאַרדעקט זיין פּנים מיט ביידע הענט, און האָט אָנגעהויבן רעווען.

דזשאַניס חברים האָבן זיך דערשראָקן. „גענוג, דזשאַני", האָבן זיי געשריגן. „גענוג! ער קען מער ניט נעמען. לאָז אים אָפּ, ער האַלט ביים קראַפּירן!"

זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, איינגעהאַלטן און אים אַוועקגעריסן פֿון דעם צעשלאָגענעם און האַלב־בלינדן מעק.

זיי זיינען אַריין אין טאַניס „פּול־רום" מיט אַ פֿאַרטויבנדיקן טומל. יעדער פֿון זיי האָט געדריקט דזשאַניס הענט, און אים באַגריסט אַלס טשעמפּיאָן־שלעגער פֿון „רעד הוק".

זיי האָבן גיך באַשלאָסן צו פֿייערן דזשאַניס זיג, און אים אָפֿיציעל קרוינען אַלס „טשעמפּ". ביי טאַנין האָבן זיי געקראָגן אַ פֿלאַש בראַנפֿן, און זיי זענען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן, אין איינעם פֿון די פֿינצטערע און אומריינע געסלעך פֿון דער „רעד הוק" געגנט.

דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט דזשאַני פֿאַרזוכט בראַנפֿן. ער

האָט זיך פֿאַרקרימט פֿונם שטאַרקן און ביטערן טעם פֿון דער משקה. עס האָט אים געבריט אין האַלדז. טרערן האָבן אָנגעפֿילט זיינע אויגן. זיינע חברים האָבן געלאַכט פֿון אים. ער האָט אַריינגעגאָסן אין זיך איין גלאָז וואַסער נאָכן צווייטן. אָבער ער האָט דערפֿילט די ווירקונג פֿונם בראָנפֿן. זיין קאָפּ איז אים געווען שווער. זיינע פֿיס און הענט זענען געווען ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. ער האָט קוים געהערט, וואָס זיינע חברים האָבן גערעדט. זיי האָבן ניט אויפֿגעהערט לאַכן פֿון אים, און ער האָט מיטגעלאַכט מיט זיי, כאָטש ער האָט ניט געוואוסט פֿון וועמען און פֿון וואָס זיי לאַכן.

ווען זיי זענען אַרויס פֿון רעסטאָראַן, האָט דזשאַני זיך אָנגעהויבן אַ ביסל אויסצוניכטערן. זיי זענען אַוועק צו טאָנין שפּילן „פּול״. דזשאַני האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און געקוקט ווי זיינע חברים שפּילן.

פּלוצים איז דער „פּול־רום״ געוואָרן פּוסט. די שפּילער פֿון עטלעכע טישן זענען פֿאַרשוואונדן. בלויז ביי דריי טישן איז די שפּיל אָנגעגאַנגען ווי פֿריער.

„קום, דזשאַני״, האָט אים איינער פֿון זיינע חברים שטיל אַריינגעפֿליסטערט אין אויער אַריין נערוועז און שנעל.

„וואוהין?״ האָט דזשאַני געפֿרעגט.

„פֿרעג ניט, קום!״

„אָבער זאָג מיר וואוהין״, איז דזשאַני באַשטאַנען.

„קום, וועסטו זען״, האָט זיין חבר געענטפֿערט, און וואוילויונגעריש אַ פֿינטל געטאָן מיט אָן אויג.

דזשאַני האָט אים נאָכגעפֿאָלגט.

זיי זענען אַריין אין אַ לאַנגן האַלב־פֿינצטערן קאָרידאָר, וואו עס האָט שוואַך געלויכטן אַ קליין רויט לעמפּל. דזשאַניס חבר איז געגאַנגען פֿאַרויס. ער האָט געעפֿנט די טיר, וואָס האָט געפֿירט צו די שמאָלע טרעפּ. דזשאַני איז אים ניייגעריק נאָכגעגאַנגען.

זיי האָבן געקלעטערט איבער אַלע טרעפּ פֿון דעם קליינעם דריי־שטאָקיקן הויז און זענען געבליבן שטיין אין דעם פֿיר־עקיקן שטיבל, וואָס האָט געפֿירט צום פֿלאַטשיקן דאַך.

דאָרטן האָבן זיי געטראָפֿן אַ כאָפּטע פֿון אַ צען אינגלעך, וואָס זענען געשטאַנען צונויפֿגעפּרעסט איינער לעבן צווייטן. דזשאַני איז געווען דער אינגסטער פֿון זיי. די אַנדערע זענען געווען מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פֿון אים. דזשאַני האָט זיי אַלעמען געקענט.

„וואָס קומט דאָ פֿאָר?״ האָט דזשאַני שטיל געפֿרעגט זיין חבר.

„האָב געדולט, דו נאַר, וועסטו זען״.

דזשאַני האָט זיך פֿאַרשעמט און געשוויגן. ער האָט באַמערקט, ווי צוויי זענען אַריינגעקומען פֿון דאַך, און זענען אַרונטערגעלאָפֿן די טרעפּ. אַנדערע צוויי זענען אַרויס אויפֿן דאַך.

דזשאַני איז געווען צעטומלט פֿון נייגעריקייט. נאָר ער האָט געשוויגן און געוואַרט. אין שטיבל איז געווען שטיל. קיינער האָט ניט גערעדט. אַלע האָבן איינגעהאַלטן זייער אָטעם. אַלע זענען געווען אויפֿגערעגט.

„קום", האָט אים זיין חבר אַ שלעפּ געטאָן. דזשאַני איז אים נאָכגעגאַנגען.

„וואַרט דאָ", האָט אים זיין חבר באַפֿוילן און איז פֿאַרשוואונדן אין צווייטן ווינקל פֿון דעם פֿיר־עקיקן שטיבל.

דזשאַני איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. אינגיכן איז זיין חבר צוריקגעקומען. „איצט גיי. אָבער ריר זיך. איך וואַרט אויף דיר. גיי, ריר זיך!"

דזשאַני איז אַוועק אין דער ריכטונג, פֿון וואַנען זיין חבר איז נאָר וואָס צוריקגעקומען.

ווען ער איז צוגעקומען צום ווינקל פֿונעם אַרומגעמויערטן דאַך, איז ער געבליבן שטיין, ווי אַ פֿאַראַליזירטער.

ביים שוואַכן אָפּשיין פֿון דער לבנה האָט ער געזען אַ פֿרוי ליגן אויף איר רוקן. איר קלייד איז געווען פֿאַררוקט.

„ריר זיך, דזשאַני", האָט ער דערהערט זיין חברס שטימע.

דזשאַני האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. זיין חבר איז צוגעלאָפֿן צו אים, און גיך גערעדט: „העי, מען וועט דיך באַשפּייען, מען וועט פֿון דיר לאַכן". ער האָט אַ שטופּ געטאָן דזשאַנין און האָט זיך גיך אָפּגערוקט.

דזשאַני האָט אינגאַנצן געציטערט. די פֿרוי איז געלעגן ווי אַ טויטע. בלויז איר שווער־כריפּעדיק אָטעמען האָט עדות געזאָגט, אַז זי לעבט. פֿון איר מויל האָט געזעצט אַ שווערער ריח פֿון בראַנפֿן.

„דזשאַני, ריר זיך! וואָס טוסטו דאָרטן? דערקלערסט זיך איר אין ליבע?"

דזשאַני האָט זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. אין איין רגע איז ער געווען לעבן זיין חבר. זיי זענען אין איילעניש אַרונטערגעלאָפֿן די שמאָלע טרעפּ.

און אַזוי האָט פּאַסירט, אַז אין איין טאָג איז דער יונגער דזשאַני „באַגליקט" געוואָרן. „רעד הוק" האָט ברייט צעעפֿנט די טירן פֿון אירע פֿאַרבאָרגענע שמוץ־קאַמערן און האָט פֿאַרבעטן דזשאַנין צו געניסן פֿון די לעבנס־„פֿאַרגעניגנס", וואָס האָבן אויפֿגעברויזט דעם יונגן בחור, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די גאַסן און אין די „פּול־רומס".

דזשאַני איז ניט געבליבן שטיין אויף דער שוועל פֿון דער צעעפֿנטער טיר. געשטויסן פֿון זיין יוגנט־ברען, האָט ער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט פֿאַרגעניגן.

ער האָט פּלוצים דערזען, אַז „רעד הוק" פֿאַרמאָגט שיינע יונגע פֿרויען. דזשאַניס יוגנט, קראַפֿט און שיינער אויסזען האָט זיי צוגעצויגן, ווי פֿייער ציט־צו זומער־פֿייגעלעך.

ער האָט זיך געלאָזט אַריינציען אין זייער נעץ. ער האָט אָנגעהויבן ליב האָבן און באַוואונדערן דאָס לעבן, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ שיינע און פֿאַרבנרייכע שפּיל. אין אָט־דער שפּיל האָט ער זיך אַריינ־געוואָרפֿן מיט זיין גאַנצער קראַפֿט און ענערגיע.

בלויז איין געדאַנק האָט פֿאַרביטערט זיין יונג לעבן: דער סוד, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, אַז זיין טאַטע איז ערגעץ אין תּפֿיסה.

וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זיין טאַטע זאָל פֿאַרשפּאַרט ווערן אין תּפֿיסה? פֿאַרוואָס האָט זיין מאַמע דעם סוד געטראָגן ביי זיך און קיינ־מאָל ניט דערציילט וועגן דעם, ביז ער איז צופֿעליק געוואויר געוואָרן וועגן דעם? — דאָס אַלץ האָט נאָך מער גערייצט זיין נייגעריקייט.

ער מוז אַרונטעררייסן דעם שלייער פֿון דער מיסטעריע, שטעלן זיך אין פֿאַרבינדונג מיט זיין פֿאָטער, און טאָן אַלץ וואָס מעגלעך אים צו באַפֿרייען. די אַנטשלאָסנקייט דאָס צו טאָן איז געוואַקסן אין אים, האָט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנץ לעבן, האָט אים פֿאַרפֿאָלגט.

אין איינעם אַן אוונט איז דזשאַני געגאַנגען צו דער אַרבעט. לויט די אָנווייזונגען פֿון זיין באָס דזשעק, איז ער אַריין אין איינעם פֿון די גאַראַדזשעס אויף אַ שמאָלער און פֿינצטערער גאַס, ניט ווייט פֿון טייך.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דעם טראָק, וואָס איז געשטאַנען האַרט לעבן די ברייטע טויערן, אָנגעלאָדן מיט קאַסטנס, און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַלץ איז געגאַנגען גלאַטיק. נאָך עטלעכע שעה פֿאָרן אויפֿן גלייכן אויסצעמענטירטן וועג, איז ער געקומען ניט ווייט פֿון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט באַדאַרפֿט צושטעלן די סחורה.

אַ שניידנדיקער פֿייף האָט זיך פּלוצים דערטראָגן צו דזשאַניס אויערן. ער האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, וואָס איז געהאָנגען אויפֿן אייזערנעם האַטשיק אין דער לינקער זייט פֿון טראָק, און וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם וועג, די לאַנדשאַפֿט און אַלע אויטאָמאָבילן הינטער אים.

ער האָט אַ ציטער געטאָן — אויף אַ מאָטאָרציקל האָט זיך אַ פּאָלי־ציימאַן אין אַ גרוי־בלויען אוניפֿאָרם געטראָגן ווי אַ קויל אַרויסגעשאָסן פֿון אַ ביקס. נאָך איידער דזשאַני האָט קלאָר באַנומען די געפֿאַר, איז

דער פּאָליציימאַן אויף זיין מאָטאָרציקל שוין געשטאַנען ביים טראַק.

„פּאַר־צו אין אַ זייט", האָט דער פּאָליציימאַן אַ דונער געטאָן אויף דזשאַנין.

דזשאַניס הענט און פיס זענען ווי פאַרפרוירן געוואָרן. עס איז אים טרוקן געוואָרן אין מויל. איבער זיין קערפּער זענען אַרומגעלאָפן טויזנטער נאָדלען און אים געשטאָכן. פאַר זיינע אויגן האָבן אַ שוועב געטאָן זיין מאַמע און זיין טאַטע, ווי זיין מאַמע האָט אים אויסגעמאַלן.

„העי, דו, וואָס שטייסטו? פּאַר־צו אין אַ זייט! ביסט טויב? צי דו וואַרטסט אויף מוזיק?"

די דונערדיקע שטים פון פּאָליציסט האָט אויפגעוועקט דזשאַנין פון שלאָף. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּוחות צו באַוועגן זיינע הענט און פיס.

ער האָט אַ דריי געטאָן דאָס רעדל, און אַ דריק געטאָן מיטן פוס דעם טרעטער פון דער גאַז־רער. דער טראַק האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און האָט מיט אַ ריזיקן כּוח אַ פאַר געטאָן אין אַ זייט. דזשאַניס הענט און פיס זענען נאָך אַלץ געווען ווי געליימט. ער האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן דעם טראַק. אין איין סעקונדע איז דער טראַק אַריבערגעפאָרן איבער דעם מאָטאָרציקל און אים צעדריקט אינאיינעם מיטן רייטער, ווי דאָס וואָלט געווען אַ קעסטעלע שוועבעלעך.

די ווילדע שרעק, וואָס האָט אויפדאַסניי אַרומגעכאַפּט דזשאַנין, האָט לויז געמאַכט זיינע גלידער. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם צעווילדעוועטן טראַק, האָט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון דער אָפענער זייט פון טראַק, און האָט דערזען דעם צעקוועטשטן פּאָליציימאַן אויפן אַספאַלט.

ער האָט ניט געטראַכט און ניט געוואוסט, וואָס ער טוט. אויטאָ־מאַטיש האָבן זיך זיינע הענט און פיס אָנגעהויבן באַוועגן, ווי אַ הייסער בלוט־שטראָם וואָלט זיך פּלוצים אַריינגעגאָסן אין זיינע אָדערן. ער האָט געיאָגט דעם טראַק, וואָס האָט געהאַרכזאַם און פּינקטלעך געפאָלגט זיינע באַוועגונגען.

אין עטלעכע געציילטע מינוטן האָט דזשאַני צוגעשטעלט דעם טראַק צום באַשטימטן פּלאַץ. דעם פאַרטרויענסווערטן מענטשן, וואָס האָט ביי אים צוגענומען דעם טראַק, האָט ער אין קורצע ווערטער דערציילט, וואָס ס'האָט פּאַסירט.

יענער האָט רואיק געזאָגט: „גוט, דזשאַני, וואָס האָסט מיר דערציילט וועגן דעם. דאָ וועל איך שוין אַלץ באַזאָרגן, מען זאָל ניט געפינען קיין שפּור. אייל זיך און פאָר אַהיים מיט דער באַן. לאָז וויסן דזשעקן וועגן דעם, אַזוי גיך ווי דו וועסט אָנקומען".

ווען דזשאַני איז אַריין אין טאַניס „פול־רום”, האָט דזשעק געוואַרט אויף אים. דזשעק האָט שוין געוואוסט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

„קום, דזשאַני”, האָט אים דזשעק גערופן.

„וואוהין ?”

„צום אַדוואָקאַט פון דער קאָרפּאָרעישאַן”.

דער אַדוואָקאַט האָט רואיק אויסגעהערט אַלע איינצלהייטן, וואָס דזשאַני האָט פּינקטלעך דערציילט. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דזשעקן און מיט געציילטע ווערטער געזאָגט:

„אויף אונדזערע וועגן לויפן זייער פיל טראָקס. עס פּאַסירן זייער פיל אומגליקן אויף די וועגן. נו, וואָס קען מען טאָן ? אַן אומגליק איז אַן אומגליק”.

„עס איז ראַטזאַם”, האָט דער אַדוואָקאַט צוגעלייגט נאָך אַ קורצן איבעררראַכט, „אַז מען זאָל ליגן איינגעליגט אַ שטיקל צייט. לאָמיר זאָגן, עטלעכע וואָכן”.

„און דערווייל”, האָט דזשעק אומצופרידן געזאָגט, „זאָלן מיר זיך לייגן שלאָפן ?”

„זאָרג ניט, דזשעק”, האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט מיטן זעלבן רואיקן און געשעפטסמעסיקן טאָן, „עס זענען פאַראַן פאַרשיידענע וועגן. עס דויערט אַ ביסל לענגער, אָבער אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז עס זיכערער”.

„אַזוי רעדסטו קלאָרע דיבורים”. האָט דזשעק זיך באַרואיקט.

דזשעק האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קיילעכדיק בינטל פּאַפּיר־געלט, האָט דאָס דערלאַנגט דזשאַנין און געזאָגט:

„דאָ האָסטו אַ טויזנטער. נעם אַ וואַקאַציע אויף עטלעכע וואָכן. נאָר געדענק דאָס געזעץ: האַלט דיין פּיסק געשלאָסן. פאַרשטייסט ?”

„איך וויל ניט קיין געלט”, האָט דזשאַני קורץ געזאָגט.

„דו הערסט, ביל”, האָט דזשעק מיט אַ שמייכל זיך געווענדט צום אַדוואָקאַט, „ער וויל ניט קיין געלט”...

„וואָס דען ווילסטו, דזשאַני”, האָט דזשעק מיט אַ בייזן ערנסט געפרעגט, „ווילסט אפשר ווערן אַ שותּף אין קאָרפּאָרעישאַן ?”

„ניין”.

„נו, ווילסט אפשר איך זאָל דיר אָוועקגעבן מיין געליבטע ?”

„ניין, דזשעק, איך האָב מיין אייגענע”.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך צעלאַכט און אַ זאָג געטאָן: „דזשאַני, ביסט אַ קלוגער יאַט, אַ ביסעלע צו קלוג פאַר דיינע יאָרן”.

„וואָס דען ווילסטו ?” האָט דזשעק געפרעגט מיט אומגעדולד.

„איך וויל אַ טובה פֿון דיר, דזשעק", האָט דזשאַני מיט אַ בעטנדיקער שטים געזאָגט.

„אַ טובה, וואָס פֿאַר אַ טובה? רעד ווערטער".

„מיינער אַן אייגענער", האָט דזשאַני געזאָגט מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטים, „איז אין פּריזאָן"... טרערן האָבן אים געוואָרגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דזשעק איז גערירט געוואָרן. זיין שטים האָט געקלונגען ווייך און פֿריינטלעך. „נו, דזשאַני, רעד. שעם זיך ניט. ביסט צווישן פֿריינט".

דזשאַני האָט פֿאַרגעזעצט: „איך בעט דיך, דזשעק, העלף מיר. נעם אים אַרויס. איך וועל דיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן פֿאַר דער טובה".

„אַזאַ טובה בין איך שטענדיק גרייט צו טאָן פֿאַר יעדן, און פֿאַר דיר, דזשאַני, געוויס. אין וועלכן קבר, ליגט ער, דיין אייגענער?"

„איך ווייס ניט".

„ווייסט ניט? וואָס איז ער צו דיר?

„מיין טאַטע"...

„דיין טאַטע? האָ!"

„ביל", האָט דזשעק זיך געווענדט צום אַדוואָקאַט, „נעם זיך צו דער אַרבעט. זשאַלעווע ניט קיין מי און קיין געלט. גראָב אים אויס".

„ניט געזאָרגט, דזשאַני", האָט דזשעק מונטער געזאָגט און געפּאַטשט איבער דזשאַניס פּלייצע. „ניט געזאָרגט. ער איז אַזוי גוט ווי אינדרויסן. ביל וועט דיר אים צושטעלן".

אין דזשאַניס אויגן האָבן טרערן געפֿינקלט.

„אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר, דזשעק"... האָט ער מיט געפֿיל גערעדט צו דזשעקן, „איך וועל דיר אָפּדינען, וועסט זען"...

עס האָט ניט געדויערט לאַנג. דער אַדוואָקאַט האָט געשיקט רופֿן דזשאַנין.

„עס איז אַ פֿאַרדרייטער עסק", האָט דער אַדוואָקאַט זיך געווענדט צו דזשאַנין, „דיין טאַטע האָט זיך פֿאַרטשעפּעט מיט אַ מעכטיקער באַנדע".

דזשאַנין האָט אויסגעפּעלט אָטעם.

דער אַדוואָקאַט האָט אַרויסגענומען פֿונם שופֿלאָד פֿון זיין שרייב־טיש אַ פּאַק מיט פּאַפּירן. „אָט־דאָ איז עס". האָט ער מיטן פֿינגער אָנ־געוויזן דזשאַנין אויף די פּאַפּירן.

דזשאַני האָט געקוקט אויף די פּאַפּירן מיט אָטעמלאָזער נייגעריקייט.

„אין די פּאַפּירן", האָט דער אַדוואָקאַט רואיק געזאָגט, „זענען בקיצור פֿאַר־צייכנט אַלע פֿאַקטן וועגן דיין טאַטנס אומגליקספֿאַל".

דזשאַני האָט געקוקט אויפֿן אַדוואָקאַט און געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז רואיק אַרויסגערעדט געוואָרן פֿון זיין מויל.

„פֿאַרשטייסט, דזשאַני?" האָט זיך דער אַדוואָקאַט באַקוועם אַריינגעזעצט אין זיין בענקל און אָנגעהויבן רעדן האַסטיקער, ווי ער וואָלט פֿאַרטיידיקט אַן אָנגעקלאָגטן אין געריכט. — „דיין טאַטע האָט געזוכט אַזאַ מין סחורה, וואָס איז גאָרניט פֿאַראַן אויף דער וועלט".

דזשאַני האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער געלערנטער אַדוואָקאַט זאָגט אים, אָבער ער האָט אים ניט געוואָלט איבערשלאָגן די רייד.

„ווי אַזוי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן, דזשאַני?" האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעהויבן. „דיין טאַטע, ווי אַלע אָרעמע און הילפֿלאָזע, האָט געזוכט גערעכטיקייט. יושר האָט ער געזוכט, דיין נאַרישער טאַטע, פֿאַרשטייסט?"

„דערפֿאַר איז ער אין פּריזאָן?" האָט דזשאַני אַ פֿאַרוואונדערטער געפֿרעגט.

„אָט־דאָס וויל איך דיר דערקלערן". האָט דער אַדוואָקאַט באַטאָנט. „דיין טאַטע איז אַן אַרבעטער. ער האָט געאַרבעט ביים בויען געביידעס. די אַרבעטער זענען געווען אומצופֿרידן. אַרבעטער, דזשאַני, זענען שטענדיק אומצופֿרידן. זיי האָבן ניט פֿאַרדינט גענוג. האָבן זיי צונויפֿגענומען אַ כאַפּטע און געמאַכט אַ יוניאָן. דיין טאַטע איז געווען איינער פֿון די אָנפֿירער. פֿאַרשטייסט, דזשאַני?"

„ניין, איך פֿאַרשטיי נאָך אַלץ ניט", האָט דזשאַני געענטפֿערט.

דער אַדוואָקאַט האָט פֿאַרגעזעצט. „דיין טאַטע איז געווען דער הויפּט־מאַכער. ער האָט געבונטעוועט די אַרבעטער. ער האָט זיי אָרגאַניזירט. ער האָט פֿאַר זיי געפֿאָדערט העכערע שכירות, קירצערע שטונדן און נאָך אַזעלכע זאַכן".

דזשאַני איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון דעם אַדוואָקאַטס רייד.

„אָט־דאָ הויבט זיך אָן די געשיכטע", האָט דער אַדוואָקאַט געזאָגט מיט אַ טיף־ערנסטן טאָן. ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו דזשאַניק, און אַריינקוקנדיק אין זיינע טיף־בלויע אויגן, האָט ער פֿאַרגעזעצט און קלאָר אַרויסגערעדט זיינע ווערטער:

„איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, איז דיין טאַטע מיט אַ פֿריינט אַהיימגעגאַנגען פֿון אַ פֿאַרזאַמלונג, וואו מען האָט גערעדט וועגן אַ סטרייק".

דזשאַניס האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן האַסטיקער.

„אויפֿן וועג, אין אַ פֿינצטערער גאַס", האָט דער אַדוואָקאַט פֿאַרגעזעצט, „זענען זיי באַפֿאַלן געוואָרן פֿון שלעגער. די שלעגער זענען געווען באַוואָפֿנט מיט אייזנס. דיין טאַטנס פֿריינט איז פֿאַרוואונדעט

געוואָרן, און איז געפֿאַלן אויף דער ערד באַוואוסטלאָז. דיין טאַטע האָט צוריקגעשלאָגן, און כאָטש ער איז געווען ערנסט פֿאַרוואונדעט, האָט ער מיט זיינע פֿויסטן דערשלאָגן צום טויט איינעם פֿון די באַנדיטן".

דזשאַניס פּנים האָט אויפֿגעלויכטן. זיינע בלויע אויגן האָבן געפֿינקלט פֿון פֿרייד. ער האָט גיך אַ זאָג געטאָן: „הייסט עס, אַז מיין טאַטע האָט דאָך פֿאַרטיידיקט זיין לעבן קעגן דער באַנדע".

„ביסט גערעכט, דזשאַני! ריכטיק. אין זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג האָט דיין טאַטע אַוועקגעלייגט יענעם חברה־מאַן".

„טאָ, פֿאַרוואָס איז מיין טאַטע פֿאַרשיקט געוואָרן אין פּריזאָן?" האָט דזשאַני דערשטוינט געפֿרעגט. „מיין טאַטע איז דאָך אומשולדיק".

„זעסטו! אָט־דאָ, ביי אָט־דעם פּונקט, קומען אַריין די שוועריקייטן", האָט דער אַדוואָקאַט מיט זאָרג געזאָגט. „דיין טאַטע האָט די גאַנצע צייט אין געריכט געטענהט, אַז זיין פֿריינט איז געשלאָגן געוואָרן ביז ער האָט פֿאַרלוירן זיין באַוואוסטזיין, אָבער... דיין טאַטנס פֿריינט איז קיינמאָל ניט געקומען אין געריכט אַלס עדות צו באַשטעטיקן דיין טאַטנס רייד. פֿאַרשטייסטו שוין, דזשאַני, וואָס פֿאַר אַ קאַשע דאָ איז פֿאַרקאָכט געוואָרן קעגן דיין טאַטן?"

דזשאַניס פּנים איז פֿאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן.

„פֿאַרוואָס איז מיין טאַטנס פֿריינט ניט געקומען אין געריכט? איך קען דאָס ניט פֿאַרשטיין", האָט ער אומעטיק געזאָגט.

דער אַדוואָקאַט האָט שטיל גערעדט: „דזשאַני, דיין טאַטנס פֿריינט איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן... פֿאַרשטייסט? פֿאַרשוואונדן געוואָרן... די, וואָס זענען געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז דיין טאַטע זאָל אָפּגערוימט ווערן פֿון וועג, האָבן זייער קונציק באַוויזן, אַז ער זאָל פֿאַרשווינדן".

„ווי אַזוי?"

„זעסט דאָך. אָבער לאָמיר ניט פֿאַרלירן קיין צייט. מיר דאַרפֿן געפֿינען דעם פֿאַרשוואונדענעם ליִ. אַך, וואָס פֿאַר אַ שטיק אַרבעט עס איז אויס־צוגראָבן דעם טייוול! זיין נאָמען איז עדוואַרד מעקאַרטי!"

„עדוואַרד מעקאַרטי?! מיין גאָט! מעק!..."

דזשאַני איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין בענקל. „מעק!" האָט ער גע־שריגן. „איז דאָס מעגלעך? יאָ... ער איז עס... דער שווין... איך וועל אים דערהרגענען. דאָס איז ער... ער ווייסט פֿון דעם... ער איז עס..."

אַ שטראָם טרערן האָט אַ גאָס געטאָן פֿון זיינע אויגן. ער האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. „איך שווער ביי גאָט, איך וועל אים דערהרגנען... איך זאָל אַפֿילו וויסן, אַז איך וועל אָפּגעבראָטן ווערן אויפֿן עלעקטרישן שטול".

דער פּראַקטישער אַדוואָקאַט האָט געדולדיק געוואַרט ביז דזשאַני

וועט זיך באַרואיקן, און דאַן איז ער פֿאַרזיכטיק צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

„ניין, דזשאַני", האָט ער שטיל, כּמעט פֿאָטערלעך גערעדט. „ניין, דאָס טויג ניט. ניט אַזוי. דאָס וועט אַלץ רואינירן. זעץ זיך, דזשאַני. קוק, ווילסט מיר זאָלן באַפֿרייען דיין טאַטן?" און נאָך איידער דזשאַני האָט געענטפֿערט, האָט ער אַליין געענטפֿערט מיט אַ זיכערן טאָן. „נו, געוויס ווילסטו. טאָ אויב אַזוי, דזשאַני, מיין אינגל, ניט געכאַפּט... פֿאַרזיכטיק... מיט שכל טוט מען מער אויף ווי מיט כּעס. בין איך גערעכט, דזשאַני?"

„יאָ, אמת", האָט דזשאַני אַ באַרואיקטער געענטפֿערט.

„נו, אויב דו שטימסט־איין מיט מיר, וויל איך דיך בעטן, אַז דו זאָלסט גאָרניט טאָן. פֿאַרשטייסט וואָס איך רעדט צו דיר? ג אָ ר נ י ט. אָבער טאַקע קיין זאַך. אַלץ מוזטו לאָזן צו מיר. אָבער טאַקע אַלץ. דו מוזט טאָן נאָר דאָס, וואָס איך וועל דיר הייסן טאָן. גייסטו איין אויף דעם?"

„יאָ", האָט דזשאַני געענטפֿערט. „געוויס".

„דו מוזט צוזאָגן, אַז וועסט קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם. אָבער אַפֿילו קיין איין וואָרט. אויב ניט, וועסטו אַלץ לייגן אין דער ערד אַריין. עס איז אַ דעליקאַטער ענין, זאָג איך דיר. איך האָב גענוג דערפֿאַרונג מיט אַזעלכע געשעפֿטן. עס איז דינאַמיט. זאָגסטו מיר צו? קען איך זיך פֿאַרלאָזן אויף דיר?"

„יאָ", האָט דזשאַני געענטפֿערט.

„טאָ געדענק, קיין איין וואָרט. דו ווייסט גאָרניט. קלאָר? און איצט זאָג מיר ווער דער מעקאַרטי איז, וואו איז ער?"

דזשאַני האָט זיך פֿאַרלוירן. ער האָט געשוויגן.

„נו, דזשאַני, אויב דו שוויגסט — איז גאָרניט. איך וויל דיר העלפֿן, נאָר אויב דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט. עס איז ד יי ן טאַטע".

דער אַדוואָקאַט האָט צונויפֿגענומען די פּאַפּירן.

„איך וועל אייך זאָגן, אָבער עס מוזן בלייבן אַ סוד".

דער אַדוואָקאַט האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „איך ווייס מער סודות, ווי דו קענסט ציילן. דערויף בין איך אַן אַדוואָקאַט. רעד און האָב ניט קיין מורא".

ווען דזשאַני האָט פֿאַרלאָזן דעם אַדוואָקאַטס אָפֿיס, האָט דער אַדוואָקאַט טעלעפֿאָנירט דזשעקן, אַז ער זאָל קומען צו אים וועגן אַ וויכטיקן ענין.

דער אַדוואָקאַט און דזשעק האָבן געשמועסט אַ קורצע צייט. דזשעק האָט אַ צעפֿלאַמטער גערעדט מיט כּעס. „אַזאַ באַשעפֿעניש, אַזאַ מוסר מוז אַרויסגעיאָגט ווערן פֿון ׳רעד הוק׳. ער איז אַ געפֿאַר פֿאַר אונדז

אַלעמען. 'רעד הוק' מוז געהאַלטן ווערן ריין. איצט, ביל, איז דאָס שוין אונדזער זאַך מער ווי דזשאַניס".

שפּעט ביינאַכט, ווען מעק האָט געהאַלטן אינמיטן פאַרשליסן זיין ביר־שענק, איז דזשעק מיט צוויי פון זיינע אַרויסהעלפּער אַריין צו אים אין ביר־הויז.

„פאַרמאַכסט שוין, מעק?" האָט דזשעק פריינטלעך געפרעגט.

„שוין צייט. וואָס מאַכסטו, דזשעק?"

„איך וויל מיט דיר רעדן". דזשעק און מעק זענען אַריין אין איינעם פון די צימערן אין ביר־הויז.

דזשעקס פּנים האָט זיך פאַרקרימט. זיינע שוואַרצע אויגן זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אויף מעקן.

מעק איז געוואָרן בלאַס. „וואָס איז, דזשעק?... איך האָב חלילה ניט געטאָן עפּעס שלעכטס... איך בין דיין פריינט, דזשעק"...

„מעק, דו ווייסט ווער איך בין, האַ?"

„געוויס קען איך דיך. איך בין דאָך דיין פריינט, דזשעק".

„מעק, מיט אַן אַנדערן וואָלט איך אַפילו ניט גערעדט. דו ווייסט, איך האָב פּיינט צו שמועסן. מיט דיר וועל איך מאַכן אַן אויסנאַם".

מעק האָט זיך געטרייסלט פון שרעק.

„דזשים, דזשים אַלירי איז מיינער אַן אַלטער פריינט. פאַרשטייסט, מעק? דזשים איז אַ פריינט מיינער".

„מיין גאָט!" האָט מעק אויסגעשריגן מיט זיין הייזעריקער שטימע.

„מעק, דזשים איז מיין פריינט, זאָג איך דיר. איך וועל גיין אין פייער אַריין פאַר דעם יונגן דזשאַני, דזשימס זון. דו הערסט... איך וועל טאָן אַלץ פאַר אים. דו הערסט?"

מעק איז געוואָרן איינגעשרומפּן. ער האָט געציטערט.

„מעק, וויפל האָסטו געקראָגן פאַר פאַרראַטן דזשימען?"

„איך... איך געדענק ניט... ס'איז שוין לאַנג... כ'האָב מורא געהאַט"...

„דו געדענקסט ניט?! ווילסט מען זאָל דיר דערמאָנען? טאָ האָב מיר אַ גוטע נאַכט".

„ניין, ניין, דזשעק, גיי ניט", האָט אים מעק פאַרשטעלט די טיר. „דזשעק, איך בעט דיך"...

„נו, רעד, נאָר דעם אמת! געדענק, דעם אמת!"

„פינף טויזנט דאָלער"...

„מאָרגן זאָלסטו קומען צו מיין אַדוואָקאַט. אָט האָסטו זיין קאַרטל. ברענג די פינף טויזנטער. פאַרשטייסט? דאָס איז ניט דיינס. ביים אַד־

וואָקאָט וועסטו אונטערשרייבן די נויטיקע פּאַפּירן. עס וועט דיר גאָר־ניט שאַדן, אויב דו וועסט אונטערשרייבן. דאָס פֿאַרזיכער איך דיך. שרייב־אונטער און מאַך ניט קיין קונצן. עס וועט זיין געזינטער פֿאַר דיר. אָבער מאָרגן, געדענק! מאָרגן צען אַזייגער אינדערפֿרי. איין מינוט נאָך צען וועט זיין צו־שפּעט. אַ גוטע נאַכט".

* * *

„אָבער בלויז דיין מאַמען מעגסטו דערציילן", האָט דזשעק שטרענג אָנגעזאָגט דזשאַנין. „ווייטער קיינעם ניט".

דזשאַני איז געלאָפֿן אַהיים, ווי ער וואָלט געפֿלויגן.

„מאַמע, איך וויל דיר עפּעס זאָגן".

„אַ גוטע בשורה, דזשאַני?"

„יאָ, מאַמע, זייער אַ גוטע בשורה. וועסט זיך מחיה זיין".

„נו, לאָמיך הערן. גאָט ווייסט, אַז איך וואַרט אויף אַ גוטער בשורה מיין גאַנץ לעבן".

„מאַמע, אין עטלעכע טעג אַרום וועט דער טאַטע זיין פֿריי".

מעגי האָט צוגעלייגט איר האַנט צו איר מויל, האָט אַ פֿאַרשטיקטן קוויטש געטאָן און האָט אַ פֿאַל געטאָן אויפֿן דיל, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

* * *

שפּעט אינדערנאַכט, ווען „רעד הוק" איז איינגעשלאָפֿן, איז דזשאַני נאָך געזעסן אויפֿן ברעג פֿון זיין מאַמעס בעט און האָט שטיל גערעדט. מעגי האָט געהאַלטן אַ נאַסן האַנטוך אויף איר קאָפּ.

„יאָ, מאַמע", האָט דזשאַני געזאָגט מיט געזאַנג אין זיין שטימע. „מיין באָס איז דער פֿיינסטער מענטש אין דער וועלט. וויפֿיל איך וועל לעבן, וועל איך אים זיין דאַנקבאַר".

„אַזוי דאַרף צו זיין, מיין זון", האָט מעגי איינגעשטימט.

מעגי האָט ניט געוואוסט, אַז איר זון איז פֿאַרוועבט געוואָרן אין אַ נעץ, פֿון וועלכער בלויז דער טויט באַפֿרייט. פֿאַר אירע אויגן איז גע־שטאַנען איר ליבער דזשים, וואָס האָט אָפּגעפֿיינצטערט פֿערצן יאָר אין טורמע־קבר — דזשים, צוליב וועמען זי האָט געביטן איר וואוינונג פֿון איין עק שטאָט צום צווייטן, כּדי צו האַלטן זיין סוד אין האַרצן. מעגי האָט ניט געוואוסט, אַז ווען דזשים וועט באַפֿרייט ווערן, וועט איר איינ־איינציקער זון זיין אַ געפֿאַנגענער אין דער נעץ, וואָס פֿירט צו דיזעלבע קברים, וואו איר דזשים איז געווען באַגראָבן לעבעדיקערהייט.



II

פּאָול

אין שמאָלן קעמערל איז געווען שטאָק־פינצטער. פּאָול האָט ניט גע־וואוסט ווי שפּעט עס איז. דאָס כראָפּען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אַנדערע קעמערלעך און האָט צעריסן די ביינאַכטיקע שטילקייט פון דער טורמע, האָט אים אָנגעזאָגט, אַז עס מוז זיין שפּעט אין דער נאַכט.

פּאָול איז געזעסן אויף דער הילצערנער ברייטער באַנק מיט זיין פּלייצע אָנגעשפּאַרט אויף דער וואַנט. ער האָט עטלעכע מאָל פּרובירט אויסציען זיך אויף דער באַנק. אָבער זיין קערפּער איז געווען געשוואָלן, און יעדע באַרירונג מיט דער האַרטער באַנק האָט אים פאַרשאַפט ווייטאָגן. אים איז בלויז געבליבן צו פּרובירן איינדרעמלען אין זיין האַלב־ליגנדיקער און האַלב־זיצנדיקער פּאָזע. זיין לינקע צעבראָכענע האַנט, וואָס איז געווען איינגעבונדן אין ווייסער מאַרליע, האָט אים געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. ער האָט זי אונטערגעהאַלטן מיט זיין רעכטער האַנט, כאָטש זיין רעכטער אָרעם, פון דעם עלנבויגן ביזן אַקסל, האָט אים שרעקלעך וויי געטאָן.

ער האָט שווער געאָטעמט דורך זיין אָפענעם מויל. זיין נאָז איז גע־ווען פאַרשטאָפּט מיט וואַטע און מיט פאַרטריקנט בלוט. זיין אונטערשטע ליפּ איז געווען צעשפּאָלטן. זיין גאַנץ פּנים איז געווען אָנגעשוואָלן. אין זיינע אויערן האָבן אָן אויפהער געקלונגען די האַרצרייסנדיקע געשרייען פון מענער און פרויען. ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם מורא־דיקן בילד, וואָס זיינע אויגן האָבן אויפגעכאַפּט, איידער ער איז געפאַלן אַ באַוואוסטלאָזער אונטער די שווערע קלעפּ, וואָס די „בלויע רעק" האָבן געהאָגלט אויף אים.

אין אַ האַלב־דרימלענדיקן צושטאַנד האָט זיך פּאָול דערמאָנט, אַז מיט יאָרן צוריק איז ער אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ בענקל אין זיין צימער. ער איז יענעם טאָג צוריקגעקומען פון זיין טאַטנס לוויה. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל

לעבן דעם קיילעכדיקן טישל, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער. זיין שוועסטער איז אַריינגעקומען עטלעכע מאָל אין צימער, האָט אוועקגע־שטעלט אויף דעם טיש ברויט און קאַווע, און זיך געבעטן ביי אים ער זאָל עסן. אָבער ער איז געזעסן ווי אַ פאַרשטיינערטער. ער האָט גאָרניט געענטפערט און גאָרניט געפּילט. ער איז זיכער, אַז ער איז דעמאָלט געווען וואַך, אָבער ער איז אויך זיכער, אַז ער איז געווען אין אַ מין טויט־פאַר־גליווערטן צושטאַנד. ער האָט גאָרניט געטראַכט. זיין מוח איז געווען פוסט. ער האָט גאָרניט געזען. בלויז זיין טאַטע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן.

אָך, האָט פּאָול אַ טראַכט געטאָן, פאַרוואָס קען איך ניט זיין, ווי מיין טאַטע איז געווען? אַ שטילער, אַ געלאַסענער האָט ער רואיק אָפּגעלעבט זיין לעבן. מיט קיינעם האָט ער זיך ניט געקריגט, האָט קיינמאָל צו קיינעם ניט געהאַט קיין טענות, און איז דורכגעגאַנגען זיין לעבן אָן די טאָג־טעגלעכע האַרץ־ווייטאָגן, וואָס פאַרביטערן מיין לעבן. ווי אַנדערש עס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט זיין, ווי מיין טאַטע איז געווען! — האָט פּאָול געטראַכט.

פלוצים האָט ער אויפגעציטערט. ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון דער האַרטער באַנק און איז צוגעלאָפן צו דער טיר. זיינע ווייטאָגן זענען פאַרשוואונדן. ער האָט איינגעהאַלטן זיין אָטעם, און מיט אַלע זיינע חושים זיך איינגעהערט. ער איז געווען זיכער, אַז זיינע אויערן כאַפּן־אויף אַ שטיל פאַרשטיקט קרעכצן פון די שכנותדיקע קעמערלעך.

ווער קען דאָס זיין? — האָט פּאָול אַ טראַכט געטאָן. אפשר סאַליוואַן? אָדער אפשר ניק, וועמען די פּאָליציי האָט שרעקלעך צעשלאָגן?

דאָס קרעכצן האָט זיך געטראָגן אַלץ מער און העכער און געשניטן פּאָולס אויערן, ווי מיט מעסערס. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. ער האָט מיט זיין רעכטער האַנט און מיט זיינע פיס גענומען קלאַפּן אין די אייזערנע שטאַנגען פון דער טיר, און מיט זיין גאַנצן כוח געשריגן:

„העי, וועכטער! קום אַהער! עפן־אויף! העי דאָרטן, ביסט טויב? עפן־אויף!"

אַ פאַרשלאָפענער וועכטער איז אַנגעלאָפן און מיט אַן אויפגערעגטער שטים זיך געווענדעט צו פּאָולן:

„וואָס רעוועסטו דאָרטן? האָסט ווייניק קלעפּ אַריינגעכאַפּט? ווילסט נאָך? וואָס ליגסטו ניט איינגעלייגט, דו רויטער הונט?"

„ווער קרעכצט דאָרטן?" האָט פּאָול געפרעגט ביים וועכטער מיט אַ נערוועזער און בעטנדיקער שטים.

„וואָס פאַר אַ קרעכצן, וואָס חלומט זיך דיר?" האָט דער וועכטער

נאָך אַלץ אַ בייזער געבורטשעט. „דאָ איז שטיל, ווי אין אַ מויזן־לאָך".

פּאָול האָט זיך איינגעהערט. עס איז געווען שטיל.

„עס ווייזט זיך דיר אויס", האָט דער וועכטער גערעדט צו פּאָולן אַ ביסל ווייכער. „זיי האָבן דיך ריכטיק צעבוכטשעט. לייג זיך אַוועק און ווער אַנטשלאָפן. דיינע חברים שלאָפן, ווי נאָך אַ הייסער באָד. קיינער קרעכצט ניט. גיי שלאָפן און מאַך ניט קיין טומל".

„אַנטשולדיק מיר... אַ דאַנק... איך האָב געמיינט... עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן"... האָט פּאָול אַ שולדיקער זיך געפּרואווט פּאַרענט־פּערן פאַרן וועכטער.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער האַרטער באַנק. איצט האָט ער דערפּילט זיינע ווייטאָגן שאַרפער ווי פריער. אַ שווערע מידקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט געפיבערט. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. זיין צעבראָכענע האַנט, זיין געשוואָלענע נאָז, זיין קאָפּ און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסן ברענענדיקן ווייטאָג.

אָך, וואָס פאַר אַ צעקראָכענע און ווייכע באַשעפעניש איך בין? — האָט פּאָול געטראַכט. עטלעכע קלעפּ האָבן מיך קראַנק געמאַכט. איינ־שלאָפן, איינשלאָפן! — האָט ער זיך אַליין געגעבן אַ באַפעל.

ער האָט זיך פאָרזיכטיק צוגערוקט צו דער וואַנט, און האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אויף זיין געזונטער האַנט. ער האָט ווידער געפּרואווט פאַרבינדן זיינע געדאַנקען מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, כדי צו פאַרגעסן זיין איצטיקן צושטאַנד. אָבער עס איז אים ניט געלונגען. זיין קאָפּ איז געווען ווי אָנגע־גאָסן מיט בליי. ער האָט ניט געקענט צוזאַמענעמען זיינע געדאַנקען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער צוזאַמען מיט דער הילצערנער באַנק, מיט זיין קעמערל זינקען איין אין אַ ריזיקער טיפקייט, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין דעק. טיפער, טיפער גליטשט ער זיך. ניטאָ קיין ווענט אַרום... ניטאָ ביי וואָס זיך אָנצוהאַלטן... גאַרניט איז אַרום אים, בלויז טיפע פוסטקייט, אין וועלכער ער גליטשט זיך אַלץ טיפער און טיפער, אָן אָן אָפּשטעל און אָן אַן אָפּהאַלט...

ווען פּאָול האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען איינגעוויקלט אין שווייס. ער האָט זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. דאָס מאָנאָטאָנע כראָפּען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די אַנדערע קעמערלעך, האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז אין טורמע. פאָרזיכטיק האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער הילצערנער באַנק, און מיט שוואַכע און אומזיכערע טריט זיך צוגעשאַרט צו דער וואַש־שיסל אין ווינקל פון קעמערל. ער האָט איינגע־נעצט זיין נאָז־טיכל אין קאַלטן וואַסער און גענומען אַרומווישן זיין פאַרשוויצט

פּנים. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אָפּגעפּרישט און אויפֿגעמונטערט. פּאַרזיכטיק האָט ער געוואַשן מיט דעם נאַסן טיכל זיין געשוואָלענע נאָז און ליפּן.

פּלוצים האָט זיך אַ פֿרייד צעגאָסן איבער אים. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן האַסטיקער פֿון פֿרייד.

„ציין, מיינע ציין!" האָט פּאָול גערעדט צו זיך. „כמעט אַלע מיינע ציין! און איך האָב געדענקט, אַז זיי האָבן אויסגעהאַקט יעדן צאָן פֿון מיין מויל".

מיט זיינע פֿינגער האָט ער באַטאַפּט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל זיינע ציין, ביז עס איז ביי אים מער ניט געבליבן קיין מינדסטער צווייפֿל, אַז אַלע ציין, אויסער צוויי, זענען געבליבן גאַנץ, געזונט און אומבאַשעדיקט.

ער האָט געלאַכט. זיין פֿרייד מיטן געפֿונענעם אוצר האָט אָפּגעשוואַכט זיינע קערפּערלעכע ווייטאָגן.

„איצט", האָט פּאָול גערעדט צו זיך, „מוז איך איינשלאָפֿן. יאָ, שלאָפֿן, שלאָפֿן!" האָט ער זיך באַפֿוילן. „מאָרגן איז אַ גרויסער טאָג!

אַלטע באַקאַנטע

אויפֿן ערשטן קוק האָט דאָס געריכט אויסגעזען ווי אַ שפּיטאָל. אויף די ערשטע בענק זענען געזעסן מענטשן מיט פֿאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ און געשוואָלענע פּנימער.

הויכע, ברייטפּלייציקע פּאָליציי־לייט זענען געשטאַנען ביי דער טיר. אַנדערע פּאָליציאַנטן זענען פֿאַרלעכווייז געווען צעוואָרפֿן איבערן גרויסן געריכט־צימער. זייערע אויגן האָבן באַטאַפּט יעדן איינעם אין געריכט, האָבן מיט שטרענגע בליקן געהיט יעדע באַוועגונג פֿון די צעשלאָגענע אָנגעקלאָגטע, וואָס זענען געזעסן אויף די ערשטע רייען בענק, פּונקט קעגנאיבער דעם ריכטער. ביי די זייטן פֿון די בענק זענען געשטאַנען פּאָליציי־לייט מיט גראָבע קײלעכדיקע שטעקנס אין זייערע הענט, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַן אָנפֿאַל.

אויף דער הויכער בינע איז געזעסן דער ריכטער אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אויסערגעוויינטלעך ברייטע אַרבל, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פֿליגל. זיינע גרויע האָר זענען געלעגן אויסגעלייגט אין פּינקטלעכער אָרדנונג, ווי צוגעקלעפּטע צום קאָפּ. זיין קיילעכדיק און פֿעטלעך פּנים איז געווען ריין אָפּגעראַזירט. דער ריכטער איז געווען פֿאַרטיפֿט אין לייענען פּאַפּירן. בלויז פֿון צייט צו צייט האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף

די אָנגעקלאָגטע. זיינע גרויסע, קאַלטע גרויע אויגן האָבן ניט אויסגע־דריקט קיין זאַך: ניט קיין איבערראַשונג, ניט קיין בייזקייט, ניט קיין מיט־לייד. אַ קוק אויף די צעמישטע אָנגעקלאָגטע — און ווידער געלייענט זיינע פּאַפּירן. דערנאָך ווידער אַ קוק אויף די אָנגעקלאָגטע, און ווידער אַריינגעגראָבן זיינע אויגן אין די פּאַפּירן.

אין געריכט איז געווען שטיל. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אָנ־וועזנדיקע האַלטן־איין זייער אָטעם, כדי ניט צו שטערן די אָנגעשטרענגטע שטילקייט.

פּאָולס אויגן האָבן זיך איינגעשפּיזלט אין ריכטערס פּנים. „איך קען אים, יאָ, אָבער ... וואו האָב איך אים געזען? וואו האָב איך אים גע־טראָפן? איך קען דעם מענטשן, זיכער קען איך אים, אָבער וואו האָב איך אים באַגעגנט? וואו, ווען? ניין, ניין, איך מאַך ניט קיין טעות. אָבער... איך מוז זיך דערמאָנען וואָס גיכער... עס קען זיין וויכטיק... וואו?"

פּאָולס מאָרך איז שיער ניט צעפּלאַצט געוואָרן פון אָנשטרענגונג. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, וואו און ווען ער האָט באַגעגנט דעם ריכטער.

„קענסט פּאָרזעצן!" האָט דער ריכטער זיך געווענדט צום פּראָקוראָר מיט אַ פריינטלעכער שטים, וואָס האָט געקלונגען אַ ביסל באַפעלנדיק.

„יאָ", האָט פּאָול אַ טראַכט געטאָן. „אַפילו זיין שטים איז מיר באַ־קאַנט. אָבער וואו?..."

דער פּראָקוראָר, אַ קליין־געוויקסיק מענטשל מיט בלאָנדע האָר, בלאָנדע וואָנצעלעך און אַ בלאַס־קרענקלעך פּנים, האָט מיט אַ קוויטשעדיק קולכל אָנגעהויבן זיין אָנקלאָגע־רעדע.

„הער ריכטער!" האָט דער פּראָקוראָר אָנגעהויבן שטיל און זיין שטים איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ העכער. „די אָנגעקלאָגטע, וואָס זיצן דאָ אויף די פאָדערשטע בענק, זענען באַפאַלן די געביידע פון אַ רעגירונג, וואָס איז פריינטלעך צו אונדזער לאַנד. זיי האָבן געפירט אַ „מאָב" פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט די געביידע פון דער פריינטלעכער רעגירונג. זיי האָבן אַריינגעוואָרפן שטיינער אין די פענצטער, און האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו אויפצוברעכן די טירן און זיך אַריינרייסן אינעווייניק מיט געוואַלד".

„די פּאָליציי", האָט דער פּראָקוראָר געשריגן אויף זיין קוויטשעדיקער שטים, „האָט געפּרוּווט אָפּשטעלן דעם אָנפאַל, אָבער די אָנפאַלער האָבן באַוואָרפן די פּאָליציי מיט שטיינער און פלעשער. עטלעכע פּאָליציי־לייט זענען ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן. די אַרעסטירטע, וואָס זיצן דאָ אין געריכט, זענען די אָנפירער פון דעם צעיושעטן 'מאָב'".

„דערלויבט מיר, הער ריכטער", האָט דער פּראָקוראָר פאָרגעזעצט, „איך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז אונדזער פּאָליציי איז די לעצטע צייט געווען פאַרוויקלט אין אַ ריי צוזאַמענשטויסן מיט די אַרעסטירטע, וואָס זענען באַצאָלטע אַגיטאַטאָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס גייט ניט אָוועק קיין איין וואָך, אַז זיי זאָלן ניט פירן קיין דעמאָנסטראַציעס לעבן אונדזערע עפנטלעכע אינסטיטוציעס. זיי אָרגאַניזירן פּיקעטס, וואָס רינגלען אַרום די רעליף־ביוראָס און פאָדערן מער רעליף פאַר די פוי־לענצער, וועמען זיי רופן 'אָרעמע אַרבעטסלאָזע'. זיי העצן די נעגערשע באַפעלקערונג צו פאָדערן גלייכע רעכט; זיי אָרגאַניזירן סטרייקס; זיי...

„פאַרוואָס האָט די פּאָליציי ביז איצט ניט באַוויזן צו אַרעסטירן די קאָמוניסטישע שטערער פון דער אָרדנונג?" האָט דער ריכטער מיט קאַל־טער רואיקייט אונטערגעבראָכן דעם פּראָקוראָר.

„ווייל ביז איצט האָבן זיי זיך פלינק אַרויסגעדרייט פון אַרעסט. איצט אָבער זענען זיי ענדלעך געבראַכט געוואָרן פאַר דעם געזעץ.

„האָבן די אָנגעקלאָגטע אַן אַדוואָקאַט?" האָט דער ריכטער אַ פרעג געטאָן מיט אַ רואיקער, געשעפטסמעסיקער שטים.

„הער ריכטער, איך בין זייער אַדוואָקאַט!" האָט פּאָול מיט אַ נער־וועזער שטים אויסגערופן.

„דו? דו ביסט זייער אַדוואָקאַט?" האָט דער ריכטער מיט שטוינונג געפרעגט. „ביסט אויך איינער פון די אָנגעקלאָגטע?" האָט דער ריכטער געפרעגט מיט פאַרביסענער, קאַלטער רואיקייט.

„יאָ, הער ריכטער", האָט פּאָול מיט דרייסטקייט געענטפערט. „איך בין אויך איינער פון די צעשלאָגענע און אַרעסטירטע".

אַ נערוועזע שטילקייט האָט איינגעוויקלט דאָס געריכט־הויז.

דעם ריכטערס קאַלטע, רואיקע אויגן האָבן געגאָסן אומהיימלעכקייט אויף פּאָולן.

אין פּאָולס מוח האָט געגעבערט איין פראַגע: „וואו האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים?"

„דענקסטו ניט, אַז עס איז בעסער פאַר די אָנגעקלאָגטע, אַז זיי זאָלן פאַרטיידיקט ווערן פון אַן אַדוואָקאַט? די קלאָגע קעגן אייך איז אַן ערנסטע", זענען געציילטע ווערטער געפאַלן פון ריכטערס מויל, ווי שטיקלעך אייז. ביסטו זיכער, יונגערמאַן, אַז דו פאַרמאָגסט גענוג פעיִקייט און דער־פאַרונג צו נעמען אויף זיך אַזאַ ערנסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט?" האָט דער ריכטער זיך געווענדט צו פּאָולן מיט אַ שטרענגער וואָרנונג.

„יאָ, הער ריכטער! איך בין זיכער, אַז איך פאַרמאָג די נויטיקע

קענטעניש פֿון אונדזער געזעץ, און אויך די נויטיקע דערפֿאַרונג", האָט פּאָולס שטים געקלונגען.

„האָסט, הייסט עס, דערפֿאַרונג מיטן געזעץ?" האָט דער ריכטער מיט אַ קוים־באַמערקבאַרן שמייכעלע אַ זאָג געטאָן און אַנגעשטעלט זיינע אויגן אויף פּאָולן.

די „בלויע רעק" האָבן זיך צעשמייכלט.

דעם ריכטערס ווינק האָט פּאָולן אַ ברי געטאָן. ער האָט זיך אויס־געגלייכט און מיט אַ צו־להכעיסדיקער רואיקייט אַרויסגעהאַמערט זיין ענטפֿער:

„ערשטנס, הער ריכטער, פּראָטעסטיר איך קעגן אייער אומפּאַסיקער, וויציקער באַמערקונג קעגן מיר אַלס אַנגעקלאָגטן און אַלס אַדוואָקאַט פֿון מיינע חברים, די אַנגעקלאָגטע. צווייטנס, פֿאַרלאַנג איך, אַז דער פֿאַרהער זאָל אָפּגעלייגט ווערן ביז מאָרגן. מיר זענען אַלע צעשלאָגן. אייניקע פֿון אונדז קענען זיך ניט האַלטן אויף די פֿיס. דריטנס, הער ריכטער, ווייל איך אייך אינפֿאָרמירן, אַז ניט נאָר האָב איך גענוג דער־פֿאַרונג מיטן געזעץ, נאָר אַז אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן, וואָס איך האָב פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור, בין איך צו קיינעם ניט אַנגעקומען נאָך הילף".

„ביסט אַן אַדוואָקאַט?" האָט זיך דער ריכטער אַ הויב געטאָן. „וואָס איז דיין נאָמען?"

„מיין נאָמען איז פּאָול ל..."

דער ריכטער איז בלאַס געוואָרן. „פּאָול ל... פּאָול ל..." האָט ער שטיל אַרויסגערעדט דעם נאָמען. ער האָט מיט נערוועזע פֿינגער געפּויקט אויפֿן טיש. ער האָט געקוקט אויף פּאָולן, דערנאָך אויף דעם פּראָקוראָר, דערנאָך האָט ער געזוכט צווישן די פּאַפּירן.

אַן אַנגעצויגענע שטילקייט האָט פֿאַרשלונגען דאָס גאַנצע געריכט־הויז. די אַנגעקלאָגטע זענען געזעסן דערשטוינטע. דער פּראָקוראָר איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער און האָט ניט אַרונטערגענומען זיינע אויגן פֿונם ריכטער. די „בלויע רעק" זענען געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערטע.

„אָפּגעלייגט ביז מאָרגן!" האָבן זיך די נערוועזע ווערטער אַרויס־געריסן פֿונם ריכטערס האַלדז.

דער הער ריכטער

ווען פּאָול איז צוריקגעקומען אין זיין קעמערל, האָט ער אַנגעשטרענגט אַלע זיינע נערוון זיך צו דערמאָנען, ווען און אונטער וועלכע אומשטענדן ער האָט זיך באַקענט מיטן ריכטער.

„איז עס מעגלעך”, האָט זיך פּאָול געטראַכט, „אַז איך האָב פֿאַרלוירן מײַן טײַערן זכּרון, װאָס האָט מיר געדינט אַזױ געטרײַ ביז הײַנט? איז עס מעגלעך, אַז די קלעפּ, װאָס איך האָב געקראָגן, האָבן אָפּגעשװאַכט מײַן זכּרון, אָדער אפֿשר הױבט־אָן װירקן מײַן שװערע פֿיזישע אַרבעט, מײַן אָנגעשטרענגטע טעטיקײט?

פּאָולס פֿאַרצװײפֿלונג איז געװאַקסן. ער האָט באַשלאָסן אױסצופּרו־בירן זײַן זכּרון.

„װאָס זענען געװען די װיכטיקסטע אַנטשײדונגען, װאָס דאָס העכסטע געריכט פֿון לאַנד האָט אַרױסגעגעבן מיט פֿינף־און־צװאַנציק יאָר צוריק?” האָט ער זיך אַלײן גענומען אױפֿן צימבל.

„יאָ, ריכטיק!” — ער געדענקט.

„און װער זענען דעמאָלט געװען די ריכטער?”

„יאָ!” — ער האָט ריכטיק געדענקט.

„טאָ פֿאַרװאָס קען איך ניט געדענקען, װאו איך האָב באַגעגנט דעם ריכטער?” האָט זיך פּאָול געערגערט.

„אפֿשר דאַכט זיך מיר אױס, אַז איך קען אים?” האָט ער אָנגעהױבן זוכן אַן אױסװעג פֿון זײַן פּלאָנטער.

דער טורמע־װעכטער האָט איבערגעריסן פּאָולס געדאַנקען. לאַנגזאַם האָט דער װעכטער אױפֿגעשלאָסן דעם גרױסן אײַזערנעם שלאָס, אױפֿגע־עפֿנט די שװערע אײַזערנע טיר, און נאַכלעסיק אַרױסגעזופּט פֿון זײַן מױל:

„פּאָול ל... דער ריכטער װיל דיך זען. קום מיט מיר!”

פּאָול איז איבערראַשט געװאָרן. „אַ־האַ!” האָט ער אַ טראַכט געטאָן, „דער פֿױגל האָט זיך דערשראָקן. אָדער אפֿשר האָט ער מיך דערקענט?”

ער איז אַרומגעכאַפּט געװאָרן פֿון אַ נערװעזער נײַגעריקײט.

אַזױ גיך װי ער איז אַרײַן אין פּריװאַטן צימער פֿון דעם ריכטער, איז זײַן נערװעזיטעט פֿאַרשװאונדן געװאָרן. אײן בליק אױפֿן ריכטער, װאָס איז געזעסן לעבן דעם לאַנגן שרײַב־טיש, און ער איז באַהערשט געװאָרן פֿון זײַן געװײנטלעכער האַרטער געלאַסנקײט.

„זעץ זיך, פּאָול!” האָט אים דער ריכטער װאַרעם באַגריסט. „עס האָט זיך מיר קײנמאָל ניט געחלומט, אַז מיר װעלן זיך באַגעגענען אונ־טער אַזעלכע באַדױערנדיקע אומשטענדן.

דער ריכטער האָט זיך אױפֿגעהױבן פֿון זײַן הױכן און באַקװעמען שטול, און האָט אָנגעהױבן שפּאַצירן איבערן גרױסן צימער.

פּלוצים האָט זיך פּאָול צעלאַכט. אַ װאַרעמע פֿרײד האָט אַרױסגעגע־קװעלט פֿון אים. „מאַיק! מאַיקל קאַראַװעליס! יאָ, דאָס איז ער!” האָט ער זיך דערמאָנט.

„וואָס לאַכסטו? וואָס איז די גדולה אויף דיר?" האָט אים דער ריכטער שטרענג אָנגעקוקט.

פּאָול האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן. ער האָט געלאַכט הויך און אָן אָן אָפּשטעל.

„וואָס ביסטו משוגע געוואָרן?" האָט דער ריכטער מיט אַ פֿריינטלעכער בייזקייט פּרובירט איינשטילן פּאָולן. „ביסט אין אַ פּאַסקודנער לאַגע, און דו לאַכסט גאָר.

„ניט איך בין אין אַ פּאַסקודנער לאַגע", האָט פּאָול נאָך אַלץ לאַכנדיק געזאָגט. „דו, מאַיק, ד ו ביסט אין אַ צרהדיקער לאַגע. גלויב מיר, אַז איך וואָלט זיך מיט דיר ניט געביטן מיט די פּלעצער מאָרגן אין געריכט.

„וואָס מיינסטו מיט דעם?" האָט דער ריכטער אויסגעשטאַרצט אויף פּאָולן זיינע גרויסע, קאַלטע, גרויע אויגן.

„אַדרבא, מאַיק, זאָג מיר, וואָס וועסטו טאָן מאָרגן? וועסטו מיך געפֿינען שולדיק און פֿאַרשיקן אין טורמע?

„ווי קומסטו צו דער כאַליאַסטרע האַלעדריגעס?" האָט דער ריכטער זיך צעשריגן. „ווי קומסטו, פּאָול, צו די קאָמוניסטישע ממזרים? וואָס פֿאַר אַ געשעפֿטן האָסטו מיט זיי?

„רעג זיך ניט אויף, מאַיק!" האָט פּאָול ערנסט גערעדט. „דו זאָג מיר בעסער, וואָס דענקסטו צו טאָן מיט אונדז מאָרגן?"

„וואָס הייסט, וואָס איך וועל טאָן?" האָט דער ריכטער בייז גערעדט. „איך וועל אויספֿירן דאָס געזעץ. אָט וואָס איך וועל טאָן".

„דאָס געזעץ, מאַיק, איז אויף מיין זייט!" האָט פּאָול שאַרף און שניידנדיק געזאָגט.

„וואָס מיינסטו מיט דעם, פּאָול?" האָט דער ריכטער אַ דערשראָ־קענער געפֿרעגט.

„גאַנץ פּשוט. איך וועל קעמפֿן קעגן דיר מיט אַלע מיינע כּוחות!" האָט פּאָהל געוואָרנט דעם ריכטער מיט דער זעלביקער געלאַסענער, האַרטער און שניידנדיקער שטים.

„זאָג מיר, פּאָול, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט? ווי קומסטו אין יע־נער געזעלשאַפֿט? ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז דו זאָלסט אַרעסטירט ווערן מיט יענע? דערצייל מיר, פּאָול!" האָט דער ריכטער זיך געבעטן.

„מאַיק, איך וועל דיר דאָס דערקלערן מיט פֿאַרגעניגן, כאָטש איך דענק, מאַיק, אַז דו וועסט מיך ניט פֿאַרשטיין. וועסט ניט זיין דער ער־שטער, וואָס קען מיך ניט פֿאַרשטיין. אָבער איך וועל דיר סיי־ווי דערציילן. דו, מאַיק, קענסט מיך אַלס דעם בריליאַנטענעם יונגן אַדוואָקאַט, וואָס האָט קיינמאָל ניט פֿאַרלוירן קיין 'קעיס'.

„ווייסט, מאַיק, ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַן אַדוואָקאַט? ווייסט וואו איך האָב גענומען געלט צו שטודירן?

„מיין עלטערער ברודער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער וועלט־מלחמה אין 1918. פאַר דעם געלט, וואָס מיין פאַמיליע האָט געקראָגן פון דער רעגירונג פאַר מיין ברודערס אונטערגעהאַקטן לעבן — די אינשורענס, הייסט עס — פאַר יענעם געלט האָב איך אויסשטודירט אַלס אַדוואָקאַט מיט גאָלדענע מעדאַלן.

„מיין ברודער", האָט פאָול געזאָגט מיט ווייטאָג, „האָט ניט געוואָלט גיין מלחמה האַלטן. ער איז געווען אַ שטילער, ערלעכער, יונגער בחור. ער האָט געוואָלט חתונה האָבן. ער איז געווען קעגן דער מלחמה. נאָר פאַרשטייסט דאָך, ער האָט געמוזט גיין. איז ער געגאַנגען און ניט צוריק־געקומען.

„און מיין טאַטע, מאַיק, ווייסט ווי אַזוי מיין טאַטע איז געשטאָרבן? ער איז געווען אַ מאַשיניסט. אַן אָרנטלעכער, פרידלעכער מענטש. אַ קינסט־לער אַ מאַשיניסט. די מאַשין האָט אים אָפּגעריסן אַ האַנט, און ער איז געשטאָרבן.

„מיין מאַמע, מאַיק, האָט ניט געקענט איבערטראָגן די שרעקלעכע פאַרלוסטן פון מיין ברודער און דערנאָך פון מיין טאַטן אין צוויי יאָר צייט, איז זי געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַק.

„איך בין געבליבן מיט מיין עלטערער שוועסטער. ווען איך בין געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, בין איך אָנגעקומען אַרבעטן צו די באַרימטע אַדוואָקאַטן ס. און ס. זיי האָבן מיך אַריינגענומען צוליב מיינע הויכע רע־קאָמענדאַציעס פון אוניווערזיטעט.

„מאַיק, איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די לעקציע, וואָס זיי האָבן מיר דערלאַנגט, ווען איך בין געקומען אַרבעטן צו זיי.

„מיר — האָט דער עלטערער מיסטער ס. געזאָגט — זענען פאַרטיי־דיקער! מיר קלאָגן קיינעם ניט אָן. מיר פאַרפאָלגן קיינעם ניט. מיר פאַר־טיידיקן נאָר. דאָס איז אונדזער לעבנס־פילאָזאָפיע. דאָס איז אונדזער פרינ־ציפּ. מיר פאַרטיידיקן.

„איך האָב געברענט מיט ענטוזיאַזם", האָט פאָול גערעדט מיט טיפן ווייטאָג, „איך בין געווען גליקלעך, וואָס מיר איז באַשערט צו אַרבעטן מיט אַזעלכע גרויסע אַדוואָקאַטן און פיינע מענטשן.

„נו, מאַיק, האָב איך אויך פאַרטיידיקט! צען יאָר האָב איך פאַר־טיידיקט. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרלוירן. איך האָב שטענדיק געוואונען. דאָס ווייסטו דאָך. איך האָב געקראָגן אַ גרויסן נאָמען און אַ הויכן געהאַלט.

„אָבער, מאַיק, מיין באַנק־בוך איז געוואַקסן, נאָר מיין געוויסן האָט

אָנגעהויבן איינשרומפּן. פּאַרשטייסט, מאַיק, וואָס איך רעד צו דיר?" האָט פּאָול כּמעט אויסגעשריגן פֿון ווייטאָג.

„איך האָב פֿאַרטיידיקט", האָט פּאָול פֿאַרגעזעצט, פֿאַרטיידיקט קאָר־פּאָרעישאָנס, טראָסטס, מאָנאָפּאָליעס, גאָרגל־שניידער, פֿאָלקס־רויבער. איך האָב פֿאַרטיידיקט בענק, וואָס האָבן באַרויבט די אָרעמע מענטשן, וועלכע האָבן זיי געטרויט זייערע שווער־פֿאַרהאָרעוועטע פּעניס".

פּאָולס פּנים איז בלאַס געוואָרן. אַ שווייס איז אַרויס אויף זיין שטערן.

דער ריכטער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ גלאָז וואַסער.

פּאָול האָט פֿאַרגעזעצט.

„לעצטנס האָב איך אָנגעהויבן פֿאַרטיידיקן דאָס רעכט פֿון די בענק אַרויסצוואַרפֿן אָרעמע שכנים פֿון די דירות, ווייל זיי זענען אַרבעטס־לאָז און קענען ניט צאָלן קיין דירה־געלט; אַראָפּטרייבן אָרעמע פֿאַרמערס פֿון זייער לאַנד, ווייל זיי האָבן ניט צו צאָלן זייערע 'מאָרטגעדזשעס'.

„פֿאַרשטייסט, מאַיק, מיר קלאָגן קיינעם ניט אָן. מיר, הויך־געלערנטע אַדוואָקאַטן מיט אויסערגעוויינטלעכע פֿעאיקייטן, זענען פֿיינע און וואוילע מענטשן. מיר פֿאַרפֿאָלגן חלילה קיינעם ניט, מיר פֿאַרטיידיקן בלויז, דאָס אַלץ. מיר באַרעכטיקן רויב, אָפֿענעם רויב, פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון געזעץ און אָרדנונג. מיר האַלטן זיך גרויס מיט אונדזער פּראָפֿעסיע. מיר פֿילן ניט, אַז מיר זענען שותּפֿים צו רויבערייען און גוואַלדטאַטן.

„איינער אַ פֿאַרמער, אַ הויכער, אַ געזונטער, מיט אַ צערונצלטן פּנים, פֿאַרברענט פֿון דער זון און פֿון ווינט, האָט אויסגעטרונקען אַ פֿלעשל גיפֿט ביי מיר אין אָפֿיס. זיין טאַטע, זיין זיידע און ער זענען אויסגעוואַקסן אויפֿן לאַנד. ער איז אונדז געקומען בעטן, מיר זאָלן אים ניט אַראָפּיאָגן פֿון זיין זיידנס און זיין טאַטנס ירושה. פֿאַרשטייסט ווי ווייט מיינע פֿעאיקייטן האָבן מיך דערפֿירט? ביז מאָרד, מאַיק! מאָרד, זאָג איך דיר! דער אָרעמער מענטש איז ניט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ניין! מיר האָבן אים געטריבן דערצו.

„מער האָב איך ניט געקענט, מאַיק. איך האָב מער ניט געקענט פֿאַרטיידיקן פֿאַרברעכנס. איצט פֿאַרטיידיק איך די באַרויבטע און פֿאַר־פֿאָלגטע. פֿאַרשטייסט, מאַיק?"

„אָבער, פּאָול, ווי קומסטו אַהער?" האָט דער ריכטער געפֿרעגט אַ פֿאַרלוירענער און צעמישטער.

„איך האָב אָפּגעגעבן מיין אָנגעזאַמלט געלט און אַנדערע פֿאַרמעגנס צו מיין ווייב, און איך בין אַוועק אַרבעטן. ווי מיין טאַטע, ווי מיין זיידע, ווי מיין עלטערער ברודער, האָב איך אָנגעהויבן לעבן פֿון ערלעכער, שווע־רער האָרעוואַניע.

„גיב אַ קוק, מאַיק! זעסט מיינע הענט? זעסט מאַזאָליעס? איך האָב געאַרבעט אויף אַ פֿאַרם, אין קוילן־גריבער, אין מאַשין־שעפּער. יאָ, מאַיק, איך בין אַן ערשט־קלאַסיקער מאַשיניסט.

„איצט בין איך אַרבעטסלאָז. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט מיך צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע אַרבעטער אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער גאַס. קעמף איך צוזאַמען מיט די אַרבעטסלאָזע פֿאַר שטיצע, פֿאַר אַרבעטס־לאָזער פֿאַרזיכערונג. איך קעמף, מאַיק, פֿאַרשטייסט?"

„טאָ וואָס האָסטו געטאָן צוזאַמען מיט די מענטשן ביי דער געביידע פֿון דעם דייטשישן קאָנסולאַט? און פֿאַרוואָס זענט איר באַפֿאַלן די פּאָ־ליצייַ?"

פּאָול האָט אַ שמייכל געטאָן.

„מיר האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם גענגסטעריזם, וואָס הערשט אין היטלערס דייטשלאַנד. מיר האָבן געפֿאָדערט, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג, אונדזער רעגירונג, זאָל אָפּברעכן באַציִונגען מיטן גענגסטער־רעזשים, און זאָל אָפּשטעלן דעם שטראָם פֿון אַמעריקאַנער געלט, וואָס שטיצט היטלערס באַנדיטן.

„דאָס איז מיין רעכט, מאַיק, דאָס רעכט פֿון פֿרייַע בירגער אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, און הער אויף פּלוידערן, הער ריכטער, אַז מיר זענען באַפֿאַלן די פּאָליצייַ. דו ווייסט זייער גוט, אַז די פּאָליצייַ קריגט 'אָרדערס' שטונדן פֿריער, איידער די דעמאָנסטראַציע הויבט זיך אָן.

„האָסט באַדאַרפֿט זען, ווי אַזוי די פּאָליצייַ האָט געשניטן די פֿריד־לעכע מענטשן. איך וועל אויפֿדעקן אַלע פֿאַקטן מאָרגן אין דיין געריכט. איך וועל אויספֿרעגן הונדערטער עדות. די הויפּט פּאָליציי־אָנפֿירער, די הויפּט־שטאָט באַאַמטע וועל איך ברענגען אַלס עדות. איך פֿאַרטיידיק מער ניט, מאַיק. איך קלאָג אָן, מאַיק, פֿאַרשטייסט?"

„ביסט משוגע! וואָס דענקסטו, איך וועל דיר דערלויבן מאַכן סקאַנ־דאַלן אין מיין געריכט?"

„וועסט ניט דערלויבן?" האָט פּאָול סאַרקאַסטיש אַ פֿרעג געטאָן דעם ריכטער. „ווילסט זיך אפֿשר פֿאַרמעסטן מיט מיר, מאַיק? געדענק, מאַיק, איך פֿאַרטיידיק מער ניט!"

„הער זיך איין, פּאָול!" האָט דער ריכטער אויפֿגערעגט און נערוועז געהאָגלט מיט ווערטער. „דו גייסט צו־ווייט. מען וועט דיך דערקלערן פֿאַר משוגע, און וועסט פֿוילן אין משוגעים־הויז".

פּאָול האָט זיך צעלאַכט.

„מאַיק, איצט הער זיך איין, וואָס איך זאָג דיר! איך ווייס, אַז איר קענט מיך באַזייטיקן. האָב איך אַלץ פֿאַרזאָרגט. אַלץ איז צוגעגרייט. פֿאַר־

שיקט איר מיך אין טורמע, אָדער ווי דו זאָגסט אין משוגעים־הויז, וועלן אָפּגעדרוקט ווערן ביכער מיט אַלע פֿאַקטן וועגן די, וועמען איך האָב דערפֿאָלגרייך פֿאַרטיידיקט. אַלץ איז גרייט אין פֿולער אָרדנונג, און עס ליגט אין זיכערע הענט. מיליאָנען עקזעמפּלאַרן וועלן צעשפּרייט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד. איך האָב אַפילו צוגעגרייט די נויטיקע סומע געלט פֿאַר דעם.

„עס וועט זיין אינטערעסאַנט, מאַיק, האַ?" האָט פּאָול טריאומפֿירנדיק געשניטן דעם ריכטער. „פֿאַרגעס ניט, מאַיק, מיט פֿינף יאָר צוריק האָב איך דיך אויך פֿאַרטיידיקט, ווען דו ביסט געווען דער אַדוואָקאַט און דער הויפּט־אָנפֿירער פֿון אַ געקראַכטער באַנק. געדענקסט?"

דער ריכטער האָט געווישט דעם שוויס פֿון זיין צעהיצט פּנים.

„איצט בין איך זיכער, אַז דו ביסט משוגע", האָט ער אַ הילפֿלאָזער גערעדט צו פּאָולן. „ביסט אַ קאָמוניסט, אַ געפֿערלעכער קאָמוניסט!"

„ניין, נאָך ניט, מאַיק!" האָט פּאָול געענטפֿערט. „איך בין נאָך ניט קיין מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב פֿריער געוואָלט אָפּוואַשן מיינע פֿריערדיקע זינד. איך האָב געוואָלט פֿאַרדינען מיין מיט־גליד־קאַרטל אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„מאָרגן, מאַיק, ווען איך און מיינע חברים וועלן אַרויסמאַרשירן פֿון געריכט באַפֿרייטע, וועל איך ווערן אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי".

„איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, פּאָול!" האָט דער ריכטער איצט גערעדט מיט זיין קאַלטער און רואיקער שטימע. „איך וויל פֿון דיר פּטור ווערן. איך וויל זיך ניט פֿאַרמעסטן מיט אַזאַ משוגענעם ווי דו. איך וועל דיך מיט דיין באַנדע מאָרגן אַרויסיאָגן פֿון מיין געריכט. אָבער געדענק, פּאָול, אויב דו וועסט ווידער אַריינפֿאַלן צו מיר, וועל איך זיין גרייט פֿאַר דיר. געדענק מיינע ווערטער, בעסער היט זיך דיינע ביינער. איך בין דיין פֿריינט. איך מיין דיין טובה".

„אַ דאַנק דיר, מאַיק! ביסט אַ קלוגער און פּראַקטישער מענטש!" האָט פּאָול מיט אַ שמייכל פֿאַרענדיקט דעם געשפּרעך.

דאָס גרויסע הויז

מיר זענען געזעסן אין גרויסן שרייב־צימער. אויף אונדז האָבן גע־קוקט שאָפּעס מיט ביכער. מיר האָבן געוואַרט אויף אונדזער גוטן פּריינט, ער זאָל אונדז ברענגען די פּריילעכע בשורה.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, איז דאָס וואַרטן און די מורא, אַז אפשר וועט אונדזער פּריינט ניט פועלן, געווען אַ שרעקלעכע אַפּקומעניש. יעדע שעה האָט זיך געצויגן ווי אַ יאָר. די ווייזערס פונעם גרויסן וואַנט־זייגער האָבן זיך גערוקט מיט פאַרגליווערטער לאַנגזאַמקייט. מיר האָבן זיך אַנגעשטרענגט צו באַהאַלטן אונדזער נערוועזן אומגעדולד. מיר האָבן פּרובירט אויסטייטשן, אַז דאָס וואָס עס דויערט אַזוי לאַנג, איז אַ סימן צום גוטן. אָבער זיכער אין דעם זענען מיר ניט געווען. די אומזיכערקייט האָט אונדז געשניטן, ווי מיט פייערדיקע בייטשן.

אויב עס וועט אים ניט געלינגען, וועט אונדזער באַליבטער חבר פאַר־שיקט ווערן אין פּריזאָן, וואו ער וועט זיך מאַטערן ווייניקסטנס פינף יאָר. פינף יאָר טורמע! פינף יאָר אָפּגעשניטן פון דער לעבעדיקער וועלט. פינף יאָר פאַרשפּאַרט אין אַ קבר!

באַלד ווי דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן איז פאַר אונדז אַלעמען געווען קלאָר, אַז דער אָנקלעגער האָט אויפגעבויט אַ שרעקלעכע קלאָגע קעגן דעם יונגן, פעאיקן און באַליבטן יוניאָן־פירער, און ער האָט צוגעגרייט געגנוג עדות, וואָס וועלן שוין „באַווייזן" אונדזער חברס „שולד". מיר האָבן געוואוסט, אַז אונדזער חבר איז אומשולדיק. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג פון עטלעכע באַלעבאָטים, וואָס קעמפן מיט ציין און נעגל קעגן דער יוניאָן.

אונדזער איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז אונדזער פּריינט ב., וואָס איז אויסגעוואָקסן אינאיינעם מיטן ריכטער, האָט געלערנט מיט אים אין איין שול און שפּעטער אין דעם זעלבן אוניווערזיטעט, און איז געווען איי־

נער פֿון זיינע געקליבענע יוגנט־פֿריינט, וועט באַווייזן דעם ריכטער, אַז אונדזער חבר איז אומשולדיק.

אונדזער פֿריינט ב., אַן איינפֿלוסרייכער מענטש אין דער קולטורע־לער וועלט, האָט פֿאַרנומען אַ פּראָפֿעסאָר־שטעלע אין איינעם פֿון די וויכטיקע אוניווערזיטעטן. ער איז שטענדיק געווען גרייט אונדז צו העלפֿן אין קאַמף קעגן אומרעכט.

„עס איז מיין פֿליכט און מיין פֿאַרגעניגן", פֿלעגט דער הויך־געלערנ־טער פּראָפֿעסאָר אונדז שטענדיק ענטפֿערן אויף אונדזער ווענדונג צו אים נאָך הילף.

די טיפֿע קנייטשן אין זיין געלן פּנים פֿלעגן נאָך טיפֿער ווערן, זיינע גרויסע, מילדע, בלויע אויגן פֿלעגן אויפֿלויכטן, און זיין גרויסע קוטשמע געדיכטע ווייסע האָר פֿלעגט זיך טרייסלען, ווי פֿון ווינט, ווען ער פֿלעגט רעדן צו אונדז וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון אומדערמידלעכן קאַמף קעגן אומרעכט.

„איר, מיינע טייערע, יונגע חברים, טראָגט די פֿאָן פֿון אונדזערע זיידעס, די בראַווע קעמפֿער, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס פֿאַר די אַמעריקאַנער פֿרייהייט־אידעאַלן", פֿלעגט דער גוטער פּראָפֿעסאָר רעדן צו אונדז, גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ לעקציע אין קלאַס צו זיינע סטודענטן. „אין דעם דערפֿאָלג פֿון אייער קאַמף ווענדט זיך דער פֿאַרשריט פֿון אונדזער גרויס לאַנד. געוויס, געוויס וועל איך העלפֿן. וואָס דען, איך וועל זיך פֿאַררוקן אין אַ מויזן־לאָך, ווען דער הייליקער קאַמף פֿאָדערט, איך זאָל דערפֿילן מיין פֿליכט צו מיין לאַנד און צו מיין געוויסן?"

מיר פֿלעגן שטענדיק דערמוטיקט ווערן פֿונם גוטן פּראָפֿעסאָרס רייד. עס פֿלעגט אונדז שטאַרק הנאה טאָן, וואָס דער אַלטער פּראָפֿעסאָר ציט דעם פֿאָדעם פֿון מוטיקן קאַמף פֿאַר גערעכטיקייט און פּראָגרעס, פֿון זיינע עלטער־זיידעס, וואָס האָבן געקעמפֿט אין די אַרמייען פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קריג און שפּעטער אין די אַרמייען פֿון בירגער־קריג.

אין איצטיקן פֿאַל, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט די פֿאַקטן, איז ער אויפֿגעציטערט געוואָרן.

„אַזאַ שרייענדיקן אומרעכט טאָר מען ניט דערלאָזן", האָט דער פֿיין־פֿילנדיקער פּראָפֿעסאָר געזאָגט מיט ווייטאָג. „דאָס טאָר ניט פּאַסירן אין אונדזער לאַנד. אַן אומרעכט קעגן איין בירגער איז אַן אומרעכט קעגן אונ־דזער גאַנץ פֿאָלק".

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט מיט זיין גאַנצער ענער־גיע צו ראַטעווען אונדזער חבר פֿון די נעגל פֿון אומגערעכטיקייט.

„ניט געזאָרגט”, האָט ער צו אונדז גערעדט מיט שטראַלנדיקער זי־כערקייט. „עס איז באמת אַ גליקלעכער צופֿאַל, וואָס דער ריכטער ביי אַזאַ וויכטיקן פּראָצעס איז מיין יוגנט־פֿריינט. ער וועט ניט דערלאָזן, אַז אַזאַ אומרעכט זאָל באַגאַנגען ווערן קעגן אַן אומשולדיקן מענטשן. צוליב זיין ערנהאַפֿטיקייט האָט ער דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופֿע אין דער פּאָ־ליטישער וועלט. נאָר ניט געזאָרגט, אַלץ וועט זיין גוט”, האָט דער גוטער אַלטער פּראָפֿעסאָר זיך געריבן די הענט פֿאַר פֿרייד. „נאָך היינט אָוונט וועל איך אים באַזוכן. לאָמיך נאָר אַ רעד טאָן מיט אים... זאָל ער נאָר זיך באַקענען מיט די אמתע פֿאַקטן... דאָס אַלץ, וואָס מען דאַרף. נאָר דעם אמת”, האָט ער גערעדט מיט אויפֿריכטיקן ענטוזיאַזם.

ווען ער איז ענדלעך צוריקגעקומען פֿון זיין יוגנט־פֿריינט, האָט ער אויסגעזען ווי אַ גאָר אַנדערער מענטש. מיר האָבן זיך פּשוט דערשראָקן פֿאַר זיין אויסזען. זיין פּנים איז געווען שוואַרץ און פֿאַרעלטערט. זיינע אויגן זענען געווען אויסגעלאָשן. ער איז געווען דערשלאָגן און טרויעריק. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז קיין גוטע נייס האָט ער אונדז ניט געבראַכט. מיר האָבן אַפֿילו ניט געוואַגט צו באַאומרואיקן אים מיט פֿראַגן.

מיד און דערשעפּט האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין איינעם פֿון די טיפֿע ווייכע שטולן, האָט אונדז אַלעמען באַטראַכט מיט באַדויער אין זיין טרויעריקן בליק, האָט פֿאַררויכערט זיין ליולקע און האָט כּמעט ווי אַרויסגעזיפֿצט: „ניט גוט, ניט גוט, מיינע טייערע! עס איז שלעכט, זייער שלעכט, אָבער טאָקע גאָר שלעכט. אויף אַזוינס האָב איך זיך אינגאַנצן ניט געריכט... גיי ווייס”...

מיר האָבן געשוויגן און געוואַרט. כאָטש יעדער איינער פֿון אונדז האָט געברענט מיט אומגעדולד און נייגער.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אויפֿגעהויבן, האָט אַרונטערגעצויגן דאָס רעקל, האָט פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, לויז געמאַכט זיין שניפּס און זיך באַ־קוועם צוריק אַריינגעזעצט אין ווייכן שטול, וואָס האָט אים ווי פֿאַרשלונגען.

„יאָ, אויף אַזאַ אָפּשניט האָב איך זיך ניט געריכט. ניט געריכט זיך, מיינע פֿריינט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עס איז ניט גוט און פֿאַרטיק”...

קיינער פֿון אונדז האָט ניט געוואַגט צו רעדן. דער ערלעכער אַל־טיטשקער האָט אַ זאָג געטאָן:

„נו, האָב איך געקראָגן אַ לעקציע! שוין איינמאָל אַ לעקציע! וואָס מער מען לעבט, אַלץ מער לערנט מען!...

„איר ווילט דאָך וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט. וועל איך אייך דער־ציילן. אָבער אַלץ. עס וועט אייך צוניץ קומען.

„מיין פריינט, דער הויך־געשעצטער ריכטער, דער שעף, וואָס טיילט אויס גערעכטיקייט, איז אַ ליבלעכער מענטש, אָבער טאַקע אַ פריינטלעכער מענטש. ער האָט מיך אויפגענומען מיט אויפריכטיקער פריינטשאַפט. אָבער טאַקע אויף אַן אמת. ער האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט.

„אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס?" האָט ער צוגעלייגט מיט ווייטאָג. „ער האָט מיך אויסגעהערט, יאָ, ער האָט מיך אויסגעהערט... אויף זיין געדולד האָב איך חלילה זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די פאַקטן פאַראינטערעסירן אים... גיי ריכט זיך אויף אַזאַ אָפּשניט"...

ער איז שטיל געבליבן. דערנאָך האָט ער ווידער פאַררויכערט זיין ליולקע, וואָס איז פאַרלאָשן געוואָרן, און האָט פאַרגעזעצט:

„ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָט מיין פריינט דער ריכטער צו מיר געזאָגט:

„— אַלבערט, דו ביסט דער זעלבער גוטער און פרומער נאַר".

„— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט, — האָב איך מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט.

„— וואָס זוכסטו זיך צרות? — האָט מיין פריינט מיך חבריש געשטראָפט. — וואָס טויגן דיר די דאָזיקע געשעפטן, וואָס זענען אונטער דייןווירדע, און שטעלן דיך אַוועק אין דער קאַטעגאָריע פון אַלטע נאַרישע בטלנים?

„— וואָס הייסט עפּעס „אונטער מיין ווירדע"? — האָב איך כמעט אַ באַליידיקטער גערעדט צום ריכטער. — דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן גערעכטיקייט. אַן אומשולדיקער מענטש קען דאָך פאַרשיקט ווערן אין פריזאָן.

„— רעג זיך ניט אויף, — האָט מיין פריינט מיך באַרואיקט. — אומשולדיקע מענטשן שיקט מען ניט אין פריזאָן. אָבער דיין פריינט, דער יוניאָן־פירער, האָט שוין לאַנג באַדאַרפט זיין הינטער ריגל און שלאָס.

„— וואָס רעדסטו?

„— איך ווייס וואָס איך רעד, — האָט ער מיך פאַרזיכערט. — עס זענען פאַראַן ווייניק אומשולדיקע יוניאָן־באַאַמטע.

„— ביסט ביים קלאָרן זינען?

„— ניין, דו ביסט צעדרייט, אַלבערט, עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט קומען צום שכל.

„— איצט ווייס איך שוין אינגאַנצן ניט, וואָס דו באַלבעסט, — האָב איך געלאַכט פון מיין פריינטס פלאַפּלערייען.

„— דו ווייסט ניט וואָס איך באַלבע, האַ? — האָט מיין פּריינט, דער ריכטער, מיך געפּרעגט. — אָבער דו פאַרשטייסט, וואָס דו ווילסט פון מיר?

„— נו, געוויס פאַרשטיי איך, — האָב איך אים געענטפערט. — איך וויל פון דיר, אַז דו זאָלסט באַשיצן אַן אומשולדיקן מענטשן, אַ געזעל־שאַפטלעכן טוער, אַ פירער פון אָרעמע אַרבעטער, קעגן אַ פאַרשווערונג פון שלעכטע מענטשן.

„— ניין, אַלבערט, — זאָגט ער צו מיר, — דו שטעלסט אַוועק די זאַך אין אַ צו־איינפאַכער לאַגע, אָבער עס איז שוין גאָרניט אַזוי איינפאַך, ווי דו דענקסט. די זאַך איז פיל ערנסטער, ווי דו דענקסט, און אַזעלכע ערנ־האַפטע מענטשן ווי דו, וואָס פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, דאַרפן זיך ניט מישן אין אַזעלכע ענינים. עס איז גאָר אַן עוולה פון דיר צו פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל איינשטעלן מיין קאָפּ פאַר ווילדע יוניאָן־פירער.

„— דאָס מוזטו מיר שוין קלאָר מאַכן, — האָב איך געפּאָדערט פון מיין פריינט. — איך וויל ניט, אַז עס זאָל דיר עפּעס שאַטן. דו ווייסט, אַז דאָס וויל איך ניט. איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט טאָן דיין פליכט אַלס ריכטער און באַשיצן אונדזערע בירגער קעגן אומרעכט.

„— באַשטייסטו, הייסט עס, אויף דעם, איך זאָל דיר קלאָר מאַכן די גאַנצע זאַך ווי זי שטייט און גייט?

„— געוויס, — האָב איך געענטפערט.

„נו, אויב אַזוי, — האָט מיין פריינט געזאָגט, — וועל איך עס טאָן. אפשר וועט עס דיר עפענען דיינע אויגן, און וועסט זיך אויסניכטערן און פּטור ווערן פון דיינע נאַאיווע טרוימערייען.

„אַי, האָט ער געעפנט מיינע אויגן, דער הויכגעשעצטער ריכטער! אַי, האָט ער מיך זעענדיק געמאַכט!" האָט דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר געלאַכט.

„— אַלבערט, — זאָגט ער צו מיר, מיין יוגנט־פריינט, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו אַזאַ הויכן אַמט. — געדענקסט נאָך דאָס קליינע שטעטעלע, וואו מיר זענען אויסגעוואַקסן?

„— אַ פראַגע, צי איך געדענק, — ענטפער איך אים. — איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך געדענק יעדע גאַס, יעדן באַרג און יעדן טאָל, יעדעס הויז, פּונקט ווי איך וואָלט ערשט נעכטן געקומען פון דאָרטן.

„— געדענקסט די שמאָלע בלאָטיקע גאַס, וואו מיין פאַמיליע האָט געוואוינט?

„— יאָ, געוויס געדענק איך.

„— און דאָס קליינע פֿאַרלאָטעטע הויז, וואו מיין פֿאַמיליע האָט גע־וואוינט, געדענקסטו?

„— יאָ, איך געדענק.

„— נו, און דעם פּאַלאַץ, אין וועלכן די דזשעקסאָנס האָבן געוואוינט, געדענקסטו אויך?

„— אַוודאי געדענק איך, — האָב איך אים פֿאַרזיכערט. — ווי אַזוי קען מען דאָס פֿאַרגעסן? זיי, די דזשעקסאָנס, האָבן דאָך געוואוינט אין דעם שענסטן הויז אין אונדזער שטעטל. מיר, דאָס יונגוואַרג, פֿלעגן שפּאַצירן אין יענער געגנט. מיר האָבן צוזאַמען געריסן עפּל אין גאָרטן ביי די דזשעק־סאָנס. געדענקסט, הער ריכטער? — האָב איך אים דערמאָנט.

„— אויב דו געדענקסט, אַלבערט, איז גוט. וועט מיר גרינגער זיין דיר צו דערקלערן דעם גאַנצן ענין.

„— וואָס האָט דאָס שיינע הויז, אין וועלכן די דזשעקסאָנס האָבן גע־וואוינט, צו טאָן מיט אונדזער ענין? — האָב איך אים געפֿרעגט מיט פֿאַרוואונדערונג.

„— עס האָט שוין גאָר צו טאָן, און זייער פֿיל, — האָט מיין יוגנט־פֿריינט געענטפֿערט. — „דאָס גרויסע הויז״, ווי מיר פֿלעגן רופֿן יענעם פּאַלאַץ, האָט באַשטימט מיין לעבנס־וועג.

„— ווי אַזוי?

„— נאָך איצט, אַלבערט, קען איך זיך ניט באַפֿרייען פֿונם איינדרוק, וואָס דאָס גרויסע הויז האָט אויף מיר געמאַכט. שעהן־לאַנג, אַלבערט, פֿלעג איך שפּאַצירן אויף דער ברייטער, ריינער און גלאַט־געפּלאַסטערטער גאַס, וואו דאָס גרויסע הויז איז געשטאַנען און האָט מיט גבירישער גדלות אַראָפּגעקוקט אויף די קלענערע הייזער. געדענקסט יענע גאַס, אַלבערט?

„— יאָ, אַ שיינע גאַס, די שענסטע גאַס אין אונדזער שטעטל. געוויס, געדענק איך.

„— געדענקסט פֿון ביידע זייטן גאַס האָבן פֿון איבער די פּלויטן אַרויסגעגרינט שיינע צעוואַקסענעביימער, אַלערליי ביימער. אַקאַציעס, עפּל־ביימער, פֿלוימען־ און ווינשעל־ביימער. אין מאַי, ווען די ביימער האָבן זיך צעבליט און דער בעז האָט זיך צעעפֿנט, איז די לופֿט דאָרט געוואָרן אָנגעפֿילט מיט זיסע ריחות, און די פֿאַרשיידענע פֿאַרבנרייכע בלומען און בליאונגען פֿלעגן פֿאַרכישופֿן מיט זייערע רעגנבויגן־קאָלירן. געדענקסט?

„— יאָ, איך געדענק.

„— און געדענקסט ווי פֿייגעלעך פֿלעגן באַגריסן יעדן פֿאַרבייגייער מיט זייערע צוויטשערייען און געזאַנג? עס איז געווען שווער זיך פֿאַר־צושטעלן, אַז עטלעכע שפּאַן ווייטער פֿון דעם ענגן און בלאָטיקן שטעטל

זאָל זיך געפֿינען אַזאַ גן־עדן. און פּונקט אין מיטן פֿון דעם גן־עדן, אויף אַ ברייטער לאָנקע, באַוואַקסן מיט ווייכן, גרינעם גראָז, איז געשטאַנען דאָס מאַיעסטעטישע גרויסע הויז, שטענדיק אָפּגעפֿאַרבט מיט ווייסער פֿרישער פֿאַרב, אַרומגערינגלט מיט גלייך־אַרומגעשוירענע רויזן ביימלעך. געדענקסט?

„— יאָ, איך געדענק, — האָב איך אים אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן די רייד. — אָבער וואָס האָט עס צו טאָן...

„— עס האָט שוין גאָר צו טאָן! נאָך אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, אַז איך און מיינע קינדער זאָלן ניט דאַרפֿן וואוינען אין אַזאַ פֿינצטערן ענגן קבר, ווי מיין טאַטע און איך און מיינע ברידער און שוועסטער האָבן געוואוינט.

„איך האָב אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג.

„— איך האָב געאַרבעט שווער, — האָט ער פֿאַרגעזעצט, — איך האָב געלערנט פֿלייסיק. די אַמביציע צו פֿאַרמאָגן אַזאַ גרויס שיין הויז, ווי די דזשעקסאָנס, האָט מיך ניט געלאָזט רוען.

„— נו, האָסטו דאָך דיינס דערגרייכט. דיין הויז איז אַזוי שיין און באַקוועם, ווי דער דזשעקסאָן־פּאַלאַץ.

„— ריכטיק. איצט קומסטו צו מיר, מיין יוגנט־פֿריינט, און פֿאָדערסט פֿון מיר, איך זאָל זיך איינשטעלן פֿאַר אַ באַנדע אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע יוניאָן־פֿירער. ווילסט, איך זאָל זיך איינרייסן מיט דער גאַנצער וועלט צו־ליב זייערע טעאָריעס און קריוודעס. ווילסט, איך זאָל ריזיקירן מיט מיין רעפּוטאַציע, מיט מיין פּאָזיציע, מיט מיין גאַנצן לעבנס־שטייגער, פֿאַר וועלכן איך האָב אַזוי שווער געהאָרעוועט. ווילסט, איך זאָל זיך מוזן אַרויסציען פֿון מיין שיין הויז און זיך אַריינקלייבן אין די ענגע, שמוציקע הייזער, וואו זיי וואוינען, וואו מיין טאַטע האָט געוואוינט. אָט־דאָס פֿאָ־דערסטו פֿון מיר.

„— איך הויב דיך ניט אָן צו פֿאַרשטיין! — האָב איך אויסגעשריגן.

„— פֿאַרשטייסט ניט, הער פּראָפֿעסאָר, — האָט ער פֿון מיר געחוזקט.

— פֿאַרוואָס פֿאַרשטייסטו ניט? ווילסט, אַז איך זאָל ווערן איינער פֿון די ווילדע קעמפֿער פֿאַר וועלט־גערעכטיקייט? ווילסט, איך זאָל זיך אָנ־שליסן אין דער אַרמיי נאַראָנים, וואָס טראָגן אויף זיך דעם וועלט־שמערץ? אָט־דאָס ווילסטו? ווי לאַנג, דענקסטו, וואָלט איך געזעסן אויף דער שטול אַלס ריכטער?

„— וואָס הייסט?

„— וואָס הייסט, פֿרעגסטו? גיב אַ קוק! ניט ווייט פֿון מיר וואוינט מר. זעמלער, דער באַרימטער צייטונגס־שרייבער. דיינע מענטשן רופֿן

אים יוניאָן־ברעכער, ווייל ער שרייבט שטענדיק קעגן די יוניאָנס. ווי לאַנג, דענקסטו, וואָלט ער געקענט וואוינען אין זיין גרויסן הויז, ווען ער וואָלט פּלוצים אָנגעהויבן ליבן אַרבעטער־יוניאָנס? אויף דער צווייטער זייט פון דער גאַס וואוינט דער אַדוואָקאַט ב., וואָס פאַרטרעט גרויסע קאָרפּאָרעישאָנס. ווי לאַנג, דענקסטו, וואָלט ער געקענט וואוינען אין זיין שיינעם פּאַלאַץ, ווען ער וואָלט פּלוצים געוואָרן אַן אַדוואָקאַט פון דיינע מענטשן, וואָס קעמפן פאַר גערעכטיקייט?

„— אָבער דו וועסט דאָך צוליב דעם ניט פאַרשיקן אַן אומשולדיקן מענטשן אין פּריזאָן?

„— איך בין אַ ריכטער, אַלבערט. איך רעכן זיך מיט פאַקטן, מיט באַווייזן, און ניט מיט מענטשן. אויב דער פּראָקוראָר וועט צושטעלן די באַווייזן קעגן אים, וועל איך טאָן מיין פליכט.

„— אָבער איך באַווייז דאָך דיר, אַז די באַווייזן ווערן אויף אַ פאַר־ברעכערישן אופן פאַבריצירט.

„— דאָס איז ניט מיין זאַך. איך בין ניט קיין חטאים־זוכער. איך בין אַ ריכטער, און איך אורטייל אויפן גרונט פון די צוגעשטעלטע באַווייזן. דאָס אַלץ.

„— הייסט עס, אַז איך קען פון דיר ניט דערוואַרטן, אַז דו זאָלסט זיך איינשטעלן פאַר דעם אמת?

„— איך וועל טאָן מיין פליכט אַלס ריכטער, ווי שטענדיק, און וועל אורטיילן לויט די באַווייזן, וואָס וועלן צוגעשטעלט ווערן אין געריכט.

„אַט־דאָס איז עס", האָט דער גוטער אַלטיטשקער פאַרענדיקט. „עס איז ניט גוט. אויף אַזאַ שרעקלעכער באַציאונג צו גערעכטיקייט האָב איך זיך קיינמאָל ניט געריכט".

„נו, ער איז דאָך ניט דער ערשטער און זיכער ניט דער לעצטער, וואָס בייט אויס זיין געוויסן אויף אַ גרויס, שיין הויז", האָבן מיר פּרובירט טרייסטן דעם ערלעכן מאַן, וואָס איז געווען טרויעריק און דערשלאָגן.

„יאָ, אָבער עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד. ווען מען לייענט וועגן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, וויזט זיך אויס, אַז זיי עקזיסטירן ערגעץ ווייט פון אייך. אָבער ווען מען הערט אַזעלכע רייד, אַזאַ אָפענעם ציניזם, אַזאַ פרעכן פאַרראַט פונעם מויל פון דעם ריכטער, דערפילט מען פּלוצים, אַז די גרויסע שאַנדע און געפאַר עקזיסטירט אונטער דיינע פענצטער, כמעט אין דיין אייגן הויז".

„ביי אונדז איז דאָס ניט קיין נייעס".

„וואָרט", האָט דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר געזאָגט, „דאָס שענסטע האָב איך אייך נאָך ניט דערציילט. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים

אַוועקגיין, און האָב זיך געזעגנט מיט מיין פּריינט, דעם הער ריכטער, רופט ער זיך אָן צו מיר אין זייער אַן ערנסטן טאָן: „אַלבערט", — האָט ער מיט אַ זיסער וואַרעמקייט אַרויסגערעדט מיין נאָמען און געקוקט גלייך אין מיינע אויגן. „איין זאַך וויל איך דיך בעטן. דו — זאָגט ער צו מיר — ביסט אויסגעוואַקסן דאָ אין דעם לאַנד פון דיין טאַטן און דיין זיידן. דיין נאָמען ווערט רעספּעקטירט אין די העכסטע קרייזן פון לאַנד. עס איז אַן אומרעכט פון דיר, דו זאָלסט זיין פאַרבונדן מיט די ווילדע יוניאָן־טוער, וואָס שעדיקן דעם גוטן נאָמען פון אונדזער לאַנד און גראָבן־אונטער די דעמאָקראַטישע יסודות פון אונדזער געזיכערטן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן איינגעשטעלטן לעבן. וואָלסט באַדאַרפט וואָס גיכער זיך אָפּטרייסלען פון יענע אומפאַראַנטוואָרטלעכע לייט".

„נו, ווי געפעלט אייך אַזאַ חוצפה?"

דאַנקבאַרקייט

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיך אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז די באַלעבאַטים האָבן אָנגעשטעלט אַ נייע באַנדע גענגסטערס צו באַשיצן די סקעבס און טעראָריזירן די סטרייקערס. עס איז געווען אוממעגלעך אויסצוגעפֿינען, ווער עס פֿאַרשפּרייט די קלאַנגען. אַלע באַמיאונגען אויסצוגעפֿינען צי די געשיכטע איז אמת, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט.

אַלע סטרייקערס האָבן געוואוסט וועגן דעם. מען האָט זיך געשושקעט. איינער האָט דעם צווייטן אַריינגעסוד׳עט אין אויער אַרײַן מיט איבערגעטריבענער פֿאַרזיכטיקייט:

„האָסט געהערט?”

„וואָס?”

„די באָסעס האָבן אָנגעשטעלט אַ שרעקלעכע באַנדע גענגסטערס — אמתע מערדער. פֿון שיקאַגאָ קומען זיי”.

„פֿון וואַנען ווייסטו?”

„וואָס הייסט פֿון וואַנען? אַלע ווייסן וועגן דעם”.

„ווער האָט דיר דאָס דערציילט?”

„וואָס הייסט ווער? אַלע רעדן וועגן דעם”.

„פֿאַרוואָס ווייס איך ניט?”

„וואָס בין איך שולדיק, אַז דו ווייסט ניט? אָבער סיי־ווי, האַלט דאָס ביי זיך. פֿאַרשטייסט?”

אַ נערוועזיטעט האָט אַרומגעכאַפּט די טויזנטער סטרייקערס. יעדער אומבאַקאַנטער, וואָס איז אַריינגעקומען אין איינעם פֿון די זאַלן, וואו די סטרייקערס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט, איז אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון צענדליקער פֿאַרדעכטנדיקע סטרייקערס. ביי די טירן זענען סטרייקערס געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן געהיט. יעדער פֿאַרדעכטיקטער דורכגייער אויף דער גאַס איז נאָכגעפֿאָלגט געוואָרן. די צאָל „פּיקעטס” ביי די שעפּער איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן. טויזנטער אויערן האָבן זיך

איינגעהערט צו געשפּרעכן. טויזנטער אויגן האָבן געזוכט און געגנישטערט. יעדער אויטאָמאָביל, וואָס איז אָנגעפֿאָרן אין געגנט פֿון סטרייק, איז אויף גיך דורכגעטאַפּט געוואָרן פֿון הונדערטער זוכנדיקע אויגן. מען האָט געהיט. מען האָט זיך געגרייט. מען איז געגאַנגען צו דריי און פֿיר אין אַ גרופּע. די ביינאַכטיקע „פּיקעטס" זענען פֿאַרשטאַרקט געוואָרן מיט אַ צאָל פֿון די סאַמע אויסגעקליבענע. אַ ספּעציעלע אויסשפּיר־גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן. מען האָט געהיט די וואָקזאַלן. מען האָט געהיט געוויסע האָטעלן.

ווען עס זענען פֿאַראיבער עטלעכע טעג, און עס האָט גאָרנית פּאַסירט, איז מען געווען אי צופֿרידן, אי אַנטוישט.

„אַ פּוסטער קלאַנג. בעסער אַזוי — אָבער... הלוואי וואָלטן זיי געקומען.

„וואָס, ס'איז דיר אומעטיק?

„ניין, נאָר זיי וואָלטן — ווי מיר דאַכט זיך — געוואָרן אויס 'שטאַרקע'. דאָס מאָל זענען מיר גרייט זיי צו באַגעגענען".

„איז אפשר וואָלטן מיר זיי איינגעלאַדן?

„ניין, זיי וועלן אַליין קומען. איך בין כמעט ווי זיכער".

* * *

געקומען זענען זיי, אָבער קיין וואונדער האָבן זיי ניט באַוויזן. וואָס פֿאַר אַ מאַכט האָבן אַפֿילו די געוואָגטסטע גענגסטערס קעגן אָרגאַניזירטע, אויפֿגעשטורעמטע סטרייקערס, וואָס קעמפֿן פֿאַר זייער ברויט און זייערע מענטשלעכע רעכט?

בלויז אין עטלעכע געציילטע מינוטן זענען די געדונגענע חוצפּה־דיקע שלעגער געלאָפֿן ווי צעשראָקענע האָזן. צוויי זענען געלעגן אין רינשטאָק. איינער איז געלאָפֿן כמעט אַ נאַקעטער. די סטרייקערס האָבן פֿון אים אַראָפּגעשונדן די קליידער מיט אַ טייל פֿון זיין הויט. די פּאָליציי האָט די אַנדערע אַרויסגעראַטעוועט פֿון די סטרייקערס. די פֿאַרוואונדעטע זענען אָפּגעפֿירט געוואָרן אין שפּיטאָל. אַ צאָל סטרייקערס זענען אַרעסטירט געוואָרן.

ניק און איך זענען געווען צווישן די אַרעסטירטע. מיר זענען ביידע פֿאַרשלאָסן געוואָרן אין איין קעמערל. צוערשט האָט מען מיך אַרויסגערופֿן צום פֿאַרהער. מען האָט מיך אַריינגעפֿירט אין ליכטיקן, גרויסן צימער. אין ווינקל, צווישן צוויי גרויסע פֿענצטער, איז געשטאַנען אַ גרויסער שיינער שרייב־טיש. דער אויספֿאַרשער, אַ מענטש פֿון אַ יאָר פֿערציק, איז געזעסן לעבן שרייב־טיש. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ לאַנגן פֿאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר. מסתמא — די קלאָגן. ווען ער איז פֿאַרטיק

געוואָרן, האָט ער מיך אויפֿמערקזאַם באַטראַכט. איך האָב דערוויילט איבערגעציילט די פֿאַרהיילטע שניט אויף זיין האַרטן פּנים. צוויי קורצע שניט אויף זיינע ליפּן. איין שניט אויף דער אויבערשטער ליפּ, און אַ צווייטער אויף דער אונטערשטער. ביידע שניט באַגעגענען זיך פּינקטלעך. אויף דער לינקער זייט פֿון זיין שטערן — אַ טיפֿער שראַם, וואָס ציט זיך ביז זיין אויער. זיין נאָז — אויסגעבויגן. מסתּמא צעבראָכן.

„אַזוי, הייסט עס, דאָס ביסטו?"

איך האָב זיך איינגעהאַלטן ניט צו לאַכן. אַ גרויסער, געזונטער מאַן רעדט מיט אַ סאָפּראַנאָ־שטים. איך האָב דערוואַרט אַ באַפֿעלנדיקע באַסאָווע שטים.

„איצט וועסטו זיך ניט אַרויסדרייען. צוויי זענען אין שפּיטאָל אין אַן ערנסטער לאַגע. אויב זיי וועלן קראַפּירן, וועסטו מיט דיינע לייטע־נאַנטן זיך פּרעגלען אויפֿן הייסן שטול". איצט האָט זיין שטים געגרילצט. איך האָב באַמערקט, אַז זיין לינקע באַק האָט נערוועז געצוקט, זיין אויג האָט געפּינטלט, און זיין קאָפּ האָט בליץ־שנעל זיך ווי אַ וויג געטאָן אויף לינקס און רעכטס, ווי ער וואָלט גיך און שאַרף געזאָגט: ניין, ניין!

„פֿאַרוואָס פֿאַרסטו ניט קיין מאַסקווע אַנפּירן סטרייקס? לאַכסט, האַ? איך וועל דיר ווייזן עטלעכע טריקס, וועסטו אַנהויבן וויינען! ביי מיר וועסטו פֿוילן הינטער די גראַטעס! איך האָב פֿאַרפֿאַקט גרעסערע פֿון דיר!"

זיין גרילצנדיקע, קוויטשעדיקע שטים איז אַרומגעפֿלויגן איבער דעם שיינעם ליכטיקן צימער ווי אַ פֿלעדערמויז. זיין קאָפּ האָט זיך אָפּט צע־וויגט אויף „ניין־ניין". זיין אויג האָט זיך צעפּינטלט און אַ שוויס האָט אַרויסגעזעצט אויף זיין שטערן מיטן שראַם. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט מיר איבערגעשלאָגן מיט אַ קוויטש:

„שאַראַפּ! דאָ וועסטו ניט מאַכן קיין ספּיטשעס! דזשאָן, נעם אים אַרויס פֿון דאַנען!" האָט ער באַפֿוילן דעם דעטעקטיוו. וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אין צימער.

דערנאָך האָט מען ניקן גערופֿן צום פֿאַרהער. עס האָט ניט געדויערט מער ווי אַ פּאָר מינוט, און מען האָט ניקן צוריקגעבראַכט אין קאַמער. ניק איז געווען בלאַס. ער האָט געציטערט.

„ניק, וואָס איז געשען?"

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן, און מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אין אַ כליפּעדיק געוויין.

איך האָב ניט געקענט באַגרייפֿן, וואָס עס האָט פּאַסירט. ניק! ניק, דער ריזיקער, ווי פֿון שטאָל אויסגעשמידטער, אומדערשראָקענער ניק, זאָל וויינען?! האָט מען אים דאָרטן געשלאָגן? ניק שרעקט זיך ניט פֿאַר

קלעפּ. אַפילו ווען זיי וואָלטן אים געבערענט מיט אַנגעגליטע אייזנס, וואָלט ניק ניט געוויינט. וואָס האָט געקענט פּאַסירן ?

„ניק, וואָס האָט פּאַסירט ? הער אויף וויינען ! שעמסט זיך ניט ?״

ניק האָט זיך באַרואיקט. „ווען מען פלעט מיר מיין קאָפּ מיט אַ האַק, ווען מען דערלאַנגט מיר מיט אַ מעסער אין האַרץ, וואָלט מיר אַזוי ניט וויי געטאָן״, האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין. „אַך, וואָס פאַראַ זונהשע וועלט !״

„וואָס פלאַפלסטו דאָרטן ?

„וואָס איך פלאַפל ? איך וועל צעזעצט ווערן פאַר ווייטאָג, זאָג איך דיר. איך וועל קראַפּירן פאַר ווייטאָג״.

„ביסט משוגע געוואָרן ?״

„ניין, איך בין ניט משוגע. איך וועל דיר דערציילן די גאַנצע מעשה, און אַדרבא, זאָג מיר, קען מען ניט צעפּלאַצט ווערן.

„מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק בין איך געפאָרן צו מיין שווער. ער האָט אַ פאַרם אין די בערג. מיטאַמאָל גיב איך אַ קוק, אַן אויטאָמאָביל, וואָס פאָרט אַנטקעגן מיר, דרייט זיך אויף אַלע זייטן. עס איז קלאָר, אַז דער אַנטרייבער איז שיכור, אָדער ער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל. ער איז פאַרלוירן, טראַכט איך זיך. מיטאַמאָל, ער פאַרקערעוועט אין אַ זייט, אַרונטער פון וועג, אַריין אין גרובן, און זעץ — אַרונטער באַרג־אַראָפּ. דער אויטאָמאָביל קייקלט זיך איבער און בלייבט ליגן מיט די רעדער אַרויף צום הימל.

„שנעל שטעל איך אָפּ מיין קאַטערינקע. ווי אַ פייל־פון־בויגן יאָג איך זיך צום איבערגעקערטן אויטאָמאָביל. איך רייס די פאַרהאַקטע טיר. מיט די נעגל רייס איך די פענצטער. אַ מענטש ליגט אינעווייניק ! איך רייס אַרויס אַ שטיין פון דער ערד. איך ברעך די פענצטער. איך ברעך־אויף אַ טיר. עס רינט בלוט פון מיינע הענט. אָבער וועמען אַרט עס ? איך שלעפּ אַרויס אַ מענטשן, אַ פאַרחלשטן, אַ פאַרבלוטיקטן. איך טראָג אים אַרויף אויפן באַרג, פּאַק אים איין אין מיין קאַטערינקע, און ברענג אים אין אַ דערבייאיקן שפּיטאָל. איך זיץ אויף הייסע קוילן אין וואַרט־צימער. ענדלעך קומט אַרויס דער דאָקטער און זאָגט מיר, אַז דער מענטש איז אין גרויס געפאַר. ער האָט פאַרלוירן צו־פיל בלוט. ער איז, זאָגט ער, צע־קאַליעטשעט אויף זעכצן פלעצער. אַ בלוט־איינשפּריצונג קען אים ראַטעווען. גיב איך אים בלוט. וואָס דען, איך וועל זיך אָפּזאָגן צו ראַטעווען אַ מענטשן ?

„אויף מאָרגן פאָר איך אין שפּיטאָל באַזוכן מיין חולה. איך וויל וויסן ווי אַזוי ער פילט. פאַרשטייסט, דער פרעמדער איז מיר פּלוצים געוואָרן

אַ נאָענטער מענטש. איך האָב דאָך אים געראַטעוועט. איך האָב דאָך אים געגעבן מיין בלוט. באַזוך איך אים יעדן טאָג. איך ברענג אים בלומען, פרוכט, אַ פלעשל קאָניאַק.

„דערווייל האָב איך געקראָגן אַן אויטאָמאָביל־מעכאַניקער, וואָס האָט פאַרריכט דעם צעשעדיקטן אויטאָמאָביל. איך האָב אַוועקגעגעבן דעם מאַנס פאַרבלוטיקטע קליידער, מען זאָל זיי אויסרייניקן און אויספרעסן. קורץ, איך האָב געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געקענט פאַר דעם פרעמדן מענטשן, וואָס איז מיר אין איין שעה צייט געוואָרן אַן אייגענער, בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב געראַטעוועט זיין לעבן.

„ווען מען האָט אַרונטערגענומען די באַנדאַזשן פון זיין צעשניטן פנים, האָב איך זיך געפרייט, וואָס ער איז בלויז אָפּגעקומען מיט סימנים. זיינע ביידע אויגן זענען געבליבן גאַנץ. זיין נאָז — אַ ביסל אויסגעבויגן, אָבער ניט צעבראָכן. קענסט זיך פאָרשטעלן, ווי דאַנקבאַר דער מענטש איז מיר געווען, ווען ער האָט אַרויפגעצויגן זיינע ריינע קליידער, און זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל אַהיימצופאָרן.

„׳ניק׳, זאָגט ער צו מיר, ׳איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ביסט׳ זאָגט ער מיר, ׳איינער פון די בעסטע מענטשן אויף דער וועלט. איך האָב׳, זאָגט ער מיר, ׳קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן ווי דו אויף דער וועלט. ביסט אַ מלאך, ניט קיין מענטש. וועסט זען, ׳פאַר־זיכערט ער מיך, ׳איך וועל דיר אָפּדינען. ווען ניט דו, וואָלט איך שוין איצט געלעגן אונטער אַ בערגל ערד. איך וועל דיר אָפּדינען, וועסט זען׳.

„איצט שטעל זיך פאָר, איך קום אַריין אין יענעם פאַרדאַמטן אָפיס, איך גיב אַ קוק, מיין דזשים, אָט־דער, וועמעס לעבן איך האָב געראַטעוועט, וועמען איך האָב געגעבן מיין בלוט צו ראַטעווען זיין לעבן, זיצט לעבן שרייב־טיש. האָב איך זיך דערפרייט: — העלאָו, דזשים! — האָב איך אויסגעשריגן, און האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט, גרייט צו דריקן זיין האַנט.

„אַזאַ הינטישער זון! וואָס איז דאָס פאַר אַ זונהשע וועלט? מען קען דאָך צעזעצט ווערן פון ווייטאָג!״

„וואָס קאָכסטו זיך, ניק? וואָס זידלסטו זיך? דערצייל מיר בעסער, וואָס ס׳האָט פאַסירט״.

„וואָס ס׳האָט פאַסירט? דער לויזיקער הונט האָט אָפּגעשטופט מיין האַנט, די האַנט, וואָס האָט געבלוטיקט אים צו ראַטעווען פון טויט, און האָט זיך צעקוויטשעט אויף מיר: — ׳וואָס פאַר אַ דזשים בין איך דיר? דזשים ב. מעלאָן איז מיין נאָמען, דיסטריקט אַטוירני מעלאָן! אָט־ווער איך בין! און מיט דיר, דו רויטער ממזר, האָב איך קיין געשעפטן ניט.

נעם אים אַרויס פֿון דאַנען׳, האָט ער זיך געווענדט צום שמש, ׳ער פֿאַר־פּעסטעט די לופֿט, דער מאָסקווע אַגענט!׳

„נו, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם? ווי געפֿעלט דיר עפּעס אַזאַ מין דאַנקבאַרקייט? מען קען דאָך צעפּלאַצט ווערן פֿון ווייטאָג. אַזאַ הינטישער זון!

„וואו איז יושר?"

צוריק צו דער אַרבעט

יענעם פֿרימאָרגן האָב איך זיך געאיילט וואָס גיכער צו קומען אין אָפיס. אַלע מיינע גלידער זענען געווען אָנגעפֿילט מיט אַ מאָדנער נערוועזיטעט. איך האָב ניט געוואָלט, אַז מאַקס, וואָס איז צוריקגעקומען פֿון די שלאַכטפֿעלדער פֿון אַפֿריקע, איטאַליע און פֿראַנקרייך, זאָל וואַרטן אויף מיר. מיין אומגעדולד איז געשטיגן יעדע מינוט. איך האָב וואָס גיכער געוואָלט זען דעם העלד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין אַלע שלאַכטן און, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, איז געקומען באַהאָנגען מיט מעדאַלן.

דעם גאַנצן פֿרימאָרגן האָב איך געטראַכט פֿון יענעם מאָמענט, ווען דער שטילער און גוטהאַרציקער מאַקס, וואָס האָט זיך באַליבט געמאַכט צווישן אַלע אַרבעטער פֿאַר זיין אויפֿריכטיקייט און אומדערמידלעכער טעטיקייט אין אַלע יוניאָן־קאַמפֿן, איז אַריינגעקומען אין אָפיס און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר. מאָרגן פֿאָר איך אַוועק. איך האָב זיך פֿרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. איך קען ניט וואַרטן ביז מען וועט מיך רופֿן”.

פֿאַר מיר איז דאָס ניט געווען קיין איבעראַשונג. איך האָב געוואוסט, אַז זיין האַס קעגן די נאַציס וועט אים פֿריער אָדער שפעטער אַריינשטויסן אין דער אַרמיי. ער איז דאָך געווען פֿון די ערשטע, וואָס זענען געפֿאָרן קיין שפאַניע. ער האָט ניט געקענט בלייבן דאָ, ווען אין שפאַניע האָט געפלאַקערט דער קאַמף.

ווען איך בין אַריין אין אָפיס, איז מאַקס שוין געזעסן און געוואַרט אויף מיר. ער איז געקומען פינקטלעך צו דער מינוט, ווי מיר האָבן אָפגערעדט. איך האָב אַ ביסל פֿאַרשפעטיקט. אויף גיך האָב איך אים באַטאַפט מיט מיינע בליקן. דער זעלבער מאַקס. בלויז די האָר אַ ביסל גרוי.

„נו, מאַקס”, האָב איך אַ פֿריילעכער באַגריסט אים, „ביסט אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון דעם פֿייער! דאָס איז אַ פֿיינער אויפֿטו!

ער האָט געקוקט אויף מיר און ניט געענטפערט.

„עס איז גוט צו זיין צוריק אינדערהיים ? האָ ?"

מאַקס האָט געשוויגן. ער האָט ניט אַרונטערגענומען די אויגן פון מיר. עס איז מיר געוואָרן אַ בסל אומהיימלעך.

„ביסט אַ מזלדיקער מענטש, מאַקס ! האָסט זיך באַטייליקט אין אַזוי פיל שלאַכטן, ביסט אַזוי פיל מאָל געווען אין פייער, און דאָך ביסטו אַרויס אַ גאַנצער".

מאַקס האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט פּאַמעלעך אַרויפגערוקט אַ הויז, איך האָב דערזען אַ הילצערנעם פוס...

אַ פּאָר מינוטן, וואָס האָבן זיך געצויגן לאַנג און פּיינלעך, האָבן מיר ביידע געשוויגן.

ענדלעך האָב איך געבראָכן די שטילקייט.

„ביסט לאַנג געווען אין שפּיטאָל ?"

„פינף חדשים".

„ווי אַזוי פילסטו ?"

„קענסט זיך פאָרשטעלן".

„ניט געקוקט אויף די שרעקלעכע דערפאַרונגען, האָסטו זיך כמעט גאָרניט געענדערט. בלויז עטלעכע גרויע האָר זילבערן אַרויס צווישן די שוואַרצע.

„הלוואי וואָלט עס ריכטיק געווען !" האָט מאַקס שטיל באַמערקט.

איך האָב געזוכט אַ פאָדעם אָנצוקניפּן מיט אים אַ געשפּרעך. אָבער זיינע קורצע ענטפערס האָבן גיך אָפּגעשניטן יעדן פאָדעם. איך בין געוואָרן אַ ביסל אומרואיק.

„ווילסט גיין אַרבעטן ?"

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, און עס איז מיר געוואָרן אַ ביסל אומעטיק. איך האָב געוואַרט אויף זיין ענטפער.

ענדלעך האָט מאַקס געזאָגט :

„וועגן דעם בין איך טאַקע געקומען זיך דורכרעדן מיט דיר".

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב ניט געקענט באַשליסן, צי ער זוכט ווערטער אָנצוהויבן דאָס געשפּרעך, אָדער ער וויל רעדן מיט מיר וועגן אַן ענין, וואָס איז אים שווער צו באַרירן.

„נו, רעד, מאַקס ! וואָס שוויגסטו ?"

„פאַרשטייסט", האָט ער געזאָגט נאָך לאַנגן טראַכטן, „עס איז מיר זייער שווער צו רעדן. ווייסט דאָך, איך בין קיינמאָל ניט געווען פון די

פֿליסיקע רעדנער. אין שאַפּ און אין דער יוניאָן קענט איר דאָך מיך אַלס שווייגער.

„אָבער ביסט דאָך ספּעציעל געקומען זיך דורכרעדן מיט מיר?"

„פֿאַרשטייסט, עפּעס איז מיר שווער צו גיין צוריק צו דער אַרבעט אין שאַפּ".

„פֿאַרוואָס?"

„איך ווייס ניט. עפּעס קומט אויס, אַז איך דאַרף אָנהויבן פֿון דעם אָנהויב.

„עס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי. ביסט אַ גוטער באַלמעלאָכע. די אַר־בעטער קענען דיך. זיי ווייסן, אַז דו האָסט געקעמפֿט העלדיש אין אַלע שלאַכטן, אין וועלכע דו האָסט אָנטיילגענומען. זיי וועלן דיך אויפֿנעמען מיט ליבע און רעספּעקט. אין שאַפּ און אין דער יוניאָן וועסטו פֿילן ווי צווישן ברידער. דאָס איז ניט קיין אָנהויב. דאָס איז אַ פֿאַרזעצונג פֿון אַ שיין לעבן פֿון אַ העלדישן פֿרייהייטס־קעמפֿער".

„יאָ!... אָבער... פֿאַרשטייסט?... עפּעס איז דאָס שוין ניט דאָס אייגענע, ווי געווען... עפּעס איז דאָס אַנדערש געוואָרן... אָבער אפשר... אפשר בין איך אַנדערש געוואָרן, פֿאַרשטייסט?"

„עס איז מיר ניט אינגאַנצן קלאָר, וואָס דו האָסט אינזינען. אפשר וואָלסטו פּרובירט מיר קלאָר מאַכן, וואָס דו מיינסט מיט דעם, אַז עפּעס איז עס אַנדערש געוואָרן.

מאַקס האָט זיך פֿאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער מיך שטיל אַ פֿרעג געטאָן:

„איר דאָ, אינדערהיים, האָט אַ באַגריף וואָס עס הייסט קריג? איר ווייסט וואָס סאָלדאַטן גייען דורך אויף די שלאַכטפֿעלדער?"

„אונדז דאַכט זיך אויס, אַז מיר האָבן אַ באַגריף וועגן דעם, אָבער איר ווייסט דאָך געוויס בעסער. איר ווייסט דאָך דעם טעם".

„מיר דאַכט זיך", האָט מאַקס געזאָגט, „אַז מען וואָלט באַדאַרפֿט די מענטשן אינדערהיים דערציילן מיט אייגנצלהייטן וואָס עס מיינט מלחמה".

„דאָס וואָלט זיכער ניט געשאַדט".

„און איך זאָג דיר, אַז עס איז וויכטיק. קיינער, קיינער פֿון אייך ווייסט ניט, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ גיהנום. איך באַקלאָג זיך חלילה ניט. ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך פֿרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. איך האָב ניט געגלויבט, אַז איך וועל צוריקקומען. איך בין פֿיל מער געווען פֿאַראינטערעסירט אין דער מפּלה פֿון היטלערן, ווי אין מיין לעבן".

„דאָס ווייס איך, מאַקס! דאַרפֿסטו דאָך זיין צופֿרידן, וואָס היטלער איז באַגראָבן געוואָרן, און דו ביסט צוריק צווישן די לעבעדיקע".

„געוויס בין איך צופרידן, אָבער איך בין ניט צופרידן מיט אייניקע אַנדערע זאַכן. מיר דאַכט זיך, אַז אַ סך דאָ, אינדערהיים, ווייסן ניט וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט".

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אים ווילט זיך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן וועגן זיינע דערפֿאַרונגען אין די בלוטיקע שלאַכטן.

„נו, מאַקס", האָב איך געזאָגט, „דערצייל מיר אַ ביסל. דו ווייסט, אַז איך בין זייער פֿאַראינטערעסירט אין דעם".

ער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן קיין סך.

„איך קען ניט. איך האָב ניט די פֿעאיקייטן צו דערציילן אַפֿילו איין טויזנטסטל פֿון די שרעקלעכקייטן אויף די שלאַכטפֿעלדער.

„נעם, צום ביישפּיל", האָט מאַקס לעבעדיקער אָנגעהויבן רעדן, „אַ לופֿט־אַטאַקע פֿון דעם מערדערלעכן פֿיינט אויף אונדזערע פּאָזיציעס. אַך, ווען איר דאָ, אינדערהיים, וואָלט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט! עס גיבן זיך אַ לאָז די שטאָלענע פֿויגלען, צענדליקער, הונדערטער. מיר דאַכט זיך אויס, אַז זיי זענען אין די טויזנטער".

מאַקסעס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן:

„יאָ, ביסט זיכער, אַז זיי זענען אין די טויזנטער. דער הימל איז פֿול מיט זיי. ווי כמאַרעס פֿאַרדעקן זיי דעם בלויען הימל. זייער טומל איז שרעקלעך. עס זשומעט אין די אויערן, דערנאָך אין קאָפּ. עס ווייזט זיך דיר אויס, אַז דו ביסט אַריינגעכאַפּט געוואָרן צווישן אַ טשאַטע ריי־זיקע רויב־פֿייגל.

„דער ערשטער וואָיענדיקער, אויסגעצויגענער פֿייף און דערנאָך דער אויפֿרייס פֿאַראַליזירט דיין מאַרך און אַלע דיינע גלידער. דאָס בלוט הערט אויף צירקולירן אין דיינע אָדערן. דערפֿילסט אַ מאָדנע קאַלטקייט איבער דיין קערפּער. קענסט זיך ניט רירן. קענסט גאָרניט דענקען.

„אין אַ סעקונדע הויבן אָן טויזנטער טייוואָלים צו וואָיען מיט אַזאַ שרעקלעכן אַ... אַ... אַי! אַ... אַ.... און די דונערנדיקע אויפֿרייסן פֿאַרטויבן דיך. די ערד ציטערט אונטער דיינע פֿיס.

„ענדלעך קומסטו צו זיך. ציסט זיך אויס און גראָבסט זיך איין אין דער ערד. רוקסט אַריין דיין פּנים אין דער בלאָטע. פֿאַרשטייסט, גראָבסט איין דיין פּנים, אויגן, נאָז, מויל און אויערן אין בלאָטע. עס ווערט דיר נאַס און קאַלט און דו אָטעמסט אַריין אין זיך שטינקענדיקע בלאָטע. ביסלעכווייז ווערט דיר וואַרעמער. מיט דיין קערפּער וואַרעמסטו די בלאָטע. אָבער דיין אָטעמען ווערט שווערער. די בלאָטע קריכט דיר אין נאָז און האַלדז. פֿילסט, אַז דו ווערסט דערשטיקט... אַ שוויס באַגיסט דיך און מישט זיך אויס מיט דער נאַסקייט פֿון דער בלאָטע... קענסט זיך ניט

קאָנטראָלירן... טרערן גיסן זיך פֿון דיינע אויגן און מישן זיך אויס מיט דער נאַסער בלאָטע... כּליפּעסט, און ציסט אין זיך אַריין דורך דיין נאָז און מויל שטינקענדיקע בלאָטע... קענסט זיך ניט פֿאָרשטעלן, וואָס דאָס מיינט... אַ גיהנום! אַ שרעקלעכער גיהנום!...

„ענדלעך... עס ווערט שטילער... די אויפֿרייסן ווערן וויניקער און דערווייטערט... הויבסט זיך קוים אויף. אַלע דיינע גלידער זענען אָנגעפּילט מיט ווייטאָג. ביסלעכוויז, צוערשט אויף דיינע הענט, דערנאָך אויף די קני, הויבסטו זיך אויף. דיינע פּיס ציטערן... אַרום דיר איז אַ טויטע שטילקייט, ווי אויף אַ בית־עולם.

„דערנאָך..." מאַקס איז שטיל געוואָרן. זיינע אויגן זענען אָנגעפּילט געוואָרן מיט צער. „דערנאָך", האָט ער ענדלעך שטיל פֿאָרגעזעצט, „דערטראָגט זיך צו דיר אַ שטילער, וויינענדיק קרעכצן. אוי, פּייניקן זיי דיך!... פֿון אַלע זייטן הערסטו קרעכצן. ווייסט וואָס עס מיינט גסיסה־קרעכצן, גסיסה־כאָרכלען? ניט פֿון איינעם — פֿון פֿיל... עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז הונדערטער, ניין, טויזנטער קרעכצן. ווילסט אַנטלויפֿן, פֿאַרשטעלסט זיך די אויערן. וואָס ווייסטו, וואָס דאָס מיינט? טעג און נעכט פֿאַרפֿאָלגן דיך די קרעכצן פֿון די פֿאַרוואונדעטע... קענסט זיי ניט פֿאַרגעסן. זיי וועקן דיך אויף אינמיטן נאַכט. פֿילסט, אַז דו וועסט פֿאַרלירן דיין פֿאַרשטאַנד. ווי קענט איר דאָ, אינדערהיים פֿילן, וואָס דאָס מיינט?"

„מיר האָבן אַ שטיקל באַגריף", האָב איך כּמעט ווי אַ שולדיקער געזאָגט.

מאַקס האָט אַ שמייכל געטאָן.

„אַ שטיקל באַגריף", האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין, „טאָקע ניט מער"...

„דאָס ערגסטע", האָט ער פֿאָרגעזעצט אין אַ געדריקטן טאָן, „איז אַ באַיאָנעטן־שלאַכט. דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס בלויז די ווילדסטע און בלוטדורשטיקסטע טייוואָלים האָבן אַליין דערפֿונדן. דאָס איז שוין דאָס שרעקלעכסטע. ווייסט, איך גלויב זיך אַליין ניט, אַז איך בין געווען אין יענעם גיהנום. איך קען זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן, אַז מענטשן זענען פֿעאיק אויף אַזעלכע מערדערייען".

„אָבער מאַקס, ווייסט דאָך, אַז די נאַציס"...

„יאָ", האָט מיר מאַקס איבערגעשלאָגן די רייד, „דער באַוואוסטזיין, אַז דו קעמפּסט קעגן די נאַצישע בעסטיעס, העלפֿט. דאָך קענסטו ניט פֿאַרגעסן... די שרעקלעכע, בלוטיקע בילדער פֿון אַ באַיאָנעטן קאַמף פֿאַרפֿאָלגן דיך בייטאָג און ביינאַכט. ניט קיין מענטשן זעסטו פֿאַר זיך,

נאָר חיות, ווילדע צערייצטע חיות... רויטע, פֿאַרקרימטע און פֿאַרשוויצטע פּנימער — ניט קיין מענטשלעכע פּנימער. פֿייערדיקע אויגן... דו ווייסט, אַז דעם פֿיינטס טויט איז דיין לעבן. גיך, גיך, מיט דער שנעלקייט פֿון אַ בליץ, פֿלינק און מיט דיין גאַנצן כּוח שטעכסטו אַריין דיין באַיאָנעט אין בויך, אין האַרץ, אָדער אין האַלדז פֿון פֿיינט. זיין ווילדער, פֿאַרצווייפֿלטער קוויטש דערשרעקט דיך, אָבער דו קריצסט מיט די ציין פֿון פֿרייד... יאָ, פֿון פֿרייד! ווייניקער אַ נאַצי, און דיין לעבן האָסטו דערווייל געראַטעוועט.

„עס איז ניטאָ קיין צייט צו טראַכטן... דיין באַיאָנעט טאָר ניט רוען אַפֿילו אויף איין סעקונדע... ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע... ביסט ניט דער איינציקער... הונדערטער באַיאָנעטן אַרבעטן אויף רעכטס און אויף לינקס. וואַרעם, רויט און קלעפּיק בלוט רינט איבער דיינע הענט און קליידער. ווילדע, פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען שניידן די לופֿט"...

„אָבער, מאַקס, מען האָט דאָך געמוזט"...

„יאָ, איך ווייס, אַז מען האָט געמוזט. כאָטש איך וויל דיר זאָגן דעם אמת, אַז די פֿראַגע, צי מען האָט יאָ געמוזט, צי מען האָט געקענט אויסמיידן, איז ניט אַזוי פּשוט. מען האָט דאָך פֿאַרט געקענט אויסמיידן, ווען מען דערלאָזט ניט טשעמבערלעינען מיט זיין באַנדע פֿירן די וועלט־פּאָליטיק".

„אָבער מאַקס, אַזעלכע זאַכן קען מען ניט כאַפּן אויף צוריק".

„ביסט טאַקע גערעכט, אָבער ווען מען יאָגט זיך נאָך דעם שונא, און מען לויפֿט איבער אַ פֿעלד פֿאַרזייט מיט מינעס, און זיי רייסן אויף, און דו זעסט, ווי דיינע חברים ווערן צעריסן אויף שטיקער, אָדער ווען מען ליגט אין שפּיטאָל צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע אָן הענט, אָן פֿיס, איז ניט אַזוי גרינג אָפּצופּטרן די פֿראַגע מיט אַזאַ פּשוטן ענטפֿער, אַז מען קען ניט כאַפּן אויף צוריק. עס עגבערט אין מאַרך: פֿאַרוואָס האָט מען ניט אויסגעמיטן? מען האָט דאָך געקענט", האָט מאַקס מיט ווייטאָג געזאָגט.

„אָבער, מאַקס, דו פּייניקסט זיך מיט פֿראַגן, וואָס קענען איצט, אין דעם מאָמענט, גאָרניט העלפֿן".

„ניט דאָס, וואָס מען האָט געקענט אויסמיידן דעם גרויסן אומגליק און מען האָט פֿאַרפֿעלט דאָס צו טאָן, פּייניקט מיך. ניין, ניט דאָס צעשטערט מיין רו.

„וואָס דען, מאַקס?"

„אַפשר ווערסטו פֿאַרשטיין. איך בין אַרויס פֿון שפּיטאָל אַ גאַנץ אַנ־דערער מענטש, אָנגעלאָדן מיט אַ וועלט דערפֿאַרונגען און דערוואַרטונגען. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל באַגעגענען אַן אַנדערע וועלט... בע־סערע מענטשן, קליגערע און ערלעכערע מענטשן. נאָך אַלעמען איז דאָך די גאַנצע מענטשהייט, יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען, געשטאַנען אויפֿן ראַנד פֿון אונטערגאַנג. עס איז אַ נס, וואָס די וועלט האָט זיך גע־ראַטעוועט. אָבער ניין, עס איז די זעלבע מיאוסע וועלט. די זעלבע קליינ־

לעכע מענטשן, מיט די זעלבע קליינלעכע אינטערעסן. עס עקלט. עס ווילט זיך אַנטלויפן״.

„ניין, מאַקס, ביסט אומגערעכט. ערשטנס, זענען פאַראַן גרויסע ענדערונגען. און דערצו מוזטו געדענקען, אַז וועלט־ענדערונגען קומען ניט פּאַר פונקט ווי מיר ווילן און דערוואַרטן. וועלט־ענדערונגען באַוועגן זיך לויט באַשטימטע געזעצן, און ניט אַלעמאָל פאָלגן זיי אונדזערע אַנגע־שטעלטע זייגערס״.

„ווייז מיר, זיי אַזוי גוט, די גרויסע ענדערונגען, פון וועלכע דו רעדסט מיט אַזאַ זיכערקייט״, האָט מאַקס, אַן אויפגערעגטער, געזאָגט צו מיר מיט אַ טאָן פון אַרויספאָדערונג.

„די איינרעדעניש״, האָט ער פאַרגעזעצט, „איז אַן ערנסטע געפאַר. אין דעם פאַר־מלחמה פעריאָד האָבן מיר זיך אויך איינגעשמועסט, אַז גרויסע ענדערונגען זענען אויף דער שוועל פון דער געשיכטע. דער סוף איז געווען: עטיאָפּיע, עסטרייך, שפּאַניע, מינכען, און ענדלעך דער שרעק־לעכער בלוטיקער וועלט־אומגליק.

„ניין״, האָט מאַקס פעסט באַטאָנט, „מער קען איך ניט לעבן מיט זיסע איינרעדענישן און שיינע חלומות. איך קען ניט מער... עס איז אוממעגלעך... איך ווער דערשטיקט אין דעם קנויל פון אַלטן קליינ־לעכן לעבנס־שטייגער, פון די זעלביקע עקלדיקע אינטריגעס, וואָס ווערן געוועבט פון די זעלביקע פאַרברעכער, וואָס האָבן געהאַלפן אונטערצינדן די וועלט. גאָרניט, גאָרניט האָט זיך געענדערט.

„אָט, גיב אַ קוק״, האָט מאַקס מיט אימפעט פאַרגעזעצט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט טאָמער שלאָג איך אים איבער און ער וועט ניט קענען אויסלאָדן אַלץ, וואָס דריקט אים. „די רעאַקציאָנערע צייטונגען, יידישע און ענגלישע, האָבן זיך ניט געענדערט. זיי פירן אָן די זעלביקע מיאוסע און פאַרברעכערישע אַגיטאַציע קעגן אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, די זעלביקע היטלער־ליניע, גלייך ווי עס וואָלט קיין מלחמה ניט פאָר־געקומען אויף דער וועלט, גלייך ווי די מיליאָנען מענטשן האָבן ניט מקריב געווען זייערע לעבנס פאַר אַ בעסערער וועלט.

„אָדער נעם דעם ביישפּיל פון איניקע יוניאָן־פירער. וואָס דאַרף מען מער, אַרבעטער־פירער! נו, האָבן זיי זיך עפּעס געביטן? ניין, זיי זענען די זעלבע ווי פאַר דער מלחמה. זייער אידעאָלאָגיע איז די זעלבע, זייער פּראָגראַם און מעטאָדן — די זעלבע. אַפילו די שפּראַך זייערע איז ניט געענדערט. זיי באַפאַלן און פאַרלוימדן נאָך אַלץ דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד, ווי זיי האָבן געטאָן פאַר דער מלחמה, און ווי היטלער האָט געטאָן.

זיי גראָבן אַלץ אונטער די מעגלעכקייט פֿון אַ פֿאַראייניקטער משפּחה פֿון די דעמאָקראַטישע פֿעלקער. אינאיינעם מיט אַלע פֿינצטערע רעאַקציאָנערן פֿאַרפֿאָלגן זיי נאָך אַלץ פּראָגרעסיווע און קאָמוניסטן, און האַלטן נאָך אַלץ אין שפּרייטן די קערנער פֿון האָס קעגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, און גרייטן דעם באָדן פֿאַר אַ נייער וועלט־מלחמה, ווי זיי אַליין זאָגן, צו צעשיסן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

„נו, האָט זיך עפּעס געענדערט? איז ניט אַלץ ווי געווען? אדרבה, ווייז מיר די ענדערונגען, וואָס דו זעסט?"

„מאַקס, ווען דו האַלטסט אין איין קוקן אויף דער פֿינצטערער זייט פֿון לעבן, קענסטו די ליכטיקע זייט ניט זען".

„וואו זעסטו ליכטיקע זייטן? וואו זענען זיי?"

„הער זיך איין, מאַקס! דו ביסט גערעכט, אַז די רעאַקציאָנערע באַנדע, אַריינרעכענענדיק די שמאַלקעפּיקע יוניאָן־פֿירער, האָבן ניט געביטן זייער פּראָגראַם און זייער טאַקטיק. נאָך מער: זיי זענען געוואָרן מער רעאַקציאָנער, און טאַקע געפֿערלעכער, טיילווייז מחמת זייער באַנקראָט און אָפּט מחמת זייער פֿאַרצווייפֿלונג".

„מחמת זייער פֿאַרצווייפֿלונג?"

„יאָ, מאַקס, זייער פֿאַרצווייפֿלונג! עס איז ניט שווער דאָס צו פֿאַרשטיין. ביז ניט לאַנג צוריק האָבן היטלער און מוסאָליני פֿאַרצייכנט ריזיקע דערגרייכונגען. נאַציזם און פֿאַשיזם האָבן טריאומפֿירט. וועלט־רעאַקציע האָט געזיגט, און האָט מאַרשירט אונטער איין פֿאָן מיטן הערשנדיקן נאַציזם. די פֿעלקער האָבן געפֿאָדערט קאָלעקטיווע אַקציע פֿון די דעמאָקראַטישע לענדער קעגן דעם פֿאַרניכטנדיקן נאַציזם, וואָס האָט געהאַלטן ביים איינשלינגען די גאַנצע וועלט. אָבער, די פֿעלקער זענען געווען מאַכטלאָז קעגן די טשעמבערלעינס און דאַלאַדיעס און היטלערס. די פֿעלקער זענען געווען אין דער אָפּאָזיציע, און די רעאַקציאָנערע הערשער האָבן דורכגעפֿירט זייערע פּראָגראַמען, וואָס האָבן געפֿירט צו דער וועלט־שחיטה".

„און איצט?"

„איצט איז די לאַגע אַן אַנדערע. די היטלערס און מוסאָליניס מיט זייער נאַציזם זענען צעשמעטערט. דער צענטער פֿון וועלט־רעאַקציע איז צעשאָסן. די דעמאָקראַטישע פֿעלקער און, נאַטירלעך, דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד צווישן זיי, זענען פֿאַראייניקט. זייערע פֿאַראייניקטע אַקציעס האָבן געוואונען די מלחמה, און איצט פֿירן זיי דורך די באַשלוסן וועגן וועלט־פֿרידן און קאָאָפּעראַציע צווישן די פֿעלקער.

„הייסט עס, אַז די פּראָגראַם פֿון די פֿעלקער ווערט דורכגעפֿירט, און די רעאַקציאָנערן, אַריינרעכענענדיק די שעדלעכע יוניאָן־פֿירער, האָבן פֿאַרלוירן. מען טאָר ניט פֿאַרמאַכן די אויגן אויף דער געענדערטער לאַגע".

„אָבער די רעאַקציאָנערע באַנדע איז פֿאַראייניקט און איז אַ שרעק־לעכע געפֿאַר".

„געוויס, מאַקס! געוויס איז די רעאַקציאָנערע באַנדע אָרגאַניזירט און קעמפֿט פֿאַרצווייפֿלט אָנצוהאַלטן און אויסברייטערן איר מאַכט און איינפֿלוס אין שטויסן די וועלט אויף די זעלבע געפֿערלעכע וועגן, וואָס האָבן געפֿירט צום גרויסן וועלט־אומגליק.

„נו, מאַקס, וואָס זאָלן מיר טאָן? אַנטלויפֿן און געבן די פֿאָלקס־שונאים אַ געלעגנהייט אויסצוברייטערן זייער מאַכט, אָדער מיר זאָלן פֿאַראייניקן אַלע אונדזערע כּוחות און יאָגן די פֿיינט אָן אָן אויפֿהער, צו פֿאַרזיכערן דעם זיג פֿון דער ציוויליזירטער וועלט?

„וואָס זאָגסטו, מאַקס? וואָס זאָל מען טאָן? און איר, וואָס האָט פֿאַר־גאָסן אייער בלוט אויף די שלאַכטפֿעלדער קעגן די נאַציס און פֿאַשיסטן, וואָס דענקט איר צו טאָן? אַנטלויפֿן פֿון שלאַכטפֿעלד, אָדער פֿאַרזעצן אייער קאַמף מיט אַנדערע מעטאָדן, נאַטירלעך, צוזאַמען מיט די מאַסן, פֿאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט?

„די רעאַקציאָנערע באַנדע וואָלט געוויס געזיגט, ווען איר, צוריק־געקומענע סאָלדאַטן, וואָלט פֿאַרצווייפֿלט און וואָלט אַנטלאָפֿן פֿון שלאַכט־פֿעלד. דאָס וואָלט געזיכערט זייערע שאַנסן".

„אפֿשר ביסטו גערעכט".

„ניט אפֿשר, נאָר זיכער בין איך גערעכט. נעם־אויף דעם קאַמף פֿאַר דעם נייעם לעבן".

„דו ביסט דאָך אַלעמאָל דער אָפּטימיסט", האָט מאַקס באַמערקט און צום ערשטן מאָל געשמייכלט.

„אָפּטימיזם, נאַטירלעך ניט קיין איבערגעטריבענער, איז אַ טייל פֿון אונדזער וואָפֿן. דער פּעסימיזם איז אַ טויטלעכע געפֿאַר פֿאַר פֿרייהייטס־קעמפֿער. דו ווייסט דאָס. ווער נאָך ווייסט דאָס בעסער ווי דו?"

„הייסט עס, אַז מען דאַרף אָנהויבן פֿון דעם אָנהויב?"

„ניין, דער אָנהויב איז שוין לאַנג געמאַכט געוואָרן. מיר ציען דעם פֿאָדעם פֿון דורות. ער טאָר ניט איבערגעריסן ווערן, און טאָר ניט אָפּ־געלאָזן ווערן".

„הייסט עס, דאָס איז עס?"

„יאָ, מאַקס, דאָס איז עס. דאָס איז לעבן".

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן פֿון זיין בענקל. ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אָבער ער האָט גיך צוריקגעוואונען זיין גלייכגעוויכט.

„נאָך ניט צוגעוואוינט, מאַקס", האָב איך מיט ווייטאָג באַמערקט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין הילצערנעם פֿוס, האָט אַ שמייכל געטאָן און האָט געזאָגט:

„דאָס איז גאָרניט. עס איז ווערט געווען".

„אַן אמתער העלד", האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

„נו, וואָס דענקסטו צו טאָן, מאַקס?"

ער האָט זיך צעלאַכט. זיינע אויגן האָבן זיך צעפֿינקלט.

„וואָס איך דענק צו טאָן? וואָס פֿרעגסטו? גיב מיר מיין יוניאָן־ביכל".

טעג אין טורמע

שפּעט נאָכמיטאָג האָבן עטלעכע באַוואָפנטע וועכטער אין אַ לאַנגן, שמאָלן אויטאָמאָביל געפּירט אונדז פון געריכט צו דער גרויסער טורמע פון דער שטאָט ד.

די שווערע אייזערנע טירן פון אויטאָמאָביל זענען געווען פאַרשלאָסן פון דרויסן. אינעווייניק זענען זעקס פּאָרלעך געזעסן געשמידט אין קייטלעך. די לינקע האַנט פון איינעם און די רעכטע האַנט פון דעם צווייטן זענען געווען איינגעשלאָסן אין שטאָלענע רינגען, וואָס זענען געווען פאַר־בונדן מיט אַ שטאָלענער קייט.

דריי פּאָרלעך זענען געזעסן אויף איין לאַנגער באַנק פון דעם אויטאָ־מאָביל, און די אַנדערע דריי פּאָרלעך זענען געזעסן אויף דער צווייטער באַנק אַנטקעגן. פיר באַוואָפנטע היטער זענען געזעסן אויף די בענק, צו צוויי אויף אַ באַנק. זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן גרייט אויף די רעוואָלווערן, וואָס האָבן געשטעקט אין לעדערנע בייטעלעך און זענען געהאָנגען אויף זייערע דיכן.

דער אויטאָמאָביל איז געפלויגן. יעדעס מאָל, וואָס דער טרייבער האָט אַ קירעווע געטאָן דעם אויטאָ אויף לינקס אָדער אויף רעכטס, האָבן מיר זיך אימפּעטיק געוויגט, און זענען שיער ניט אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון אונדזערע פּלעצער. ניט ווילנדיק האָט יעדער אַ צי געטאָן די הענט ביים קאָנוואולסיוון קירעווע פון דעם אויטאָמאָביל, און אַ שניט געטאָן מיטן אייזערנעם רינג דעם שכנס האַנט.

איך האָב גערוקט מיין שטאָלן בראַסלעטל אויף העכער־צו, אָבער ביי יעדן וויג האָט מיין שווער־לייביקער שכן ניט ווילנדיק אַ צי געטאָן דעם רינג אַרונטער, צום זעלבן פּלאַץ, וואו די הויט איז שוין פון פריער געווען אַרונטערגעשניטן פון דעם שטאָלענעם רינג.

ענדלעך זענען מיר אָנגעקומען. אינעווייניק האָט מען אונדז באַ־פרייט פון די קייטלעך.

„עס איז ניט שלעכט, ווען מען ווערט באַפרייט פון שטאָלענע קייטן", האָט מיין שכן באַמערקט מיט אַ צופרידענעם שמייכל.

„איך קעמף קעגן זיי מיין גאַנץ לעבן", האָב איך אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. „זע נאָר, וואָס קייטן אַרבעטן אָן אין צען, פופצן מינוט", האָב איך אים אָנגעוויזן אויף דער אָנגעריסענער הויט פון מיין האַנט.

„דיינע הענט זענען צו־צאַרט", האָט ער געלאַכט.

„דיינע הענט זענען, ווייזט אויס, אויך צו־דעליקאַט", האָב איך אים אָנגעוויזן אויף זיין וואונד, וואָס האָט אויף איין פלאַץ שוין געבלוטיקט.

„האַ, דאָס", האָט ער מיר געענטפערט, „דאָס איז ניט ווייל מיין האַנט איז דעליקאַט, נאָר דאָס פאַרדאַמטע שטאָל איז צו האַרט, און דער רינג — צו ענג".

מיר האָבן אויך גיך אַרונטערגענומען די ציווילע קליידער פון זיך, זיי צונויפגעקייקלט אין אַ בינטל, און אַרויפגעצויגן אויף זיך ריינע אָבער אומגעלומפערטע טורמע־קליידער.

„קום מיט מיר", האָט אַ טורמע־וועכטער מיך אַ רוף געטאָן.

איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער. די שמאָלע בעטלעך זענען געשטאַנען אָפגערוקט איינס פון צווייטן. אונטער יעדער בעט איז געשטאַנען אַ הילצערנער קאַסטן, וואו די אַרעסטאַנטן האַלטן זייער אייגנטום, וואָס באַשטייט פון טאַבאַק, ציגאַרעטן, צוקער, טיכלעך, אַ האַנטוך. אַמאָל געפינט זיך דאָרט אויך אַ בוך, אָדער ביכער, וואָס פריינט שיקן אַריין.

„דו ביסט איינער פון די הונגער־מאַרשירער?" האָט דער באַוואָפנטער היטער מיך געפרעגט, נאָכדעם, ווי ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף מיין בעט.

„יאָ", האָב איך אים געענטפערט.

„הער זיך איין", האָט ער באַפעלנדיק גערעדט צו מיר, „דאָס איז איינער פון די בעסטע פריזאָנס אין די שטאַטן. פאַרשטייסט? היט אָפ די רעגולאַציעס. פאָלג וואָס מען באַפעלט דיר. זיי ניט צו קלוג. וואָס קליגער איינער איז, אַלץ ערגער פאַר אים. פאַרשטייסט? אַז דו וועסט ניט זוכן קיין צרות, וועסטו זיי ניט געפינען. פאַרשטייסט וואָס מען רעדט צו דיר? טאָ נעם זיך גוט אין קאָפ אַריין, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. מאַכסטו אַ שלעכטן שריט, וועסטו זיצן איינער אַליין אין אַ שטייג. אַ צווייטער שלעכטער שריט, און וועסט פאַרזוכן דעם טעם אונטן אין קעלער, וואו מיר קילן־אָפ צעהיצטע קעפ. פאַרשטייסט?"

„נו, אויב מען מאַכט אַ דריטן שלעכטן שריט, ווערט מען אפשר אינגאַנצן אַרויסגעשטעלט פון דער דירה?"

ער האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף מיר און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. אינמיטן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט צו מיר און שאַרף אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול:

„געדענק, אויב וועסט זיך זוכן צרות, וועסטו זיי געפֿינען. דאָ איז דאָס ריכטיקע פּלאַץ פֿאַר דעם.

* * *

מען האָט מיך באַשטימט אויף אַרבעט. איך בין געווען איינער פֿון די ראַמער. עלף זענען מיר געווען. צען נעגערס, און איך, איין ווייסער. מיר האָבן געראַמט, געוואַשן און גערייניקט דעם רעכטן פֿליגל פֿון דער טורמע.

אין אָוונט, נאָך דעם ערשטן טאָג אַרבעט, ווען איך האָב זיך צוריק־געקערט צו מיין וואוינונג, האָבן עטלעכע פֿון מיינע שכנים מיך אַרומ־גערינגלט און באַהאָגלט מיט פֿראַגן.

„פֿאַרוואָס האָט מען דיך פֿאַרשיקט צווישן די „ניגערס״? האָסטו זיך געקריגט מיט דעם פּריזאָן־אויפֿזעער? ביסט ערשט איין טאָג דאָ, טאָ וואָס האָסטו שוין אָפּגעטאָן?

„מען האָט מיך ניט פֿאַרשיקט״, האָב איך גערעדט צו מיינע גוט־האַרציקע שכנים. „איך אַרבעט אינאיינעם מיט די נעגער־אַרעסטאַנטן. וואו איז דאָ דער אומגליק? זיי זענען דען ניט קיין מענטשן?

ווילדע אויגן האָבן מיך פֿאַרשלונגען.

צום שטאַרקסטן האָט זיך געקאָכט דער הויכער, שיינער בלאָנדין מיט אַ לאַנגן טיפֿן שניט אין דער באַק, וואָס האָט ניט פֿאַרמינערט זיין שיינקייט. ער, וואַיטי, איז אין פּריזאָן געווען אַ גאַנצער מיוחס. ער איז שוין דאָ געזעסן דאָס דריטע מאָל. דאָס מאָל האָט מען אים פֿאַרמשפּט פֿאַר „ווייסער שקלאַפֿעריי״.

וואַיטי האָט געגליט פֿון צאָרן.

„זיי וואָלטן מיך באַדאַרפֿט שיקן אַרבעטן מיט ניגערס! איך וואָלט זיי געוויזן! איך וואָלט אונטערגעצונדן דעם גאַנצן פּריזאָן! איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז אונדזער אויפֿזעער איז אַ לויזיקע צויג. אָט וואָס ער איז״.

„אָבער וואָס קאָכט איר זיך? איך האָב גאָרניט קעגן דעם, וואָס איך אַרבעט מיט די נעגערס״, האָב איך פּרובירט איינטענהן מיט מיינע שכנים.

„הערסט וואָס ער קוואַקעט דאָרט?״ האָט דער קליינער פּינטשי, דער קעשענע־גנב, גיך גערעדט אויף זיין קוויטשיק שטימעלע. „עס האַנדלט זיך דען בלויז וועגן דיר אַליין? דאָס איז דאָך אַ שפּיי אין פּנים אַלע ווייסע״, האָט ער מעשה־פֿילאָזאָף געפּרוּוווט איבערצייגן.

מיינע שכנים האָבן מיט אים איינגעשטימט. זיי האָבן מיך באַדויערט.

* * *

אַלע מיינע באַמיאונגען אַנצוקניפּן פריינטלעכע באַציאונגען מיט די נעגערס, מיט וועמען איך האָב געאַרבעט אינאיינעם פון אינדערפרי ביז אין אָוונט, זענען געווען אַ דורכפאַל. אַ קאַלטע פרעמדקייט האָט אונדז צעטיילט. אַלע פּרואוון, וואָס איך האָב געמאַכט צו פאַרבינדן אַ געשפּרעך מיט אייניקע פון זיי, זענען מיר ניט געלונגען.

עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסצואווייזן, אַז זיי האָבן מיך פיינט. באָב, דער עלטסטער פון אונדזער גרופּע ראַמער, אַ הויכער, געזונטער און ברייט־בייניקער נעגער, וואָס איז געזעסן אין דעם פּריזאָן דאָס דרייצנטע יאָר, האָט מיר אָפן געלאָזט וויסן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז ער קען מיך ניט דולדן.

„גיי רייניק אויס דאָס צימער", פלעגט ער בייז אויף מיר אַ בורטשע טאָן.

„וועלכן צימער, באָב?

„דעם גאָלדענעם צימער, וואו די פּרינצעסין שלאָפט. האַ־האַ־האַ!" פלעגט ער זיך צעהירזשען פון זיין חכמה.

„וואָס שלעפּסטו דעם בעזים?" פלעגט ער אויף מיר אַ רעווע טאָן.

„וועלכן בעזים זאָל איך נעמען, באָב?" פלעג איך מיט פאַרזיכטיקער פריינטשאַפט אַ פרעג טאָן.

„נעם דעם בעזים, אויף וועלכן סוזי די פּישוף־מאַכערין איז געפאָרן רייטנדיק צו דער לבנה".

בייטאָג, נאָך דעם ווי מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער אַרבעט, פלעגט די נעגער־גרופּע זיך זעצן שפּילן קאָרטן.

איך פלעג זיצן ניט ווייט פון זיי און לייענען.

זיי האָבן געשפּילט אויף ציגאַרעטן, אויף שוועבעלעך, און אַמאָל אויף קליינע בילדער פון אַקטריסעס. ווען איינער פלעגט פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן, פלעגט ער אַרויספאַלן פון דער שפּיל.

איך פלעג די „אַרויסגעפאַלענע" אָנבאָטן מיינע ציגאַרעטן, מיינע שוועבעלעך, זיי זאָלן קענען פאַרזעצן זייער צייט־פאַרטרייב. זיי פלעגן כמעט פיינטלעך צוריקווייזן מיין פריינטלעכן אָנבאָט.

בעתן שפּיל האָבן זיי געפירט געשפּרעכן וועגן זייערע פריינט, וועגן זייערע געליבטע. זיי פלעגן פאַנטאַזירן וועגן זייער ליכטיקער צוקונפט, ווען זיי וועלן אַרויס פריי.

אין איין נאָכמיטאָג האָבן זיי שטיל און פאַרזיכטיק גערעדט צווישן זיך. שטיל גענוג, אַז מען זאָל זיי ניט הערן, אָבער הויך גענוג, אַז איך האָב פאַרנומען יעדעס וואָרט.

„געדענקט", האָט באַב גערעדט באַפּעלעריש, „דו פּיליפּ, זאָלסט זיך זעצן ביי זיין רעכטער זייט, און דו, דזשים, ביי זיין לינקער זייט. אַזוי גיך ווי עס וועט פינצטער ווערן אין זאַל, און עס וועלן זיך באַווייזן די בילדער אויף דעם לייוונט, זאָלט איר אים אַ כאַפּ טאָן ביי זיינע הענט, און פאַרשטאָפּן זיין מויל־לאָך ער זאָל ניט קענען קרייען... איך וועל אים איבערשניידן דעם גאָרגל אין איין אויגנבליק... איך וועל זיצן פונקט הינטער אים. בלייבט זיצן... רירט זיך ניט פון אייערע ערטער... דאָס איבעריקע וועל איך שוין באַזאָרגן. קלאָר?"

„יאָ", האָבן דזשים און פּיליפּ געענטפערט.

„אָבער געדענקט, היינט אָוונט אין זאַל, ווען מען וועט ווייזן די לע־בעדיקע בילדער... עס מוז אָפּגעטאָן ווערן אין אַ סעקונדע... איינס... צוויי... און די מויז מוז ליגן אַ געשאָכטענע"...

אַ פראָסט איז דורכגעלאָפן מיין קערפער. איך האָב שוין פריער גע־הערט, אַז עס איז פאַראַן אַ ניט־געשריבן געזעץ אין יענעם פריזאָן, אַז די ווייסע אַרעסטאַנטן צעשניידן די „ווייסע מייז" (שפּיאָנען) און די נעגערס באַלוינען די „שוואַרצע מייז" אויף דעם זעלבן אופן.

איך האָב געוואוסט, אַז איין ווייסער און איין נעגער זענען אויפן צעטל. דער ווייסער איז אַ געוועזענער לערער אין אַ מיטלשול. ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכער געפענגעניש פאַר דערמאָרדן זיין געליבטע, אַ לערערין. דער נעגער איז געוועזן אַ גלח. ער האָט מיט אַ האַק דערמאָרדעט זיין ווייב און האָט אונטערגעצונדן דאָס הויז.

ביידע האָבן געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס אין טורמע. ביידע זענען געוועזן „מייז". קיינער האָט צו זיי ניט גערעדט. ווי נאָר איינער פון זיי האָט זיך באַוויזן, זענען די אַרעסטאַנטן שטום געוואָרן. עס פלעגט זיך גיך אַ טראָג טאָן די אינפאָרמאַציע: — אַ מויז איז דאָ!... אַ מויז איז דאָ!...

„געדענקט, וואָס איך זאָג אייך", האָב איך דייטלעך געהערט באַבס הייזעריקע שטימע, „ער איז געזונט ווי אַן אָקס. ער ווייסט, אַז ער איז אויפן צעטל. ער וועט קעמפן... ער וועט רעוועון מיט אַלע כוחות, אויב איר וועט אים געבן די מינדסטע געלעגנהייט. איר מוזט אים אַ כאַפּ טאָן ביי די הענט און האַלטן ווי מיט צוואַנגען, און גלייכצייטיק אים אַ כאַפּ טאָן ביים פּיסק, ער זאָל קיין פּיפּס ניט קענען טאָן.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז היינט ביינאַכט וועט זיין אַ שחיטה אין זאַל, וואו מען ווייזט די לעבעדיקע בילדער.

איך בין ניט געגאַנגען זען די בילדער. איך בין געלעגן אויף מיין בעט, איך האָב פּרובירט לייענען, אָבער אָן דערפאָלג. איך האָב געפּי־

בערט. איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע חושים אויפֿצוכאַפּן דעם קלענסטן טומל. אַ טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, אַ ריגל האָט זיך פֿאַררוקט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די שחיטה ווערט דורכגעפֿירט.

ענדלעך האָבן זיך די צוויי שעה געענדיקט. מיינע שכנים האָבן לאַנגדיק און מיט איינגעהאַלטענעם געפּילדער זיך צוריק אומגעקערט אין זייער וואוינונג. איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זיי האָבן גערעדט פֿון די בילדער, פֿון די טעגלעכע געשעענישן אין טורמע, נאָר קיין וואָרט ניט וועגן דער שחיטה.

עס האָט דאָרט גאָרניט פּאַסירט. איך האָב פֿרייער אָפּגעאָטעמט.

אויף מאָרגן נאָכמיטאָג האָבן מיר, מידע פֿון די עטלעכע שעה שווערע אַרבעט, פֿאַרנומען אונדזערע פּלעצער. די נעגערס האָבן געשפּילט קאָרטן. איך האָב געלייענט.

דער באַוואַפֿנטער היטער האָט אַריינגעפֿירט אַ נייעם נעגער־אַרעסטאַנט און אים צוגעזעצט צו אונדזער גרופּע ראַמער.

דער „נייער" האָט מיך באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. מיט די נעגערס איז ער באַפֿריינדעט געוואָרן אין איין מינוט צייט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי רעדן וועגן מיר. איך האָב געפֿילט זייערע בליקן.

עס איז פּלוצים שטיל געבליבן.

דער נייער אַרעסטאַנט איז צוגעקומען צו מיר: „ווי אַזוי רופֿט מען דיך?" איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען. „און ווי רופֿט מען דיך?"

„דעניעל איז מיין נאָמען. דו ביסט אַרעסטירט געוואָרן מיט די הונגער־מאַרשירערס?"

„יאָ, פֿאַרוואָס האָט מען דיך אַריינגעזעצט?"

„איך האָב אַריינגעכאַפּט נייניציק טעג פֿאַר טרייבן אַן אויטאָמאָביל צו גיך. דאָס איז אַ שלעכטער שטאָט. דער ערגסטער אין די פֿאַראייניקטע שטאָטן", האָט ער פֿאַרגעזעצט. „מער ווי דריי טעג האָב איך ניט פֿאַרדינט. אָבער די פּאָליציי האָט געזאָגט דעם ריכטער, אַז איך בין געווען פֿאַרשניאַשקעט. דער אמת איז, אַז איך האָב קיין משקה אַפֿילו ניט געזען פֿאַר די אויגן".

„האָסט געהאַט אַן אַדוואָקאַט?"

„וואָס קען מיר אַן אַדוואָקאַט העלפֿן? וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט אַ נעגערס שבועה קעגן דעם עדות־זאָגן פֿון פּאָליציי?"

„ביסט גערעכט, אָבער האָסט זיך באַדאַרפֿט פֿאַרטיידיקן. האָסט באַדאַרפֿט קעמפֿן פֿאַרן אמת".

„פֿאַר אַזאַ חוצפּה וואָלט איך געוויס אַריינגעקראָגן אַ קיילעכדיק יאָר", האָט דעניעל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „יאָ, זאָג מיר, וואָס טוסטו, אַ ווייסער, צווישן נעגערס?"

„וואָס הייסט, וואָס איך טו? איך ראַם, איך וואַש דעם דיל, איך אַרבעט אינאיינעם מיט דער גרופּע".

„פֿאַרוואָס האָט מען דיך אַריינגעזעצט צווישן נעגערס? האָסטו ניט פּראָטעסטירט?"

„ניין, פֿאַרוואָס זאָל איך פּראָטעסטירן? איך בין צופֿרידן".

צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן מיך דורכגעלעכערט.

„זאָג נאָר", האָט דעניעל מיך געפֿרעגט מיט אַ נערוועזער שטים, „ביסט אַמאָל געווען אין באַלטימאָר?"

„יאָ, איך קום אָפּט קיין באַלטימאָר".

„דו ביסט אַ רעדנער ביי פֿאַרזאַמלונגען?" האָט ער מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט און זיין פֿינגער איז געבליבן אָנגעשטעלט אויף מיר.

„יאָ", האָב איך רואיק געענטפֿערט. „איך רעד אַמאָל אויף אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען".

„נו, און אין באַלטימאָר האָסטו אַמאָל גערעדט אויף אַ נעגער־מיטינג?"

„יאָ, עס זענען דאָרט געווען ווייסע אויך".

דעניעלס אויגן האָבן אויפֿגעבליצט.

„וועגן וואָס האָסטו דאָרט גערעדט?"

„עס איז געווען אַ פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג", האָב איך אים דערקלערט. „אַ נעגער־פֿאַמיליע האָט זיך אַריינגעצויגן אויף אַ ווייסער גאַס. די כּו־ליגאַנעס פֿון דעם קו־קלוקס־קלען האָבן ביינאַכט אונטערגעצונדן דאָס הויז, און די נעגער־פֿאַמיליע האָט זיך קוים געראַטעוועט פֿון דעם פֿייער. ביי יענער פֿאַרזאַמלונג האָב איך צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָטעסטירט קעגן דער מערדעריי".

דעניעלס פּנים האָט געשיינט.

„דו באַלאַנגסט צו דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געקעמפּט פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די סקאָטסבאָראָ־אינגלעך?" האָט ער מיך געפֿרעגט.

„דו מיינסט די אײ־על־די? געוויס באַלאַנג איך".

„קום מיט מיר!"

ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי מיין האַנט און מיך געצויגן מיט זיין גאַנצן כּוח. איך בין מיטגעגאַנגען מיט אים.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם טישל, וואָס איז געדיכט געווען באַזעצט מיט דער נעגער־גרופּע.

„ער איז אונדזערער, ער איז אַן אייגענער", האָט דעניעל געשריגן, „ער איז איינער פֿון אונדז!"

אויגן, שוואַרצע אויגן האָבן געגליט. מיילער זענען געבליבן אָפֿן, און ווייסע ציין האָבן אַרויסגעפֿינקלט. עלף מענטשן זענען געבליבן זיצן שטום און באַוועגלאָז, ווי אויסגעהאַקט פֿון בראָנז. באַבס רעכטע האַנט מיט אַ קאָרט צווישן די פֿינגער איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן, ווי פֿאַר־גליווערט.

דעניעל האָט זיי דערציילט ווער איך בין, און אַז ער האָט מיך דער־קענט, ווייל ער איז געווען איינער פֿון די, וואָס זענען געווען ביי דער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג אין זיין היים־שטאָט, אין באַלטימאָר.

„אויב אַזוי, ביסטו דאָך טאַקע אַן אייגענער מענטש", האָט באַב ווי אַ שולדיקער גערעדט צו מיר. „אויב אַזוי איז שוין עפּעס אַנדערש".

איך בין געוואָרן אַן אייגענער צווישן אייגענע; אַ פֿריינט צווישן פֿריינט.

דעניעל האָט מיר אויפֿגעקלערט דעם פּלאָנטער: „פֿון צייט צו צייט זעצן אַריין די טורמע־אויפֿזעער אַ ווייסן שפּיאָן צווישן די נעגערס. נו, האָבן זיי דיך פֿאַררעכנט פֿאַר אַ 'מויז'," האָט ער געלאַכט ווי אַ קינד. „דו אַ 'מויז'! ווי לעכערלעך!"

„אָבער דעניעל, אויב זיי האָבן מיך באַטראַכט פֿאַר אַ 'מויז', טאָ ווי קומט עס, וואָס זיי האָבן געפּלאָנעוועט די שחיטה, אַז איך זאָל הערן?"

„זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דעם", האָט דעניעל זיך געשטיקט פֿון געלעכטער. „די גאַנצע געשיכטע איז געווען אומישנע געצילט דיך אויס־צופּרובירן. זיי האָבן בכיוון גערעדט דו זאָלסט הערן און האָבן אַ געלע־גנהייט צו דערציילן די געשיכטע צו די אויפֿזעער. מער וואָלט דיר שוין ניט געפֿעלט".

„אָבער ווי אַזוי וואָלטן זיי געוואוסט צי איך האָב דערציילט?"

„גאַנץ פּשוט", האָט דעניעל געזאָגט. „די אויפֿזעער וואָלטן פּלוצים פֿאַרגרעסערט די וואַך. באַב, דזשים און פֿיליפּ וואָלטן איצט זיכער גע־לעגן אונטערן שלאָס־און־ריגל. קיין לעבעדיקע בילדער וואָלט מען שוין יענעם אָוונט ניט געוויזן. עס וואָלטן זיך אָנגעהויבן אונטערזוכונגען און אויספֿאָרשונגען".

„אָבער די אַלע זאַכן האָבן דאָך ניט פּאַסירט?"

„טאַקע דערפֿאַר האָבן זיי אָנגעהויבן צווייפֿלען, צי זייער פֿאַרדאַכט וועגן דיר איז ריכטיק, און האָבן מיך געבעטן צו רעדן מיט דיר און אויס־געפֿינען, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל דו ביסט. בין איך צופֿרידן, וואָס איך האָב געקראָגן די אויפֿגאַבע דיך אויסצופֿרעגן", האָט ער געהאַלטן אין איין לאַכן.

„דאָס איז דאָך טאַקע צום באַשרייבן. האַ, האַ! גייסט באַגעגענען אַ שונא, און געפֿינסט אַן אמתן פֿריינט... פּונקט ווי אין לעבעדיקע בילדער! האַ, האַ! אַפֿילו אין פּריזאָן טרעפֿט מען אייך אויך... פֿריינט זענען פֿריינט“.

דעניעל איז געווען גערעכט. די פֿריינטלעכע באַציאונג פֿון די נעגער־אַרעסטאַנטן צו מיר איז געוואַקסן יעדן טאָג. פֿון די פֿאַרשלאָסענע קע־מערלעך האָבן נעגער־אַרעסטאַנטן מיך וואַרעם באַגריסט יעדעס מאָל, וואָס איך פֿלעג פֿאַרבייגיין לעבן זיי אויף מיין וועג צו רייניקן די טרעפּ, צי אויפֿראַמען אַן אויסגעליידיקט קעמערל און דאָס צוגרייטן פֿאַר אַ נייעם „קוואַרטיראַנט“.

אָפֿט, ווען דער אויפֿזעער איז ניט געשטאַנען צו־נאָענט, פֿלעג איך זיך אָפּשטעלן לעבן אַ קעמערל, און דורך די אייזערנע גראַטעס כאַפּן אַ שמועס מיט דעם איינגעשלאָסענעם איינוואוינער. ווען ס׳פֿלעגט איינעם אויספֿעלן אַ שוועבעלע אָדער אַ ציגאַרעט, האָט ער געוואוסט, אַז ער קען זיך ווענדן צו מיר, ווייל מיינע חברים פֿון דער יוניאָן, וואָס פֿלעגן מיך קומען באַזוכן, פֿלעגן מיך באַזאָרגן מיט דעם.

איינמאָל האָט מיך דעניעל מיט אַ וואונק צוגערופֿן און זייער שטיל מיר אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין:

„ווען וועסטו האָבן אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ שמועס מיט קעמערל זעכצן?“

„וואָס איז דאָרטן?“

„וועסט שוין זען“, האָט ער טרויעריק געענטפֿערט.

„אָבער זאָג מיר, וואָס האָט דאָרט פּאַסירט?“

„זאָג אים, ער זאָל דיר ווייזן די סימנים פֿון די שמיץ, וואָס ער האָט געקראָגן. אָבער זיי פֿאָרזיכטיק, דער אויפֿזעער זאָל דיך ניט כאַפּן“.

„שמיץ? מען שמייסט דאָ? מיר האָט איינער פֿון די אויפֿזעער געזאָגט, אַז דער פּריזאָן איז איינער פֿון די בעסטע אין לאַנד“.

„און דו האָסט אים געגלויבט?“

„מיר איז די גאַנצע רעדע זיינע אין איין אויער אַריין און פֿון אַנדערן אַרויס. אָבער וועגן שמייסן די אַרעסטאַנטן האָב איך גאָר אינגאַנצן ניט געטראַכט. היינטיקע צייטן? עס איז דאָך עפּעס אַמעריקע. נאָך אַלעמען!

נערוועז און אויפֿגערעגט ביז גאָר בין איך כמעט געלאָפֿן צו קעמערל זעכצן.

דעיווויד, אַ הויכער, שיינער נעגער מיט אַ קיילעכדיקן פּנים, מיט אַ הויכן שטערן איינגעפּאַסט אין קורצע, געדיכט־געקרייזלטע פֿעך־שוואַרצע האָר, האָט מיך באַגעגנט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט דאַנקבאַרער פֿריינטשאַפֿט.

„וואָס נעמסטו זיך אַזוי צום האַרצן?" האָט ער גערעדט צו מיר מיט גוט־ברודערשן פאָרוואורף. „דענקסט, אַז איך בין דער ערשטער נעגער, וואָס ווערט געשמיסן פון די ווייסע?"

„שלעף אַרונטער דיין העמד, דעיוויד".

„גלויבסט מיר ניט?" האָט ער געלאַכט און געלאָזן אַרונטערגעצויגן זיין העמד.

איך האָב אַ ציטער געטאָן... רויט־ברוינע פּאַסן האָבן דורכגע־קרייצט די ברייט פון דעיווידס שיין־געפורעמטער, מוסקולירטער פּלייצע.

עס איז מיר טרוקן געוואָרן אין מויל. אין האַלדז איז מיר געוואָרן ענג.

„וואָס קוקסטו מיך אָן מיט רחמנות אויגן? וואָס האָסטו פאַרלוירן דאָס לשון? ווי עס ווייזט אויס, האָסטו נאָך אַזוינס ניט געזען", האָט דעיוויד גערעדט פילאָזאָפיש. „ווערסט זיך צוגעוואוינען, וועסטו ביסלעכוויז אויסגעפינען, אַז דאָס לעבן אויף דער וועלט איז אַ האַרטער ביסן. ביז דער אַלמעכטיקער גאָט דערבאַרימט זיך אויף אונדז און נעמט אונדז צו פון דער זינדיקער ערד, מוזן מיר ליידן ווייטאָג און שאַנדע".

„וויפל האָסטו געקראָגן, דעיוויד?"

„פינף־און צוואַנציק, הייסע איינס נאָך איינס. עס איז ווי איינער האָט מזל", — האָט דעיוויד זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. „ווען עס איז קיינער ניטאָ ביים פינצטערן ספּעקטאַקל, האָט דער שמייסער גאָט אין האַרצן; אָבער אויף מיין מזל זענען געווען געסט פון דער „פיינער געזעלשאַפט"; שיין־געפּוצטע הערן און דאַמען. נו, האָט דער בחור מיר אַריינגעשמיסן אָן רחמנות".

„און די געסט פון דער 'פיינער געזעלשאַפט' האָבן זיך באַלעקט פון נחת, האַ?"

„מיין פריינט", האָט דעיוויד גערעדט מיט ווייטאָג, „גאָט האָט באַ־שאַפן אויף דער וועלט מענטשן, וואָס שמייסן, און מענטשן, וואָס ווערן געשמיסן. נעגערס וועלן שטענדיק זיין די געשמיסענע".

„מאַכסט אַ טעות, מיין פריינט, ניין, ניט גאָט האָט איינגעטיילט די וועלט אויף שמייסערס און געשמיסענע (איך האָב זיך דערפילט זיכערער אין דעם טייל פון דעם געשפּרעך). מענטשן, די לייט פון דער רייכער פיינער געזעלשאַפט, האָבן עס איינגעטיילט מענטשן אין די צווי קאַטע־גאָריעס. אייביק, דעיוויד, וועט עס ניט גיין אַזוי. די געשמיסענע וועלן זיך לאַנג ניט לאָזן שמייסן".

„וואויל איז דיר, וואָס דו לעבסט מיט האָפנונגען!"

„העי, דו, וויפֿל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט קריכן צו די קעמערלעך? זוכסט זיך צרות? קריך אַריין אין דיין לאָך אַריין און ליג דאָרטן איינגעלייגט!" האָט איינער פֿון די אויפֿזעער זיך צערעוועט.

„ענטפֿער ניט", האָט דעיווויד גיך געזאָגט. „טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען".

* * *

שווער, זייער שווער איז מיר אָנגעקומען זיך צוצופּאַסן צום דריקנדיקן און מנאָטאָנעם טורמע־לעבן.

אינדרויסן האָט געקאָכט מיט לעבן און מיט קאַמף. אַ כוואַליע פֿון סטרייקס האָט זיך צעגאָסן איבער דער לענג און ברייט פֿון לאַנד. מיליאָנען אַרבעטסלאָזע האָבן געפֿאָדערט שטיצע און סאָציאַלע פֿאַרזיכערונג.

אין אייראָפּע האָט זיך צעברענט אַ שׂריפֿה. אין פֿראַנקרייך האָט געשטורעמט דער סקאַנדאַל „סטאַוויסקי" און האָט צעטרייסלט די צעפֿוילטע הערשאַפֿט פֿון די „צוויי הונדערט", וואָס איז פֿאַרהאַסט ביים פֿראַנצויזישן פֿאָלק.

אין דייטשלאַנד האָט זיך די נאַציסטישע בעסטיע געריסן צו דער מאַכט.

אין ווין האָבן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער מיט ביקסן אין די הענט געקעמפֿט אויף לעבן־און־טויט קעגן דעם פֿאַשיזם, ביז זיי זענען שענדלעך פֿאַרראַטן געוואָרן פֿון זייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער...

די נייעס וועגן די פּאַסירונגען האָב איך געקראָגן יעדן טאָג.

און איך?... איך בין געזעסן אין טורמע און האָב מיט קראַנקער אומגעדולד געציילט די לאַנגע אומעטיקע שעהן, און די שווידערלעך־לאַנגע, לאַנגווייליקע טעג און נעכט. איך האָב זיך געקרענקט ביז ווייטאָג איבער מיין אומפּעאיקייט צו צוימען מיין גליענדיקע אומגעדולדיקייט, און מיין טיפֿן, צאַרנדיקן האַס צום גאַנצן איינשטעל פֿון צוואַנג־דיסציפּלין, שטראָף־מיטלען און שרעקלעכער צעפֿוילטקייט, וואָס צעפֿרעסט דעם מענטשלעכן מין אין טורמע.

מיינע אויערן האָבן נאָכאַנאַנד פֿאַרנומען די האַרצרייסנדיקע געשרייען און געוואַלדן, וואָס איך האָב געהערט אין יענער פֿינצטערער נאַכט, ווען די צעיושעטע פּאָליציי האָט מיט קיילעכדיקע, גראָבע דובינקעס מערדערלעך געקלאַפּט איבער די קעפּ, איבער די פּנימער און קערפּערס פֿון די הונגער־מאַרשירער.

און איך האָב געהערט דאָס קראַכן פֿון די טרערן־באָמבעס, וואָס די בראַווע אָרדענונג היטער האָבן דורך די אויפֿגעבראָכענע פֿענצטער אַריינגעוואָרפֿן אין גרויסן זאַל אַריין, וואו עס זענען געווען הונדערטער מענער און פֿרויען, פֿרידלעכע און אומבאַוואָפֿנטע הונגער־מאַרשירער, בירגער

פֿון דער ריזיקער רייכער אַמעריקע. געקומען זענען זיי קיין וואַשינגטאָן איבערצוגעבן זייער העכסטער געזעץ־געבנדיקער קערפּערשאַפֿט, דעם קאָנגרעס, אַ פּעטיציע איינצופֿירן דאָס געזעץ פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג.

איך פֿלעג דורכאַנאַנד אויפֿשוידערן פֿון די קרעכצן פֿון די צעש־לאָגענע און פֿאַרבלוטיקטע אומשולדיקע מענער און פֿרויען, וואָס די פּאָליציי האָט אַריינגעוואָרפֿן אין גרויסן טורמע־וואָגן, וואו איך בין גע־לעגן אין אַ האַלב־באַוואוסטלאָזן צושטאַנד.

דאָס גאַנצע שוידערלעכע בילד פֿון דעם בלוטיקן אָנפֿאַל, וואָס די פּאָליציי האָט געמאַכט אויף אונדז, הונגער־מאַרשירער, האָט מיך פֿאַר־פֿאָלגט בייטאָג און ביינאַכט. מסתּמא בין איך געווען קראַנק. איך האָב אָפּט געפֿיבערט.

ענדלעך, ענדלעך האָבן זיך דערנענטערט מיינע לעצטע טורמע־טעג... נאָך מאָרגן, שבת, זונטאָג, און מאָנטאָג, און איך וועל אַרויס אויף דער פֿריי. אַך, וואָס פֿאַר אַ וואונדערלעכער געפֿיל דאָס איז!

* * *

„איך וויל ביי דיר בעטן אַ גרויסע טובה", האָט דעניעל זיך פּלוצים געווענדט צו מיר.

„וואָס?"

„מיינער אַ לאַנדסמאַן, אַ שטיקל אייגענער, זיצט שוין דאָ דריי יאָר. ער איז אומשולדיק. ער איז פֿאַרשיקט געוואָרן אויף גאַנצע צען יאָר. אפֿשר קענסטו עפּעס טאָן פֿאַר אים? באַלד וועסטו זיין אינדרויסן. אפֿשר קענסטו אים העלפֿן? ער איז אומשולדיק".

מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז מאָרגן זונטאָג, ווען מען לאָזט אונדז אַרויס אויף פֿרישער לופֿט אויף גאַנצע צוויי שעה, וועל איך זיך דורכרעדן מיט פֿרעדן, דעניעלס קרוב.

אויף דעם גרויסן הויף, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט הויכע מויערן און שטעכיקע דראָטן, האָבן די אַרעסטאַנטן שפּאַצירט, זיך פֿאַרזאַמלט אין קליינע גרופּקעס און געאָטעמט פֿרישע לופֿט.

אינעווייניק, אין באַזונדערע ווינקלען זענען געשטאַנען וועכטער מיט ביקסן און געהיט יעדע באַוועגונג פֿון די אַרעסטאַנטן. אויף די שטיינערנע ברייטע ווענט, אין קליינע ביידלעך, זענען געשטאַנען היטער מיט מאַשין־ביקסן און האָבן דורך שפּאַקטיוון אַרומגעטאַפּט יעדן אַרעסטאַנט.

עס זענען געווען די לעצטע פֿאַר טעג פֿון דעם ווינטער. די זון האָט שוין אָנגעהויבן וואַרעמען. דער הימל איז געווען בלוי און לויטער.

„אַך, וואָס פֿאַר אַ פֿיינער טאָג! וואָס פֿאַר אַ שיינער טאָג!" האָבן די אַרעסטאַנטן באַגריסט איינער דעם אַנדערן און דורשטיק אַריינגע־

צויגן אין זייערע לונגען די פרישע ריינע לופט. ווי קינדער האָבן זיי זיך געפרייט מיטן ביסל דרויסנדיקע פרייהייט, און זיך געקוויקט מיט די וואַרעמע שטראַלן פון דער זון.

דעניעל, פרעד און איך האָבן זיך פאַרקליבן לעבן אַ וואַנט, וואו די זון האָט געשיינט.

פרעד, אַ יונגער, שיינער, הויכער נעגער, האָט געדריקט מיין האַנט וואַרעם און פריינטלעך.

„איך האָב געהערט, אַז דו ביסט אונדזערער אַן אמתער פריינט".

„יאָ", האָב איך געענטפערט.

„דעניעל האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט גוטע פאַרבינדונגען מיט ווייסע איינפלוסרייכע מענטשן, איז עס אמת?

„איך קען אויך פיל איינפלוסרייכע נעגערס. זאָג מיר, וואָס דו ווילסט. איך גיי אַרויס פון דאַנען אינגיכן. אפשר וועל איך דיר קענען העלפן".

פרעד האָט געשוויגן.

„נו, וואָס ביסטו שטום געוואָרן?" האָט דעניעל אומצופרידן געפרעגט פרעדן. „דערצייל אים, דאָס איז דיין איינציקע געלעגנהייט. ווילסטו דען דאָ פוילן נאָך זיבן יאָר? קום אַרויס מיט לשון, דו פאַרדאַמטער נאַר!"

פרעד האָט געשוויגן.

„ווי אַלט ביסטו, פרעד?" האָב איך אָנגעהויבן דעם געשפרעך.

„איין־און־צוואַנציק", האָט פרעד געענטפערט.

„ביסט, הייסט עס, אַלט געווען אַכצן, ווען דו ביסט פאַרפאַרן אַהער?"

„יאָ".

„האָסט עמעצן איינדרויסן?"

„אַ מאַמע מיט צווי שוועסטערלעך".

„וואו איז דיין טאַטע?"

„דערהרגעט געוואָרן אין אַן אומגליק־פאַל אויף דער ציגל־פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט".

„פאַרוואָס ביסטו פאַרשיקט געוואָרן?"

פרעד האָט געשוויגן.

„עפן דיין מויל, דו איזל! רעד, דו נאַרישער נעגער!" האָט דעניעל געשריגן אויף פרעדן.

פרעד האָט געשוויגן.

„האָסט עמעצן דערמאָרדעט, פרעד?" האָב איך אים געפרעגט.

„ניין".

„האָסט געגנבעט?"

„ניין, דאָס אויך ניט".

„ביסט שולדיק, פֿרעד?" האָב איך אים פּראָוואָצירט. „זאָג דעם אמת, שעם זיך ניט. אויב דו ביסט שולדיק, וועט קיין זאַך ניט העלפֿן. וועסטו מוזן אָפּזיצן".

„ניין, איך בין ניט שולדיק. גלויב מיר, איך זיץ אומזיסט", האָט ער זיך געבעטן ביי מיר. „איך שווער ביי גאָט, ביי מיין טויטן טאַטן, אַז איך בין ניט שולדיק. פֿאַר גאָרניט האָט מען מיך פֿאַרפּאַקט!"

„ווילסטו אַרויס פֿון דאַנען?"

צוויי גרויסע, שוואַרצע, פֿינקלדיקע אויגן האָבן מיך מיט געבעט פֿריינטלעך אַרומגענומען.

„וועסט מיר העלפֿן?"

„צוערשט דערציייל, פֿרעד! דערנאָך וועל איך דיר זאָגן מיין מיינונג, צי עפּעס קען געטאָן ווערן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַפֿילו ווען עס וועט דיר ווי טאָן".

„איך צווייפֿל, צי עמעצער קען מיר העלפֿן".

„דאָס וועל איך וויסן, ווען איך וועל זיך באַקענען מיט די פֿאַקטן".

„פֿאַרוואָס ווילסטו מיר, אַ פֿרעמדן נעגער, העלפֿן? צוליב וואָס זאָלסטו נעמען אויף זיך מיינע צרות? עס איז אַ לאַנגע געשיכטע. דיך, אַ פֿרעמדן, קען די גאַנצע זאַך ניט פֿאַראינטערעסירן".

„זאָרג זיך ניט, פֿרעד", האָב איך אים דערמוטיקט. „רעד, דערצייל די גאַנצע געשיכטע פֿון דעם אָנהויב אָן".

ער האָט פֿאַרלוירן געקוקט אויף מיר און אויף דעניעלן.

„נו, רעד שוין, אָדער גיי צום טייוול", האָט דעניעל פֿאַרלוירן דאָס געדולד. „פֿריינט ווילן אים טאָן אַ טובה און ער בלאָזט זיך ווי אַ פּרי־מאַדאָנע".

„פֿאַרוואָס ווילסטו ניט פֿאַרשטיין, אַז עס איז מיינע אַ פּריוואַטע זאַך, וואָס איז ביי מיר הייליק און איך קען ניט אַרויסגיסן פֿאַר פֿרעמדע מיינע אינטימע סודות?" האָט פֿרעד געבעטן דעניעלן.

„דאָס האָב איך שוין געהערט צוואַנציק מאָל", האָט זיך דעניעל געקאָכט. „ווילסט צוליב דער נקבה פֿוילן אין פּריזאָן?"

„האָ, ביי דיר, דעניעל, זענען אַלע ווייסע פֿרויען נקבות, און אַלע ווייסע מענער זענען נעגער־לינטשערס".

„ביסט אַ פֿאַרדאַמטער ליגנער און אַן אייזל־קאָפּ. איך האָב אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט געזאָגט", האָט זיך דעניעל צעקאָכט. „איך זאָג", האָט ער געפֿאָכעט מיט זיינע לאַנגע הענט, „אַז אַ פֿרוי, וואָס קען פֿאַרראַטן אַ מאַן אַזוי שענדלעך, איז אַ נקבה, און זייער ווייניק ווייסע זענען גרייט זיך איינצושטעלן פֿאַר אונדז, נעגערס".

„האָב איך רעכט?" האָט דעניעל אָן אויסגעשעפּטער פון זיין רעדע, זיך געווענדט צו מיר.

„ניט צוליב דעם זענען מיר זיך צונויפגעקומען אַהער", האָב איך געזאָגט. „דו פּרעד, ווייסט געוויס, אַז מאָרגן גיי איך אַרויס פון דאַנען. אויב דו ווילסט, פּרעד, דערצייל. אויב דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט, און הערט זיך אויף צו רייסן ווי די הענער".

פּרעד האָט גערעדט.

צום אָנהויב איז עס אים אָנגעקומען שווער. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, זיך געצוואונגען צו דערציילן די איינצלהייטן פון דער טרויעריקער פּאַסירונג. אָבער ווען ער האָט זיך צעוואָרעמט, האָבן די ווערטער געשטראָמט פון זיין מויל קלאָר און האַסטיק, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעלייענט פון אַ בוך.

„איך האָב געאַרבעט פאַר אַ פירמע", האָט ער אָנגעהויבן שטיל. „איך האָב געטריבן אַ פּראַכט־אויטאָמאָביל. די פירמע האָט פּראָדוצירט סאָדע־וואַסער. גרויסע און קליינע פלעשלעך סאָדע־וואַסער.

„מאָנטאָג פרי פלעג איך אָנלאָדן די קעסטלעך מיט פלעשער סאָדע־וואַסער אין דעם פאַרמאַכטן פּראַכט־אויטאָמאָביל. בייטאָג פלעג איך אַרויספאָרן, און אין אָוונט פלעג איך אָנקומען אין דער צווייטער שטאָט און צושטעלן די סחורה צו אַ גרויסן רעסטאָראַן.

„מיט מיר פלעגט מיטפאָרן די טאָכטער פונעם באַלעבאָס, פּרענסיס, אַ הויכע, שלאַנקע, שיינע בלאָנדינקע. פּרענסיס פאַרמאָגט אַ קלוגן קאָפּ. זי איז קליגער פון יעדן ווייסן מאַן, וואָס איך קען", האָט פּרעד גערעדט וועגן פּרענסיסן מיט שטאָלץ.

„זי פלעגט זיך צערעכענען מיטן אייגנטימער פון רעסטאָראַן און אויך אָפּנעמען דאָס געלט פאַר דער סחורה.

„צוריק אַהיים פלעגן מיר פאָרן דעם צווייטן טאָג. פּרענסיס פלעגט איבערנעכטיקן אין אַ קליינער וואוינונג פון צוויי צימערן, וואָס זי האָט טאַקע פאַר דעם צוועק אָנגעהאַלטן אין יענער שטאָט. איך פלעג איבערנעכטיקן אין אַ ביליקן איינפאָר־הויז אין נעגערשן קוואַרטאַל.

„דריי מאָל אַ וואָך פלעגן מיר צושטעלן די קאַסטנס מיט סאָדע־וואַסער, און צוריקפירן די קאַסטנס מיט ליידיקע פלעשער. דריי נעכט אַ וואָך פלעגן מיר איבערנעכטיקן אין דער דערבייאיקער שטאָט.

„מיר איז געווען גוט", האָט פּרעד געזאָגט מיט אַ זיפץ. „די אַרבעט איז ביי מיר געווען אַ שפּילעכל. שכירות האָב איך געקראָגן הויכע. איך פלעג אַרויסהעלפן מיין מאַמען מיט מיינע צוויי שוועסטערלעך. זאָג איך אמת, דעניעל?"

„דערווייל זאָגסטו דעם ריינעם אמת, ווי ווייט איך ווייס", האָט דעניעל געענטפֿערט.

„איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָב איך ווי געוויינטלעך צוגעבראַכט די סחורה צום רעסטאָראַן. דער אייגנטימער איז אַרויסגעקומען און האָט עפּעס אַריינגערעדט פֿרענסיסן אין אויער אַריין".

„קום מיט מיר", האָט פֿרענסיס מיר געזאָגט. „זי האָט אויסגעזען בלאַס און נערוועז".

„וואוהין, פֿרענסיס?" האָב איך זי געפֿרעגט.

„קום מיט מיר", האָט זי מיך אַ שלעפּ געטאָן ביים אָרעם. „און פֿרעג ניט קיין פֿראַגן".

„זי האָט מיך אַריינגעפֿירט אין איר וואוינונג. איך בין דאָרט קיינמאָל פֿריער ניט געווען".

„דאָ וועלן מיר מוזן זיצן ביז מאָרגן, האָט פֿרענסיס מיר געזאָגט. זי איז נאָך אַלץ געווען נערוועז.

„פֿאַרוואָס, פֿרענסיס? האָב איך זי געפֿרעגט אפֿשר צען מאָל.

„ניט דיינע געשעפֿטן, — האָט זי בייז געענטפֿערט — זיץ דאָ און שווייג.

„פּלוצים איז מיר קלאָר געוואָרן די גאַנצע רעטעניש. איך האָב טאַקע געפֿירט אויף דעם פֿראַכט־אויטאָמאָביל פֿלעשער מיט סאָדע־וואַסער. אָבער אין אַ פֿאַרמאַכטן קאַסטן אינעווייניק אין אויטאָמאָביל זענען אויך געווען פֿלעשער מיט היימיש־געמאַכטן בראָנפֿן.

„יענעם קאַסטן", האָט פֿרעד אויסגעקירעוועט זיין קאָפּ צו מיר, „פֿלעג איך קיינמאָל ניט אָנלאָדן. עמעצער אַנדערש פֿלעגט אים אָנלאָדן, און דער אייגנטימער פֿון רעסטאָראַן פֿלעגט אים אויספּאַקן".

„ווי אַזוי ביסטו געקומען צום שלוס, אַז אין יענעם פֿאַרמאַכטן קאַסטן זענען געווען פֿלעשער מיט בראָנפֿן?"

„ווייל אָפֿט פֿלעג איך שפּירן אַ ריח פֿון בראָנפֿן, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פֿון אויטאָמאָביל. איך פֿלעג אויפֿמערקזאַם מאַכן פֿרענסיסן וועגן דעם, אָבער זי פֿלעגט אָפּמאַכן מיט דער האַנט. מסתמא שמעקט דער געזאָלין, פֿלעגט זי זאָגן.

„עס איז געוואָרן שפּעט.

„וועסט מוזן איבערשלאָפֿן דאָ, — האָט מיר פֿרענסיס געזאָגט.

„וואו? — האָב איך זיך מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט.

„איך וועל שלאָפֿן ביי מיר אין שלאָף־צימער, — האָט מיר פֿרענסיס געענטפֿערט, — און דו צי זיך אויס אויף דעם דיל אין צווייטן צימער. אָבער, געדענק, — האָט זי מיך געוואָרנט, — אויב וועסט ווערן פֿרעך,

וועל איך דיך דערשיסן ווי אַ הונט. מייגסט אפשר, אַז איך טרייב קאַטאַוועס מיט דיר? — האָט זי מיך פֿאַרדעכטיק געפֿרעגט. — טאַ זיי אַזוי גוט און גיב אַ קוק אויף דעם, — האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם רעוואָלווער, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פֿון איר גרויסן לעדערנעם האַנטטאַש.

„וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, פֿרענסיס? — האָב איך צו איר געזאָגט, — וואָס הייסט עפּעס, איך וועל ווערן פֿרעד? דו קענסט מיך. מעגסט זיין זיכער, אַז דו וועסט דאָס שפּילעכל ניט דאַרפֿן נוצן קעגן מיר.

„טאַ געדענק, אויב דו ווילסט לעבן אויף דער וועלט. און איצט נאָך אַ זאַך, — האָט זי צוגעלייגט — מיט אַ שעה אָדער צוויי שפּעטער וועל איך אָפּרופֿן דעם רעסטאָראַן אייגנטימער. זאָלסטו זיך ניט שרעקן, ווען איך וועל אַריינקומען אין צימער, וואו דו שלאָפֿסט. דאָרט איז דער טעלעפֿאָן. אָבער געדענק נאָכאַמאָל, אַז איך טראָג שטענדיק מיט זיך דעם רעוואָלווער.

„זי איז אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער, און האָט פֿאַרשלאָסן די טיר פֿון אינעווייניק”.

פֿרעד איז אַנטשוויגן געוואָרן.

איך מיט דעניעלן האָבן געשוויגן און געוואַרט.

„איך לייקן ניט”, האָט פֿרעד אָנגעהויבן רעדן שטילער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מען זאָל דערהערן, „אַז איך האָב ניט געקענט איינשלאָפֿן”.

„רעד העכער, וואָס מורמלסטו דאָרט?” האָט דעניעל זיך געבייזערט.

„איך בין געווען שרעקלעך אויפֿגערעגט”, האָט פֿרעד פֿאַרגעזעצט אַ ביסל נערוועז. „די מורא פֿאַר דער פּאָליציי, פֿרענסיס... און דער רעוואָלווער... האָבן מיך ניט געלאָזט איינשלאָפֿן. איך האָב זיך געדרייט אויף אַלע זייטן... ביז, דאַכט זיך, איך האָב עפּעס יאָ איינגעדרימלט.

„פּלוצים, ווי אין שלאָף, האָב איך דערהערט, אַז פֿרענסיס שליסט אויף די טיר פֿון איר שלאָף־צימער... איך האָב געהערט אירע פֿוסטריט... עס איז מיר הייס און קאַלט געוואָרן אין איין מינוט... עס האָט מיך געוואָרפֿן ווי אין קדחת... אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן... איך האָב זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ, און האָב זיך צונויפֿגעדרייט אין דרייען... אירע טריט זענען געקומען נענטער... מיין גאָט, איך האָב געמיינט, אַז מיין קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן... מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ האַמער... עס האָט מיר אויסגעפּעלט אָטעם... איך האָב געמיינט, אַז איך ווער געשטיקט... איך האָב געוואָלט שרייען, נאָר איך בין געווען שטום...

„פלוצים האָט זיך אַ וויג געטאָן דאָס גאַנצע צימער, נײַן, דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אַ וויג געטאָן...

„פרענסיס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס און האָט אַ פאַל געטאָן אויף מיר... איך ווייס ניט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, עס איז געשען אין איין אויגנבליק. איך געדענק בלויז, אַז פרענסיס איז געלעגן אין מײַנע אָרעמס... איך האָב געפילט די וואַרעמקייט פון איר שלאַנקן און צאַרטן קערפּער... איך בין געווען ווי פאַראַליזירט.

„העלף מיר אויפשטיין, פרעד, — האָט פרענסיס שטיל און צאַרט גע־זאָגט צו מיר. זי האָט געוואוסט, אַז עס איז ניט מײַן שולד, פּונקט ווי איך האָב געוואוסט, אַז עס איז ניט איר שולד, וואָס זי איז געפאַלן.

„געוויס, געוויס, — האָב איך געמורמלט... אָבער איך האָב ניט געקענט באַוועגן מיט מײַנע אבֿרים... פרענסיס האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אויפצושטיין, אָבער אָנשטאָט דעם, — איך ווייס ניט צי עס איז געווען מײַן שולד צי ניט, — האָבן מיר זיך בײַדע אײַנגעביסן איינער אין צווייטנס ליפּן... זי האָט זיך געטוליעט צו מיר אַזוי וואַרעם און צערטלעך, ווי אַ קינד. איך האָב זי אײַנגעשלאָסן אין מײַנע אָרעמס... אַ הימלישע פרייד האָט זיך צעגאָסן איבער מײַנע גלידער", האָט פרעד שטיל געכליפּעט...

„גאָט מײַנער, ווי דאַנקבאַר איך בין איר געווען... מײַן גאָט, ווי גליקלעך איך בין געווען... איך האָב זי באַגאָסן מיט הייסע, צאַרטע קושן"...

„הער אויף כליפּען, און הער אויף מיט דײַן פּאָעזיע", האָט דעניעל זיך צעשריגן. „קום צום שלוס".

„פאַרמאַך דײַן פּיסק, דו אומוויסנדער נעגער!", האָט פרעד אַ בורטשע געטאָן. „דײַן גליק איז, וואָס דו ביסט אונדזער פאַמיליע פרײַנט, אַניט וואָלט איך דיך ריכטיק צעפּראַסקעט. עס איז דאָך פאַראַן אַ גרענעץ"...

אַ באַוואָפנטער אויפזעער איז לאַנגזאַם און מיט געמאָסטענע טריט פאַרבײַגעגאַנגען לעבן אונדז. פרעד איז אַנטשוויגן געוואָרן.

„קענסט רעדן", האָב איך זיך געווענדט צו פרעדן. „ער איז ווײַט פון אונדז. ער קען אונדז ניט הערן. דערצייל איצט בקיצור, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך יענער נאַכט".

„נאָך יענער נאַכט", האָט פרעד פאַרגעזעצט, „זענען מיר געוואָרן אינטימע פרײַנט. איך האָב ליב באַקומען פרענסיסן מיט מײַן האַרץ און נשמה. זי איז עלטער פון מיר, און מער דערפאַרן. זי איז שוין איינמאָל געווען פאַרהייראַט. בײַ מיר איז פרענסיס די ערשטע פרוי, וואָס איך האָב ליב. איך האָב זי ליב אַנדערש, ווי איך האָב ליב מײַן מאַמען, צי מײַנע שוועסטערלעך. זי איז מיר טײַערער ווי מײַן אייגן לעבן. פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?" האָט פרעד זיך געווענדט צו מיר.

„עס איז מיר שווער צו דערקלערן מיט ווערטער, ווי אַזוי איך האָב ליב פֿרענסיסן", האָט זיך פֿרעד פֿאַרענטפֿערט, וואָס אים פֿעלט אויס די נויטיקע שפּראַך אויסצודריקן זיינע געפֿילן צו זיין פֿרענסיסן. „אָט, נעם צום ביישפּיל, מיך. איך בין איך: איך בין פֿרעד מיט אַ ליבער מאַמען, מיט צוויי ליבע שוועסטערלעך, אָבער אָן מיין פֿרענסיסן בין איך מער ניט איך, — איך בין פֿרעמד צו זיך אַליין, און אַלץ אַרום מיר איז עפּעס ווי אַ פֿרעמדע וועלט.

„איך בין אַרומגעגאַנגען אין אַ זיסן חלום. איך האָב געלאַכט צו זיך אַליין, איך האָב געשמייכלט צו פֿרעמדע מענטשן. עס איז מיר געווען גוט. איך בין געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

„בלויז איין זאַך האָט פֿאַרביטערט מיין גליק. איך האָב זיך געשראָקן, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען אונדז כאַפּן מיטן בראָנפֿן, און מען וועט אונדז ביידע פֿאַרשיקן אין פּריזאָן. אָט־דער געדאַנק האָט מיך ניט געלאָזט רוען. ביינאַכט אין שלאָף פֿלעגט זיך מיר אויסדאַכטן, אַז איך זע פֿרענ־סיסן אין קייטן, אַרומגערינגלט מיט ׳בלויע רעק׳. אָפֿט פֿלעג איך קרעכצן פֿון שלאָף. מיין מאַמע פֿלעגט מיך אויפֿוועקן, און מיך פֿרעגן, וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט. איך פֿלעג לאַכן פֿון פֿרייד, וואָס עס איז געווען אַ חלום בלויז".

„האָסטו דאָס דערציילט פֿרענסיסן?"

„געוויס", האָט פֿרעד געענטפֿערט. „איך פֿלעג זיך בעטן ביי איר, זי זאָל אויפֿגעבן דעם מסחר. אָבער זי פֿלעגט לאַכן פֿון מיר.

„זאָרג זיך ניט, — פֿלעגט זי מיך טרייסטן. לאָז דאָס איבער צו מיר, און טראַכט אַפֿילו ניט וועגן דעם. בלויז איין זאַך דאַרפֿסטו טאָן, — פֿלעגט זי שטיפֿן, — האָב מיך ליב!

„העכער אַ יאָר האָב איך אַזוי געלעבט. אין זיסן חלום, און אין שרעק. איך האָב מער ניט געקענט אַריבערטראָגן. די מורא, אַז מען וועט אַרעס־טירן פֿרענסיסן, האָט מיך משוגע געמאַכט. איך בין זיכער געווען משוגע, אַנדערש וואָלט איך ניט געקענט טאָן, וואָס איך האָב געטאָן".

פֿרעד איז שטיל געבליבן. טרערן זענען גערונען פֿון זיינע אויגן.

„וואָס האָסטו געטאָן?"

„איינמאָל, שפּעט ביינאַכט", האָט פֿרעד געזאָגט, „ווען איך בין געווען ביי פֿרענסיסן אין וואוינונג, האָב איך איר געזאָגט, אַז אויב זי גיט ניט אויף דאָס האַנדלען מיט בראָנפֿן, און גייט ניט מיט מיר, לאָז איך זי איבער.

„זי האָט מיך אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיר ניט געגלויבט. אירע שיינע אויגן זענען געוואָרן צוויי מאָל די גרויס, און זענען אָנגעפֿילט געוואָרן מיט טרערן.

„מיינסט עס ערנסט, פרעד? — האט זי מיך שטיל געפרעגט.

„איך בין געווען משוגע, און איך האב געענטפערט: יא, איך מיין עס ערנסט, פרענסיס. אויב דו גייסט ניט מיט מיר, גיי איך אוועק פון דיר. נאך היינט ביינאכט גיי איך אוועק.

„הא, — האט פרענסיס ווי זיך געבעטן ביי מיר, — האסט געקראגן אן אנדערע, הא? איך בין דיר נמאס געווארן?

„איך זאג דיר, אז איך בין געווען משוגע. איך האב ניט געוואוסט, וואס איך רעד", האט פרעד געכליפעט.

„ווייסטו, וואס איך האב איר געענטפערט?"

„וואס, פרעד?"

„יא — האב איך געזאגט, — אויב דו גייסט ניט מיט מיר אוועק, וועל איך חתונה האבן מיט אן אנדערער!"

פרעד האט פארדעקט זיין פנים מיטביידע הענט און האט שטיל געכליפעט.

„נו, פרעד, און דערנאך וואס האט פאסירט?"

„זי איז געווארן היסטעריש: — גיי פון דאנען! פארנעם זיך! דו פאררעטער! גיי צו דיין מויד! גיי! שוין, די מינוט! ארויס פון דאנען, אומדאנקבארער, לויזיקער נעגער! ארויס פון מיין הויז!

„איך האב מורא געהאט, אז די שכנים פון הויז זאלן זיך ניט צו־נויפלויפן", האט פרעד שטיל גערעדט. „איך האב זי געוואלט איינשטילן, האב איך זי ארומגענומען... — איך האב דיך ליב, פרענסיס! בלויז דיך האב איך ליב, — האב איך געזאגט און איבערגעזאגט אפשר צען מאל. אבער זי איז געווארן נאך מער היסטעריש, און האט נאך העכער געשריגן: —נעם ארונטער דיינע שמוציקע לאפעס פון מיר! ארויס פון דאנען!

„פלוצים האט זיך אן עפן געטאן די טיר. די שכנים און מענטשן פון גאס האבן ,ווייזט אויס, דערהערט אירע געשרייען און זענען זיך צוזאמענ־געלאפן. זיי האבן מיט איין שטויס אויפגעבראכן די טיר".

פרעד האט א טיפן זיפץ געטאן.

„זיי האבן געזען, ווי איך האלט פרענסיסן אין מיינע ארעמס. זיי האבן געזען, ווי זי האט זיך פרובירט ארויסרייסן פון מיינע ארעמס. זיי האבן געהערט, וואס זי האט געשריגן, זיי האבן אויך געהערט, ווי איך האב געשריגן, אז איך האב זי ליב, — און פארטיק: איך בין אפגעקאכט געווארן.

„הענט, אפשר טויזנט הענט האבן מיך ארומגעכאפט... הענט האבן מיך אנגעכאפט ביי מיין האלדז און מיך שיער ניט דערווארגן......

פויסטן האָבן געהאָגלט איבער מיין קאָפּ און איבער מיין פּנים... איך בין באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט...

„אַ שטריק ברענגט, אַ שטריק! — האָט עמעצער געשריגן.

„דערהרגעט אים! הענגט אים! לינטשט אים! — האָבן שטימען געשריגן.

„די פּאָליציי האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט".

אַ טויטע שטילקייט האָט אונדז איינגעהילט.

פּרעד האָט געבראָכן די שטילקייט:

„אין געריכט האָבן זיי אַלע עדות געזאָגט, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט.

„מען האָט אויך געבראַכט אין געריכט פּרענסיסעס קלייד, וואָס איז געווען צעריסן און צעפּליקט אין עטלעכע פּלעצער".

„נו, און פּרענסיס, וואָס האָט זי געזאָגט?"

פּרעד האָט אויפגעהויבן זיין שיינעם קאָפּ אינדערהויך. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט. ער האָט זיך צעלאַכט. צוויי שורות ווייסע, שטאַרקע ציין האָבן אַרויסגעשיינט.

„ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי געכאַפּט אַ קוק אויף מיר", האָט ער לאַכנדיק געענטפערט. „זי וואָלט מיך געוויס געראַטעוועט, ווען ניט דער הונט, דער פּראָקוראָר", האָט ער צוגעלייגט מיט ביטערקייט.

„זי איז געזעסן אויפן עדות־שטול, און האָט געוויינט די גאַנצע צייט", האָט פּרעד געזאָגט מיט ווייטאָג.

„ער איז געקומען אין דיין וואוינונג? — האָט דער הונט זי גע־פרעגט.

„יאָ, — האָט זי געענטפערט. — אָבער איך בין זיכער, אַז ער איז געקומען מיט אָרנטלעכע כּוונות.

„דאָס וועט שוין דאָס געריכט באַשליסן, — האָט דער הונט געלאַכט.

„ער האָט דיך איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס?

„ענטפער: יאָ, צי ניין?

„יאָ, — האָט פּרענסיס געענטפערט. — אָבער...

„און ער האָט געשריגן, אַז ער האָט דיך ליב? איז עס אמת?

„יאָ, אָבער ער האָט ניט געמיינט קיין שלעכטס, — האָט זי זיך כּמעט ווי געבעטן.

„וואָס ער האָט געמיינט, וועט שוין שפּעטער באַוויזן ווערן, — האָט דער הונט געלאַכט סאַדיסטיש.

„און דו האָסט געשריגן: לאָז מיך אָפּ! אמת?

„איז אמת, אַז דו האָסט געשריגן: נעם אַראָפּ דיינע שמוציקע לאַפּעס פֿון מיר, דו נעגער? אמת?

„יאָ, אָבער...

„האָסט אויך געשריגן: אַרויס פֿון דאַנען? אמת? ענטפֿער, איז דאָס אמת?

אַזוי איז פֿאַרפֿלאָכטן געוואָרן קעגן מיר אַ שרעקלעכע נעץ. עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אין געריכט, אַז איך האָב, הייסט עס, געוואָלט פֿאַרגוואַלדיקן פֿרענסיסן.

„בלויז פֿינף מינוט און איך בין געפֿונען געוואָרן שולדיק. איך האָב געקראָגן צען יאָר.

„נו, וואָס קענסטו מיר העלפֿן?"

עס איז מיר געוואָרן שווער אויפֿן האַרצן. איך בין געווען זיכער, אַז דער יונגער בחור האָט דערציילט דעם ריינעם אמת. אָבער עס איז אויך קלאָר געווען, אַז עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט אים אַרויסצוראַטעווען פֿון טורמע.

„פֿרעד, איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת", האָב איך זיך געווענדט צו אים. „קיינער וועט דיר ניט גלויבן. די פֿאַקטן זענען קעגן דיר".

„וואָס מיינסטו מיט דעם?" איז פֿרעד אַ ביסל אויפֿגערעגט געוואָרן. „וועל איך דאָ מוזן פֿוילן גאַנצע צען יאָר?"

„קענסט דען באַווייזן, אַז ביסט געווען פֿרענסיסעס געליבטער? וואָס דענקסטו, מען וועט דיר גלויבן אויפֿן וואָרט? מען וועט דיך אויסלאַכן"...

„געוויס קען איך באַווייזן, אַז איך זאָג דעם אמת. זיכער קען איך באַווייזן", האָט פֿרעד גיך גערעדט און זיין אויפֿרעגונג איז געשטיגן.

„ווי אַזוי?"

„איך האָב עטלעכע מתנות, וואָס זענען שטומע עדות. זיי קענען ניט רעדן. איך האָב בריוו. אירע בריוו האָב איך!"

איך האָב אַ ציטער געטאָן פֿון פֿרייד.

„טאָ וואָס שווייגסטו, אייזל!" האָט דעניעל אויסגעשריגן. „וואָס שרייבט זי אין די בריוו? ווען האָסטו געקראָגן די בריוו?"

פֿרעד האָט גיך און מונטער גערעדט: „איינמאָל איז מיין מאַמע קראַנק געוואָרן. פֿיר וואָכן איז מיין מאַמע געלעגן צו בעט. איך האָב ניט גע־קענט אַרבעטן. איך בין געווען אינדערהיים מיט מיין קראַנקער מאַמען".

„האָט זי דעמאָלט געשיקט די בריוו?"

„יאָ".

„וויפֿל?"

„פיר. פיר בריוו האָט זי מיר געשיקט, און איך האָב זיי נאָך. מיין מאַמע האָט זיי".

„געדענקסט, וואָס זי האָט געשריבן?"

„צי איך געדענק?" האָט זיך פרעד צעלאַכט. „יעדעס וואָרט געדענק איך. אין איין בריוו שרייבט זי מיר:

„מיין ליבער, זיסער פרעד: — איך האָף, אַז דיין מאַמע וועט גיך געזונט ווערן. עס איז אומעטיק און זייער שווער אָן דיר. איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז איך בין אין דיר אַזוי פאַרליבט. אָן דיר, פרעד, זענען מיינע טעג פוסט, און די נעכט אומעטיק. גאָט זאָל העלפן, אַז דיין מאַמע זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן, און זאָלסט צוריקקומען צו מיר. אייביק דיינע, פרענסיס.

„פּ. ס. איך טרייב אַליין דעם אויטאָמאָביל. איך וויל ניט, אַז עמעצער זאָל פאַרנעמען דיין פּלאַץ לעבן מיר. איך האָף, אַז דו שאַצסט דאָס אָפּ ריכטיק".

„זי קען שיין שרייבן, די מכשפה", האָט זיך דעניעל הילכיק צעלאַכט.

„הער, פרעד, די בריוו קענען פאַר דיר עפענען די טירן פון פריזאָן. דאַכט זיך, אַז קענסט קריגן אַ נייעם פראָצעס. גיב מיר די בריוו, און איך וועל זיך באַראַטן מיט אַ גוטן אַדוואָקאַט".

צוויי שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. „יאָ?" — האָט פרעד אַ פרייליכער אויסגעשריגן.

„יאָ, איך בין כמעט ווי זיכער".

„נאָ דיר מיין רינג! זעסט דעם גרויסן גאָלדענעם רינג, וואָס איך טראָג? דאָס איז איינע פון די מתנות, וואָס פרענסיס האָט מיר געגעבן. נעם דעם רינג", האָט פרעד גיך גערעדט, „און ברענג אים צו מיין מאַמען. איך וועל איר שרייבן וועגן דעם. ווען איר ווייזן דעם רינג, וועט זי דיר געבן די בריוו".

ער איז געשטאַנען הארט לעבן מיר. ער האָט מיט זיין צונג באַנעצט זיין פינגער, און האָט האַסטיק אָנגעהויבן אַרונטערצוציען דעם גאָלדענעם רינג פון זיין פינגער.

פלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגן אויף מיר:

„וואָס זאָגסטו, איך קען קריגן אַ נייעם פראָצעס? וועט מען דאַרפן פאַרלייענען אירע בריוו אין געריכט?"

„געוויס".

פֿרעד האָט אַריינגעשטעקט זיינע הענט אין די קעשענעס, און מיך מאָדנע קאַלט אָנגעקוקט. קאַלטע ווערטער זענען געפֿאַלן צו דער ערד, ווי פֿאַרפֿרוירענע פֿייגל:

„מען וועט לייענען די בריוו... מען וועט אויסגעפֿינען דעם אמת... די צייטונגען וועלן טומלען וועגן דעם... אירע פֿריינט און איר פֿאַמיליע וועלן זי פֿאַרדאַמען... איר גאַנץ לעבן וועט רואינירט ווערן... אַ נעגערס געליבטע! — וועט מען אויף איר... — ניין! ניין!" האָט פֿרעד געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, פֿרענסיס, איך וועל דאָס ניט טאָן! איך וועל בעסער פֿוילן דאָ מיין גאַנץ לעבן".

„פֿרעד?!"

„ניין! ניין, מיינע פֿריינט!... אַ דאַנק! אַ גרויסן דאַנק אייך! איך קען ניט, איך"... ער האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

ררר... ררר... דער טורמע־גלאָק האָט זיך צערעוועט. די סוף־ווינטערדיקע זון איז פֿאַרדעקט געוואָרן מיט שוואַרצע כמאַרעס. עס איז געוואָרן קאַלט און ווינטיק. די צוויי שעה פֿרייהייט האָבן זיך געענדיקט. די אַרעסטאַנטן זענען צוריק אַריין אין זייערע קעמערלעך, יעדער מיט זיין אומעט און זיין פּיין.

III

דער „בויאַן"

ביידע, דער באַלעבאָס און דער אַרבעטער, זענען געזעסן לעבן מיין שרייב־טיש איינער אַנטקעגן דעם צווייטן. דער באַלעבאָס — אַ נידעריקער, אַ שווערער מיט אַ גרויסן קאָפּ און שווערן פּנים. ער האָט איבערגעזאָגט די זעלבע ווערטער עטלעכע מאָל. „איך וויל אים ניט אין מיין שאַפּ. איך וועל אים ניט באַשעפטיקן, אַפילו ווען איך דאַרף ווערן אויס פאַבריקאַנט", האָט ער געזאָגט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מיט דער זעלבער אַנט־שלאָסנקייט.

דזשעק, דער אַרבעטער, אַ נייער יוניאָן־מיטגליד, וועמען איך האָב געזען צום ערשטן מאָל, איז געזעסן אויפן באַקוועמען בענקל, מיט אַ קאַלטער, איבערטריבענער זיכערקייט, פּונקט ווי עס וואָלט זיך ניט גע־האַנדלט וועגן אים.

זיין קיילעכדיק, שיין פּנים האָט געאָטעמט מיט יוגנט און פרישקייט. זיינע גרויסע, טיף־בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט האַרציקער גוט־מוטיקייט. זיינע געדיכטע, שוואַרצע האָר זענען רואיק און געהאַרכזאַם געלעגן פאַרקעמטע אין פולער אָרדענונג. בלויז די טיפע ווינקלען פון זיין מויל, זיינע שטאַרקע ציינער, און פאַרריסענע פלאַטשיקע נאָז האָבן אָנגע־זאָגט אויף זיין עקשנות.

„אָבער דערקלערט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס פאַרט ווילט איר אים ניט אין אייער שאַפּ? מען קען דאָך ניט אַרויסוואַרפן אַן אַרבעטער גלאַט אַזוי, אַפילו אָן אַן אורזאַך", האָב איך נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט דעם בעל־גוף.

„הייסט עס, אַז דו פאָדערסט אויך אַן אורזאַך... נו, גוט, נו, וועל איך דיר דערקלערן. ווייל ער האָט געשלאָגן דעם טשערמאַן אין שאַפּ, און ער איז אין אַלגעמיין אַ ווילדער מענטש".

„איז עס אמת, דזשעק, האָסט געשלאָגן דעם שאַפּ טשערמאַן?"

„דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. עס לוינט זיך אַפילו ניט צו רעדן וועגן דעם", האָט דזשעק רואיק געענטפערט.

„דערציייל, איך וויל וויסן וועגן דעם".

„עס איז אַ גאַנצע געשיכטע. דער באָס איז מיין אַנקל. ער האָט מיך אַרויפגענומען אין זיין שאַפּ לערנען דאָס פאַך. דער טשערמאַן איז געווען אַ שטיקל פאָרמאַן. ער האָט מיך געלאָזט לערנען און אַרבעטן אַן אַ ביכל. אַ יוניאָן־מיטגליד בין איך געוואָרן ערשט צוריק מיט עטלעכע חדשים, ווען עס איז ווידער געוואָרן איין יוניאָן".

„וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט שלאָגן דעם טשערמאַן?"

„איך האָב אים ניט געשלאָגן. איך האָב בלויז אַ פּאַך געטאָן מיט מיין האַנט".

„אַ שיינער פּאַך מיט דער האַנט!" — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגן. „מען האָט יענעם קוים אָפּגעמינטערט".

„פאַרוואָס, דזשעק, האָסטו אַ פּאַך געטאָן מיט דיין האַנט?"

„ווייל דער טשערמאַן, ריכטיקער, דער פאָרמאַן, פלעגט יעדן אַרבעטער רופן מיט אַ צונאָמען. דעם נאַגלער פלעגט ער רופן 'טשערעפּאַכע'. דעם מאַשין־שטעפּער — 'מאַשין־קיצלער'. דעם צושניידער 'געפּעאוניק'".

„נו, און דיך האָט ער אויך גערופן מיט אַ צונאָמען?"

„די ערשטע עטלעכע חדשים האָט ער פאַר מיר געהאַט רעספּעקט, ווייל איך בין דאָך אַן אייגענער פון דעם באָס. דערנאָך האָט ער מיך אָנגעהויבן באַהאַנדלען ווי די אַנדערע אַרבעטער".

דזשעקס בלויע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט:

„ווען ער האָט מיך דאָס ערשטע מאָל אַ רוף געטאָן: 'העי, דו דזשיגאָלאָ!', האָב איך אים שטיל געוואָרנט, אַז ער זאָל מיט מיר ניט מאַכן קיין קונצן".

דזשעק האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף זיין באָס און האָט פאַרגעזעצט מיט אַן ערנסטן טאָן:

„איינמאָל, נאָכן אָנבייסן, קום איך אַרויף אין שאַפּ. ער, דער טשערמאַן, איז געשטאַנען מיט עטלעכע אַרבעטער פון שאַפּ און געשמועסט. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער אויסגעשריגן הויך אויפן קול: 'העי, דזשיגאָלאָ, קום נאָר אַהער!' און די אַרבעטער האָבן זיך צעלאַכט אויף זיין גרויסער חכמה".

„נו?"

„נו, האָב איך אים געפּאָלגט און בין צוגעגאַנגען און אים געזאָגט ווי אַ מענטש: 'מיין נאָמען איז דזשעק'".

„נו, טאָ וואָס איז געוואָרן?"

„נו, האָט ער ווידער הויך אויפן קול געזאָגט, אַז ביי אים פאַרבלייב איך שוין מיטן נאָמען 'דזשיגאָלאָ'. דער גאַנצער שאַפּ האָט דאָס געהערט. האָט

מיך פֿאַרדראָסן, האָב איך אַ פֿאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אַזוי ווי ער איז מיר געשטאַנען אין וועג, האָט ער אָוועקגעחלשט.

„דאָס איז די גאַנצע געשיכטע. אָבער איצט איז אַנדערש", האָט דזשעק צוגעלייגט מיט שטאָלץ. „איצט איז דער געוועזענער טשערמאַן שוין אַ באָס און איך בין דער שאָפּ טשערמאַן".

„זע נאָר די גדולה אויף אים! איצט איז ער טשערמאַן!" — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט מיט ביטערן סאַרקאַזם. „און פֿאַרוואָס האָסטו געשלאָגן לעפּטין?" — האָט דער באַלעבאָס אויסגעגלאָצט זיינע אויגן אויף דזשעקן.

„לעפּטין האָב איך ניט געשלאָגן".

„דו האָסט אים ניט געשלאָגן?" — האָט דער באַלעבאָס זיך געקאָכט. „איך וועל ברענגען דעם גאַנצן שאָפּ אַלס עדות. מאַכסט מיך פֿאַר אַ ליגנער?"

„ניין, איך מאַך דיך ניט פֿאַר קיין ליגנער, אָבער איך האָב ניט געשלאָגן לעפּטין, זאָג איך דיר".

„וואָס האָט פּאַסירט מיט לעפּטין?" האָב איך אַ ביסל אומגעדולדיק געפֿרעגט דזשעקן.

„יענער", האָט דזשעק רואיק דערציילט, „איז געווען אַ שאַילאָק. ער האָט געליען די אַרבעטער געלט און זיי גערעכנט אַ רויבערישן פּראָצענט. יעדער אַרבעטער איז אים געווען שולדיק געלט. אויב אַן אַרבעטער האָט ביי אים געליען צען דאָלער, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געקענט אויסצאָלן. אַלע וואָך איז אויסגעוואַקסן נייע צען דאָלער פּראָצענט. עס איז געוואַקסן פּראָצענט אויף פּראָצענט.

„לעפּטי", האָט דזשעק פֿאַרגעזעצט, „איז געווען פֿאַרבונדן מיט נאָך אַזעלכע פּיאַווקעס ווי ער. זיי האָבן אָנגעפֿירט אַ גרויס געשעפֿט. הונדערטער אַרבעטער זענען זיי געווען שולדיק געלט. אַז־אַך־און־וויי איז געווען צו יענע אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געצאָלט".

„נו?"

„נו, ווען איך בין געוואָרן טשערמאַן, האָב איך געזאָגט צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אויפֿהערן מורא האָבן פֿאַר לעפּטין, און אויפֿהערן אָוועקגעבן זייערע פֿאַרדינסטן צו די שאַילאָקס. האָט לעפּטי געכאַפּט אַ מעסער צו מיר. האָב איך ביי אים צוגענומען דאָס מעסער".

„דאָס אַלץ?" — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגן. „לעפּטי איז דאָך געלעגן אין בעט אַ קראַנקער פֿון דיינע קלעפּ".

„טאָ וואָס בין איך שולדיק, אַנקל?" — האָט זיך דזשעק פּרובירט פֿאַרענטפֿערן. „רויבן ביי די אַרבעטער זייער שווער־פֿאַרהאַרעוועט געלט

האָט ער געקענט, און שלאָגן אַרבעטער האָט ער אויך געקענט, נאָר אויס־האַלטן מיינע עטלעכע קלעפּ האָט ער ניט געקענט, דער פּאַראַזיט. בין איך שולדיק, אַנקל?"

„הער זיך אויף קליגערן", האָט דער באַלעבאָס זיך צעשריגן. „מיר ווערסטו ניט פאַררעדן די ציין. נו, און בוירמאַנען פאַרוואָס האָסטו צע־מזיקט, האַ?"

„זעסטו, בוירמאַנען", האָט דזשעק מיט צופרידנקייט געזאָגט, „האָב איך טאַקע דערלאַנגט. דאָס לייקן איך ניט. אָבער בוירמאַן האָט פאַרדינט נאָך מער".

„נאָך מער?" — האָט דער באַלעבאָס געשריגן. „ביסט משוגע? האָסט דאָך אים שיער ניט דערהרגעט".

„פאַרוואָס האָסטו דערלאַנגט בוירמאַנען?"

„ער איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר, פלעגט ער צונעמען די אַרבעט ביי די פינישערס. האָט די יוניאָן דערקלערט אַ סטרייק. אָבער בוירמאַן איז איינער פון די 'שטאַרקע'. ער איז געקומען נעמען אַרבעט ביי מיין אַנקל, ווען מיר זענען געשטאַנען און געפּיקעט דעם שאַפּ, און האָט אונדז געלאַכט אין פּנים אַריין. בוירמאַן האָט געמיינט, אַז ראָזע, די יונגע, שיינע פיני־שערין, האָט דערציילט אין דער יוניאָן, אַז ער נעמט אַרויס די אַרבעט. דער אמת איז, אַז איך האָב דערציילט אין דער יוניאָן. האָט בוירמאַן באַליידיקט די קליינע ראָזע, און זי האָט אים ניט פאַרשוויגן. בקיצור, בוירמאַן האָט אַ זעץ געטאָן ראָזען אין פּנים אַריין, און מיט זיין גראָבן רינג צעשניטן איר פּנים. ווען איך האָב געזען איר פּנים באַדעקט מיט בלוט, האָב איך זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן. נו, דאָס איז אמת. בויר־מאַנען האָב איך טאַקע דערלאַנגט".

„איך האָב דאָך אים געמוזט אַרויסנעמען פון פּריזאָן", האָט דער באָס געזאָגט מיט ביטערקייט.

„מען האָט דיך אַרעסטירט, דזשעק?"

„יאָ, אָבער בוירמאַן איז שוין געזעסן אין אַלע טורמעס פון לאַנד פאַר אַלערליי פאַרברעכנס. האָט ער מורא געהאַט, אַז די געשיכטע זאָל פאַרגעבראַכט ווערן אין געריכט. איך האָב גראַד יאָ געוואָלט, אַז די גאַנ־צע געשיכטע זאָל קומען צום געריכט. אָבער מיין אַנקל האָט מיך באַזאָרגט מיט אַן אַדוואָקאַט און די זאַך איז צעריבן געוואָרן".

„הייסט עס, אַז דו ביסט נאָך געוועכט?" — האָט דער באָס זיך גע־קאָכט. „אַלעמען צעמזיקסטו מיט דיינע געזונטע לאַפּעס, און דו ביסט נאָך גערעכט?"

„אָבער אַנקל"...

„הער מיך אויף צו אָנקלעָן״, האָט דער באָס בייז איבערגעשלאָגן דזשעקן. „דו אַרבעטעסט ביי מיר, קריגסט ביי מיר די בעסטע שכירות, מאַכסט אַ פֿיין לעבן ביי מיר. ווײַל איך, אַז דו זאָלסט ליגן איינגעלייגט, און איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויפֿהערן זיך אויפֿפֿירן ווי אַ בויאַן. פֿאַרשטייסט, צי ניט? איך וויל פֿון דיר ניט ליידן. איך בין ניט דיין טאַטע. און אַז איך דערמאָן שוין יאָ דיין טאַטן, ווײַל איך, אַז די יוניאָן זאָל וויסן, אַז אַפֿילו דיין אייגענעם טאַטן האָסטו אויך מכבד געווען״.

„וואָס?... דיין אייגענעם טאַטן, דזשעק?...״

„וויס איך וואָס!... מאַלע וואָס מיין אָנקל זאָגט, ווען ער ווערט אויפֿגערעגט״, האָט דזשעק געזאָגט מיט אַ שמייכל.

„אָבער וואָס האָט טאַקע פּאַסירט צווישן דיר מיט דיין טאַטן?״

„נאַרישקייטן!״ — האָט דזשעק געזאָגט. „מיין טאַטע איז נעבעך אַ רייכער מאַן. אַ חוץ אַנדערע זאַכן, פֿאַרמאָגט ער אויך אַ גאַנצע גאַס מיט הייזער. געדענקסט דאָך: אין צייט פֿון עקאָנאָמישן קריזיס האָבן דאָך מיליאָנען מענטשן ניט געאַרבעט, און האָבן ניט געהאַט צו צאָלן קיין דירה־געלט. האָט מיין טאַטע, געזונט זאָל ער זיין, אַרויסגעשטעלט אַלע שכנים פֿון איינעם פֿון זיינע הייזער.

„איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן״, האָט דזשעק זיך האַרציק צעלאַכט. „אַזוי גיך ווי מען האָט אַרויסגעטראָגן די מעבל פֿון די וואוינונגען, האָבן די שכנים גענומען עס צוריק אַריינטראָגן״.

דזשעקס האַרציקער געלעכטער האָט זיך צעקלונגען איבער דעם אָפֿיס. איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן און מיטגעלאַכט מיט אים. דער באָס, דזשעקס אָנקל, איז אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון אונדזער געלעכטער און האָט אויך אָנגעהויבן לאַכן אַ געצוואונגענעם געלעכטער.

„נו״, האָט דזשעק ענדלעך פֿאַרגעזעצט, „האָב איך געהאָלפֿן די שכנים אַרויפֿטראָגן זייער מעבל אין זייערע וואוינונגען. האָט מען אונדז אַלעמען אַרעסטירט. ווען מיין טאַטע איז געקומען אין געריכט אָנצוקלאָגן די שכנים, האָט ער מיך דערזען צווישן די אַרעסטירטע. נו, נו, פֿרעג שוין ניט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין געריכט...

„מיין טאַטע האָט זיך צעשריגן אויף מיר, ווי אינדערהיים. דער ריכטער האָט ניט געוווּסט, וואָס עס איז דאָרטן פֿאָרגעקומען, האָט ער באַפֿוילן דער פּאָליציי מען זאָל מיין טאַטן אַרויסוואַרפֿן פֿון געריכט פֿאַר זיין טומלען. קענסט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין געריכט? דאָס איז די גאַנצע געשיכטע״, האָט דזשעק פֿאַרענדיקט לאַכנדיק.

„אַזוי? דאָס איז די גאַנצע געשיכטע!״ — האָט זיין אָנקל אַ שנייד געטאָן מיט ערנסטער אויפֿרעגונג. „נו, אַז דיין טאַטע האָט דיך אַרויס־

געטריבן פֿון הויז, דאָס פֿאַרשווייגסטו. און אַז דו האָסט געמוזט אויפֿהערן לערנען אין קאַלעדזש, און אַרבעטן ביי מיר אין שאַפּ, זאָלסט קענען מאַכן אַ לעבן, פֿאַרשווייגסטו אויך. עס לוינט זיך דיר ניט צו דערציילן די אַלע זאַכן".

„ניין, אַנקל", האָט דזשעק גוטמוטיק געזאָגט. „דו טרייבסט איבער די גאַנצע געשיכטע. איך האָב סיי־ווי געוואָלט גיין אַרבעטן און לעבן פֿון מיינע אייגענע פֿאַרדינסטן. איך האָב ניט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל מיך אויסהאַלטן און זאָגן דעות וואָס יאָ צו טאָן און וואָס ניט צו טאָן".

„אַזוי, האַ?" — האָט דער באָס איבערגעשלאָגן. „האָסט ניט געוואָלט ליידן, וואָס דיין אייגענער טאַטע מישט זיך אין דיינע געשעפֿטן? טאָ וואָס מישטו זיך אין מיינע געשעפֿטן? וויפֿל האָסטו אַריינגעלייגט אין מיינע געשעפֿטן, האַ?"

„האַ", האָט דזשעק געזאָגט מיט אַ שמייכל, „איך בין טשערמאַן אין שאַפּ, אַנקל, און איך טו מיין פֿליכט. עס איז שוין צייט, אַז דו זאָלסט האָבן אַ גוטן יוניאָן־שאַפּ".

„און אַז איך רעד צו אַן אַרבעטער, מוזטו זיך אַריינמישן דערפֿאַר, וואָס דו ביסט טשערמאַן, און מוזט מיר זאָגן דעות ווי אַזוי צו רעדן? אין מיין אייגענעם שאַפּ מוז איך טראָגן אַ שלאָס אויף מיין מויל?"

„וואָס איז דאָס, דזשעק?" — האָב איך מיט פֿאַרוואונדערונג געפֿרעגט.

„נעם זיך ניט צום האַרצן", האָט מיר דזשעק געענטפֿערט. „מיין אַנקל האָט אַ טבע צו איבערטרייבן אַ ביסל. ער האָט פֿון זיינע געשעפֿטן אָפּגעשפּאָרט אַ סך געלט, מיט אַ הויכן בלוט־דרוק אַלס צוגאָב. ער טאָר זיך ניט אויפֿרעגן. נו, אַז ער צעשרייט זיך אויף אַן אַרבעטער, גיי איך צו צו אים און זאָג אים שטיל אין אויער אַריין, ער זאָל זיך ניט אויפֿרעגן, און ער זאָל אויפֿהערן שרייען. דאָס איז פֿאַר זיין אייגן געזונט וועגן".

„ווער בעט דיך טובות?" — האָט דער באָס זיך צעקאָכט. „ווער האָט דיך אָנגעשטעלט צו זיין מיין פֿאַרזאָרגער, מיין לייב־וועכטער? ניין!" — האָט ער געשריגן. „מער וויל איך פֿון דיר ניט ליידן! געענדיקט! גיי זיך געזונטערהייט!"

דאָס געשפּרעך איז געוואָרן הייס. דזשעקס אַנקל איז געווען אויפֿגערעגט. עס איז געוואָרן אוממעגלעך פֿאַרצוזעצן דעם שמועס. עס האָט אויסגעזען, אַז עס איז כּמעט אוממעגלעך איינצושטעלן פֿרידלעכע באַציאונגען צווישן זיי ביידן. איך האָב געבעטן דזשעקן ער זאָל מיר געבן אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט זיין אַנקל אַליין.

ווען דזשעק איז אַרויסגעגאַנגען פֿון אָפֿיס, האָב איך זיך געווענדט צו זיין אַנקל מיט אַ דירעקטער פֿראַגע:

„מיסטער פּ.! מיר שיינט, אַז קיין שלום צווישן איךביידן וועט שוין ניט זיין. איז דאָך ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווי דזשעק זאָל פֿאַרלאָזן דעם שאָפּ. אָדער איז אפשר יאָ מעגלעך איינצושטעלן פֿרידלעכע באַציאונגען צווישן איך ביידע?
דער באַלעבאָס האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן און שטרענגן בליק און ער האָט ענדלעך אַ זאָג געטאָן:
„אַזוי גאָר! איך האָב געגלויבט, אַז עס איז אמת, וואָס מען זאָגט וועגן איך, אַז איר זענט אַ קלוגער...
„איך פֿאַרשטיי ניט וואָס איר רעדט".
„נו, געוויס פֿאַרשטייט איר ניט", האָט ער מיט אַ שמייכל רויִק געזאָגט. „איך וועל איך שוין מוזן קלאָר מאַכן דעם גאַנצן ענין... אַבי איך האָב געדענקט, אַז איר פֿאַרשטייט... פֿאַרפֿאַלן, נו"...
ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר און מיט אַ פֿעסטן, כּמעט באַפֿעלערישן טאָן געזאָגט:
„וואָס פֿאַלט איך איין, אַז איך וויל, אַז דזשעק זאָל מיך פֿאַרלאָזן? איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז ער זאָל אַרבעטן פֿאַר עמיצן אַנדערש. ער איז מיין ברודערס קינד, און איך האָב אים ליב ווי מיין אייגן קינד. ניט מער, ער איז אַ ביסל אַ ווילדער און אַ נאַר. ער קעמפֿט פֿאַר גערעכטיקייט. ער איז אייערער אַ מענטש. איך האָב אויף אים ניט קיין איינפֿלוס. זיין טאַטע — געוויס ניט. האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל אים ברענגען צו איך, איר זאָלט אים אַ ביסל איינהאַלטן, ער זאָל ניט אַריינפֿאַלן אין צרות. ער איז דאָך אייערער און איך וועט ער פֿאָלגן. דאָס אַלץ. איצט פֿאַרשטייט איר שוין, צי נאָך אַלץ ניט?"
איך האָב צופֿרידן געשמייכלט.
„וואָס שמייכלט איר, וואָס?" — האָט ער געזאָגט פֿריינטלעך, אָבער אַ ביסל ברוגזלעך. „עס טוט איך הנאה, וואָס אייער פֿאַמיליע האָט זיך פֿאַרגרעסערט מיט נאָך איין נאַר, וואָס קעמפֿט פֿאַר גערעכטיקייט?
„ניין, ניט דאָס. מיר טוט הנאה, וואָס איר האָט ליב דעם נאַר, וואָס קעמפֿט פֿאַר גערעכטיקייט".
„הא", האָט ער זיך צעלאַכט, און זיין שווערער קערפּער האָט זיך געוויגט. „הא, דאָס... נו איך בין אויך אַ שטיקל נאַר, נאָר ליידער בין איך אַ פֿאַבריקאַנט, אַן עקספּלואַטאַטאָר, ווי איר רופֿט אונדז, און מען קען ניט טאָן ביידע זאַכן מיט איין מאָל. עס גייט ניט... מילא, נו, אַזוי איז עס... מען קען דאָך די וועלט ניט איבערמאַכן... נו, האָט מיר אַ גוטן!"

דער אַלטער מאַן

„איר דאַרפֿט זיך ניט נעמען צום האַרצן די קריגערייען פֿון אייערע שכנים", האָט דער פֿריינטלעכער אייגנטימער פֿון דעם פּראַכטפֿולן אַפּרו־פּלאַץ אין דער שענסטער געגנט פֿון די קעטסקיל־בערג מיר פֿאַרטרויט מיט אַ גרינג שמייכעלע.

„איך מיין לואין מיט אַלבערטן, וואָס זיי זענען אייערע שכנים אין עס־צימער", האָט דער אייגנטימער מיר דערקלערט.

„אין דערווירקלעכקייט זענען זיי איבערגעגעבענע פֿריינט", האָט ער רואיק געציילט די ווערטער. „איך קען זיי שוין אַ שאָק מיט יאָרן. זיי וואָלטן געגאַנגען אין פֿייער איינער פֿאַרן צווייטן. זיי האָבן געאַרבעט אין איין שאָפּ. לואי האָט חתונה געהאַט מיט אַלבערטס שוועסטער און אַלבערט, ווידער, האָט חתונה געהאַט מיט לואיס שוועסטער. ביידע זענען שותּפֿים שוין די לעצטע צוואַנציק יאָר".

צוליב אָט דער אויספֿירלעכער דערקלערונג פֿון דעם אייגנטימער וועגן לואין און אַלבערטן, זענען מיר די צוויי פֿרעמדע מענטשן פּלוצים געוואָרן נאָענטע באַקאַנטע. איך האָב דערפֿילט אַ מאָדנע היימישקייט צווישן מיר מיט לואין און אַלבערטן, כאָטש איך האָב די צוויי מענטשן קיינמאָל פֿריער ניט געזען. איך האָב זיי ביידן צום ערשטן מאָל באַמערקט אין עס־זאַל, ווען איך בין אַריינגעקומען עפּעס איבערבייסן, פּונקט ווי איך האָב באַמערקט דעם אַלטן גרייז־גרויען קראַנקן מאַן, וואָס איז איינער אַליין געזעסן לעבן אַ טישל און האָט מיט ציטערנדיקע הענט באַנוצט זיין גאָפּל און מעסער.

בלויז איינמאָל האָב איך אויסגעקירעוועט מיין קאָפּ צו זיי און אַ בליק געגעבן כמעט אַלס פּראָטעסט, ווייל עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיט זייערע קריגערייען שטערן זיי דעם אַלטנס רו און אַז צוליב זייערע קולות האָט דער אַלטער און צעבראָכענער מאַן איבערגעקערט זיין טעפּל

קאָווע. די קאָווע האָט פֿאַרגאָסן דעם טיש און איז אַרונטערגערונען אויף דעם דיל.

„זייערע קריגערייען זענען ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי", האָט דער אייגנטימער פֿאַרגעזעצט. „זיי קריגן זיך, זידלען זיך, אָבער זיי פֿאַרבלייבן די זעלבע גוטע פֿריינט. אַזוי גייט עס אָן צווישן זיי אַ היפּש ביסל יאָרן. זאָגט איינער ׳טאָג׳, זאָגט דער צווייטער ׳נאַכט׳. און עקשנים זענען זיי איינער גרעסער פֿונעם צווייטן".

„נו, מילא, אויב מענטשן האָבן פֿאַרגעניגן פֿון קריגן זיך, טאָ זאָל זיי וואויל באַקומען", האָב איך אָפּגעפּטרט דעם שמועס און בין אַרויס אויפֿן ברייטן גאַנעק.

אינדרויסן האָט זיך צעוויקלט אַ פּראַכטפֿולער פֿרילינג־טאָג. דיביימער און די בערג זענען פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט זונשיין. גאַנצע מחנות פֿליגעלעך זענען זינגענדיק אַרומגעשפּרונגען איבער די צווייגן פֿון די ביימער. די לופֿט האָט געשמעקט מיט פֿרישן גרינעם גראָז. גרינע,זאַפֿ־טיקע פֿרישע בלעטעלעך האָבן באַדעקט די ביימער.

אויפֿן באַקוועמען גאַנעק, טיף אַריינגערוקט אין די וויג־שטולן, זע־נען געזעסן האַרט איינער לעבן דעם צווייטן לואי און אַלבערט און האָבן פֿאַרגעזעצט זייערע קריגערישן געשפּרעך.

עס האָט מיך פּלוצים אַרומגעכאַפּט אַ ברענענדיקע נייגעריקייט אויס־צוגעפֿינען איבער וואָס און צוליב וואָס זיי קריגן זיך. אויף גיך האָב איך פֿאַרנומען איינעם פֿון די שטולן ניט ווייט פֿון זיי. אָן אָפּגעזונדערטער פֿון זיי, האָב איך זיך כּלומרשט פֿאַרטיפֿט אין מיין בוך, אָבער איך האָב אָנגעשפּיצט מיינע אויערן, איך זאָל חלילה ניט פֿאַרלירן קיין איין וואָרט פֿון זייער געשפּרעך.

ניט ווייט פֿון מיר איז געזעסן דער אַלטער קראַנקער מאַן איינגע־הילט אין אַ שאַל, און געררויכערט זיין פּיפּקע.

לואי האָט מיט ביטערן סאַרקאַזם אָן אָן אויפֿהער גערייצט אַלבערטן. דער אָנגעגריפֿענער אַלבערט האָט זיך פֿאַרטיידיקט מיט ווערטערלעכע אָנפֿאַלן אויף זיין אָנגרייפֿער.

„נו, געוויס איז דיר גרינג צו רעדן", האָט זיך אַלבערט געקאַכט. „האָסט אַריינגעביסן אַ געשמאַקן פֿרישטיק, זיצסט זיך באַקוועם אויפֿן גאַנעק, וואַרעמסט זיך אויף דער זון, האָסט הנאה פֿון די שיינע בערג און שעלטסט די דייטשישע קאָמוניסטן הלמאַי זיי האָבן דיך פֿאַרראַטן".

„נו, אַלבערט", האָט לואי געשמייכלט מיט אַ שטעכיק שמייכעלע, „און ווען איך וואַרעם זיך ניט אויף דער זון, ווען איך וואָלט זיך איצט

אוועקגעזעצט אויף אַ שטיק אייז, וואָלטן דײַנע קאָמוניסטן אין דײַטשלאַנד געלאָזט הערן פֿון זיך, האַ, אַלבערט?״

„וואָס אַ שטײַגער, וואָלסטו געוואָלט, זאָלן די קאָמוניסטן טאָן אין היטלערס דײַטשלאַנד?״

„וואָס הייסט וואָס? דו ווייסט ניט וואָס? אויפֿרײַסן פֿאַבריקן, באַנען, אויסהרגענען עטלעכע הויפּט־נאַציס, און זאָל די וועלט וויסן, אַז די קאָמוניסטן אין היטלערס דײַטשלאַנד ליגן ניט אײַנגעלייגט ווי די מײַז״.

„וועלכע קאָמוניסטן, מײַן גרויסער מויל־העלד, זאָלן אויפֿרײַסן די פֿאַבריקן? אפֿשר די, וועמען היטלער האָט אַרונטערגעהאַקט די קעפּ? אָדער די, וואָס ווערן פֿאַרפֿײַניקט אין היטלערס מאָרד־לאַגערן?״

„טויזנטער קאָמוניסטן לעבן נאָך אין דײַטשלאַנד, נאָר זיי ליגן אײַנגעלייגט. זיי היטן זייער אייגענע פֿעל. זיי זענען ניט בעסער ווי אַלע אַנדערע דײַטשן. מעגסט זיך קאָכן וויפֿל דו ווילסט, אָבער פֿאַקטן זענען פֿאַקטן. דײַנע קאָמוניסטן אין דײַטשלאַנד האָבן פֿאַרראַטן — און פֿאַרטיק. אין דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן די סאָציאַליסטן פֿאַרראַטן, און איצט האָבן די קאָמוניסטן אין דײַטשלאַנד געטאָן דאָס זעלבע״.

„און פֿון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער, אַז די קאָמוניסטן, וואָס לעבן נאָך אין דײַטשלאַנד, איך מיין די, וואָס זענען ניט אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, פֿירן דאָרט ניט אָן קיין קאַמף קעגן היטלערן מיט זײַנע מערדערישע נאַציס?״

„מען וואָלט זיך שוין דערוואוסט וועגן דעם״, האָט לואי געזאָגט מיט זיכערקייט. „די וועלט, אַלבערט, האָט אויגן מיט אויערן. זיי ליגן אײַנגעלייגט, זאָג איך דיר. זיי האָבן די גאַנצע וועלט אין דער ערד, דײַנע קאָמוניסטן אין דײַטשלאַנד, אַבי זיי קענען ראַטעווען זייערע לעבנס״.

„אַזוי זאָגסטו, מײַן גרויסער ווייסער״, האָט אַלבערט געצאַרנט. „אַלץ ווייסטו, אין אַלץ ביסטו זיכער. אין צאַרישן רוסלאַנד, און פֿאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר אין כינע, און מיט עטלעכע יאָר צוריק אין שפּאַניע, און מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק טאַקע אין דײַטשלאַנד, זענען צענדליקער טויזנטער קאָמוניסטן אומגעבראַכט געוואָרן. נו, האָבן דען די לעבן־געבליבענע קאָמוניסטן זיך דערשראָקן? פּונקט פֿאַרקערט. זיי האָבן מיט העלדישער עקשנות פֿאָרגעזעצט דעם קאַמף פֿאַר פֿרייהייט. נעם, צום בײַשפּיל, דעם איצטיקן וועלט־קריג קעגן די נאַציס. ווער, דענקסטו, זענען געווען די אָנפֿירער פֿון דער אונטערגרונט אין פֿראַנקרײַך? די קאָמוניסטן. און ווער זענען געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירן דעם העלדישן קאַמף אין יוגאָסלאַוויע? דער קאָמוניסט טיטאָ מיט די יוגאָסלאַווישע חברים.

אמת לואי? דאָס קענסטו ניט לייקענען. קאָמוניסטן זענען קאָמוניסטן אומעטום, צי זיי זענען פראַנצויזן, אָדער כינעזער, רוסן, יוגאָסלאַוון, דייטשן. אַלע זענען זיי מוטיקע קעמפער, וואָס זענען מקריב זייערע לעבנס פאַר דער פרייהייט און פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט״.

„בראַוואָ, בראַוואָ!״ — האָט לואי אַפּלאָדירט. „ביסט אַ פייערדיקער רעדנער. קענסט נאָך אַלץ האַלטן ענטוזיאַסטישע רעדעס. אָבער זיי אַזוי גוט, אַלבערט, און זאָג מיר, וואו זענען דיינע קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד? פאַרוואָס הערט מען ניט פון זיי? אין כינע? יאָ, דאָרט קעמפן די קאָמוניסטן. אין יוגאָסלאַוויע? זיכער. דאָס לייקן איך ניט. אָבער אין דייטשלאַנד, אין היטלערס דייטשלאַנד, וואו די מענטשהייט נויטיקט זיך אין זייער קאַמף צום שטאַרקסטן? אין דעם סאַמע קריטישסטן מאָמענט פון דער ציוויליזירטער וועלט האָבן די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד אויפגעגעבן דעם קאַמף קעגן די בלוטיקע היטלער־מערדער״.

„אַ שיינעם דאַנק דיר, לואי״, האָט אַלבערט געשריגן, „וואָס דו אָנער־קענסט, אַז די קאָמוניסטן אין דער גאַנצער וועלט זענען געטריי זייערע היסטאָרישע אויפגאַבן אַלס פרייהייט־קעמפער. אָבער פאַרפעלסט, לואי, צו אָנערקענען די פאַקטן, וואָס זענען באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט״.

„וועלכע פאַקטן, מיין טייערער אַלבערט? אדרבא, דערלאַנג פאַקטן, אויב דו קענסט!״ — האָט לואי געשטאָכן אַלבערטן.

„די פאַקטן״, האָט אַלבערט גערעדט מיט היץ, „זענען, אַז היטלער האָט אויסגעמאָרדעט טויזנטער און טויזנטער קאָמוניסטן, אַז טויזנטער קאָמוניסטן ליגן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן און ווערן דאָרט פאַר־מאַטערט צום טויט, אַז די פירער פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פאַרטיי זענען טויט און זייער אָרגאַניזאַציע איז צעשמעטערט און״...

„און די, וואָס זענען געבליבן און זענען פריי״, האָט אים לואי אי־בערגעשלאָגן די רייד, „זענען אויך טויט, ווייל זיי ווילן ראַטעווען זייערע לעבנס. אָט־וועגן דעם פאַקט רעד איך, אַלבערט״.

„פריי זאָגסטו, לואי? פריי זענען די קאָמוניסטן, וואָס זענען גע־בליבן אין דייטשלאַנד? ווי אַזוי שעמסטו זיך ניט אַזוי צו רעדן?״ — האָט אַלבערט געזאָגט מיט ביטערקייט. „די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז יעדער אַרבעטער אין דייטשלאַנד ווערט באַוואַכט פון שפּיאָנען. מען היט יעדן דייטש אויף שריט און טריט. אויב אַ דייטש ווייזט ניט אַרויס גענוג ענטו־זיאַזם פאַרן „פירער״ מיט זיינע נאַציס, ווערט ער באַטראַכט אַלס איינער פון די פאַרדעכטיקטע, און מען היט אים צען מאָל מער. אָט דאָס רופסטו פריי?״

„קאָמוניסטן, אַלבערט, מוזן וויסן ווי אַזוי אָנצופירן זייער אַרבעט, אַפילו ווען מען היט זיי פיר־און־צוואַנציק שעה אַ טאָג. אין צאַרישן רוס־לאַנד און אין אַנדערע לענדער, וואו הענקער האָבן געהערשט, האָט מען אויך געהיט די קאָמוניסטן אויף שריט און טריט. אין דער פאַשיסטישער איטאַליע איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי טעטיק, ניט־געקוקט אויף דעם, וואָס מוסאָליניס ‚שוואַרצע העמדלעך' היטן, פאַרפאָלגן און מאָרדן די קאָמוניסטן שוין העכער צוואַנציק יאָר. און אין פוילן האָט די פאַשיסטישע רעגירונג פאַרפאָלגט און געמאָרדעט קאָמוניסטן אפשר ניט ווייניקער ווי מוסאָליני. נו, זענען די קאָמוניסטן ניט געווען טעטיק אין פוילן? ווען די קאָמוניסטן אין דייטשלאַנד וואָלטן ניט געווען קיין פחדנים, און וואָלטן ניט געזוכט צו ראַטעווען זייער פעל, וואָלטן זיי שוין געפונען מיטלען, ווי אַזוי אָנצופירן זייער אַרבעט אונטער די נעזער פון די נאַצישע מער־דער. פאַרשטייסט וואָס איך רעד צו דיר, צי ניט?"

„מיט דיר איז אוממעגלעך צו דיסקוטירן!" האָט אַלבערט אַ זאָג געטאָן מיט ווייטאָג.

„פאַרוואָס, אַלבערט, ווייל איך בין גערעכט, אָדער ווייל דיינע קאָמו־ניסטן אין דייטשלאַנד זענען טרוסן?"

„דערפאַר, וואָס דו, לואי, ביסט ניט אומפּאַרטייאיש! דו ווילסט ניט פאַרשטיין די לאַגע, נאָר זוכסט צו באַרעכטיקן דיין קעגנערשאַפט. פאַר־גלייכסט די לאַגע אין פאַשיסטישן פוילן אָדער אין איטאַליע מיט דער לאַגע אין היטלער־דייטשלאַנד".

„פאַרוואָס ניט, אַלבערט, פאַרוואָס זאָל איך ניט פאַרגלייכן?"

„ווייל, ערשטנס, האָבן די נאַצים אָרגאַניזירט אַ ריזיקע מערדער־מאַשין באַלד פונם ערשטן טאָג, וואָס זיי האָבן אַריינגעקראָגן די מאַכט. די מערדער האָבן מיט אומפאַרגלייכלעכער ברוטאַליטעט פּאָגראָמירט אידן, קאָמוניסטן און אַלע אַנטי־נאַצים: טויזנט מאָל ערגער ווי אין איטאַליע אָדער פוילן. און צווייטנס, איידער די דייטשישע קאָמוניסטן האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט ווידער צו אָרגאַניזירן זייערע רייען און אויס־ברייטערן זייערע נייע קאַמפּס־מעטאָדן, וואָס זיי האָבן אָנגעווענדט אין די ערשטע פאַר יאָר פון דער נאַצי־הערשאַפט, האָט שוין היטלער אַריינגע־וואָרפן דייטשלאַנד אין קריג צוערשט קעגן שפּאַניע, דערנאָך קעגן טשע־כאָסלאָוואַקיע און"...

„נו, אַז עס איז מלחמה, איז וואָס?" — האָט לואי סאַרקאַסטיש גע־שמייכלט. „ווערן קאָמוניסטן אויס קאָמוניסטן?"

„ניין, ניין!" — האָט אַלבערט נאָך העכער געשריגן. „דאָס זאָג איך ניט. לאָז מיך ענדיקן מיינע ווערטער, וועסטו וויסן וואָס איך זאָג".

„נו גוט, ענדיק און שריי ניט! — האָט לואי געלאַכט.

„וואָס איך מיין אַרויסצובריינגען איז, אַז היטלערס גרויסער זיג אין שפּאַניע, דערנאָך אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס מיר, — מיר די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן אונטערגעטראָגן דעם מערדער — און שפּעטער זיין זיג אין פּוילן, און איבערהויפּט זיין זיג אין פראַנקרייך, האָט פאַרכּישופט כּמעט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, וואָס האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דער „פירער" איז געשיקט פון גאָט אַליין. אונטער אַזעלכע שווינדלעכע אומשטענדן איז כּמעט אוממעגלעך פאַר קאָמוניסטן אָנצופירן זייער אַרבעט".

„האַ!" — האָט לואי אויסגעשריגן מיט טריאומף. „מיינסטו מיר, הייסט עס, צו זאָגן, אַז ווען עס איז צו געפערלעך, ווען אַלע זענען קעגן קאָמוניסטן, דאַרפן זיי ליגן איינגעלייגט? האַ, אַזוי איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש! נו, און ווער וועט אַרונטעררייסן דעם שווינדל? ווער וועט זאָגן דעם פאָלק דעם אמת?"

פּלוצים האָט דער אַלטער און קראַנקער מאַן זיך אַ הויב געטאָן פון זיין בענקל. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אויף זיין שטעקן; אין זיין צווייטער האַנט האָט געציטערט זיין ליולקע.

לואי און אַלבערט זענען שטיל געבליבן. אונדזערע אויגן זענען אָנגעשטעלט געוואָרן אויפן אַלטן מאַן.

„יונגעלייט!" — האָט דער אַלטער זיך געווענדט צו אונדז מיט אַ דרייסטער שטים. „וויפל, דענקט איר, בין איך אַלט?"

דעם אַלטנס פראַגע האָט אונדז אַלעמען געכאַפּט אומדערוואַרט. אונדזערע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן אַלטן.

„נו, לואי, טרעף! ווי אַלט בין איך, לויט דיין מיינונג?" — האָט דער אַלטער זיך געווענדט צו לואין.

„איך... וואָלט זאָגן אַ יאָר פינף־און־פופציק", האָט לואי געזאָגט מיט פאַרלוירנקייט, ווי אַ שול־אינגל, וואָס איז ניט זיכער מיט זיינע ענטפערס אויף די פראַגן פון לערער.

„און דו אַלבערט, וויפל, דענקסטו, בין איך אַלט? שעם זיך ניט! זאָג!"

„איך דענק", האָט אַלבערט געענטפערט, „אַ יאָר זעכציק. אפשר מיט אַ יאָר ווייניקער".

„איר האָט ביידע ניט געטראָפן", האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ צעקרימט שמייכעלע, וואָס האָט אויסגעדריקט שאַרפן ווייטאָג. „אין אַ חודש אַרום, אויב איך וועל דערלעבן, וועל איך אַלט ווערן זעקס־און־דרייסיק יאָר", האָט דער אַלטער מאַן רואיק געזאָגט.

פון ערגעץ האָט דער ווינט אַ פראָסט אַנגעטראָגן. עמעצער האָט ווי דורך אַ כּישוף באַוויזן אויסצוצאַפּן דאָס בלוט פון מיינע אָדערן. אַלץ אַרום אונדז איז שטיל געבליבן.

„איצט בין איך שוין אַ גיבור״, האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכעלע. „איצט קען איך שוין שטיין אויף מיינע פיס. איר האָט מיך באַדאַרפט זען מיט אַ יאָר צוריק. אַ טויטער זעט אויס שענער, ווי איך האָב אויסגעזען. אַ יאָר, מיינע פריינט, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר בין געלעגן צו־בעט אין שפּיטאָל. דערנאָך האָט מען מיך געלערנט גיין, ווי מען לערנט אַ קליין קינד. איצט גיי איך שוין אַליין. מען דאַרף מיך שוין ניט פירן...״

פון דייטשישן אַקצענט איז געווען קלאָר, אַז ער קומט פון גיהנום־לאַנד.

„בלויז אַכט חדשים בין איך געווען אין היטלערס קאָנצענטראַציע־לאַגער״, האָט דער אַלטער פאָרגעזעצט. „ווען איך בין אַנגעקומען צו אייך אין אַמעריקע, האָט מיך פאַרדראָסן בלויז איין זאַך: פאַרוואָס מען האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט, פאַרוואָס מען האָט מיך ניט געלאָזט שטאַרבן. איצט וויל איך לעבן! איך וויל לעבן!״

דעם אַלטנס אויגן האָבן זיך אַנגעצונדן מיט יוגנטלעכן פייער. ער האָט זיך אויסגעגליכט, האָט פאַרוואָרפן דעם שאַל איבער זיינע אַקסלען און געזאָגט מיט אַ פעסטער און קלאָרער שטים:

„איך וויל לעבן, ווייל איך וויל דערלעבן די פינצטערע מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד״.

„זעצט זיך אַוועק, מיסטער!״ — האָט אַלבערט זיך געווענדט צום אַלטן מיט אַ פאַרשטיקטער שטים.

„רודאָלף, רודאָלף איז מיין נאָמען! זיצן וויל איך ניט. איך וויל בלויז איר זאָלט מיך אויסהערן. וואו זענען די דייטשע קאָמוניסטן פרעגט איר, האָ? פאַרוואָס הערט מען ניט פון זיי? פאַרוואָס קעמפן זיי ניט אין דייטשלאַנד קעגן די נאַציס, וואונדערט איר זיך?״

זיין שטים האָט געקלונגען ווייטאָגדיק, אָבער פעסט.

„איר זעט? קוקט! פאַלשע ציינער. איצט קוקט ווייטער. איין אויג אינגאַנצן בלינד. איצט זעט אַלע מיינע פינגער — צעבראָכן, אויסגעדרייט. מיינע פיס־פינגער זענען אין דעם זעלבן צושטאַנד. מייע ריפּן — אויך צעבראָכן. שטיקער פלייש פון מיין קערפּער האָבן זיי אויסגעשניטן. אין אייער שפּיטאָל האָט מען פאַרלאַטעט אַ טייל פון די לעכער אין מיין קערפּער.

„אַט אַזוי ווי איך, הונדערט מאָל ערגער ווי איך, זעען זיי אויס, די 'גליקלעכע', וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון די היטלער־לאַגערן".

„מען האָט זיי באַפרייט, ווייל מען האָט ניט געקענט באַווייזן, אַז זיי זענען קאָמוניסטן, און אויך צוליב דעם, אַז די צעבראָכענע, צעקאַליע־טשעטע, האַלב־טויטע אינוואַלידן זאָלן זיך אַרומשלעפּן צווישן די דייטשן אַלס אַ וואָרנונג צו קאָמוניסטן און אַנטי־נאַציס. דאָס זענען ווירקזאַמע מע־טאָדן אַנצוואַווואָרפן אַ טויט־שרעק אויף דער באַפעלקערונג. ניט אמת?

„איך בין ניט קיין קאָמוניסט", האָט רודאָלף געזאָגט. „איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין פאַרבינדונגען מיט די קאָמוניסטן. איך האָב געהאַט אַ בוך־געשעפט. אַ כשר בוך־געשעפט. איך האָב אויסגערייניקט מיין קראָם פון יעדן פאַרדעכטיקן בוך, אַזוי גיך ווי היטלער איז געוואָרן דער הערשער. אַ כשרער דייטש! אַ שטילער געהאָרכזאַמער פאַטריאָט! זיך ניט געמישט אין פּאָליטיק. געגאַנגען אין שפּאַן.

„אָבער זיי האָבן מיך אַרעסטירט. זיי האָבן געפאָדערט פון מיר, איך זאָל זיי געבן אַ צעטל פון מיינע קאָמוניסטישע קונים. ווי אַזוי האָב איך געקענט וויסן ווער פון די הונדערטער קונים מיינע איז אַ קאָמוניסט? האָבן זיי מיך באַפרייט. האָב איך זיך געפרייט. איך בין געווען שטאָלץ און יעדן דערקלערט מיט הנאה, אַז אַן אומשולדיקן מענטש באַפרייען זיי. גערעכטיקייט איז גערעכטיקייט.

„מיט אַ וואָך שפּעטער האָבן זיי אַרעסטירט מיין ווייב מיט מיין דרייצן־יעריק טעכטערל".

רודאָלפס קערפּער האָט זיך געטרייסלט. טרערן זענען גערונען איבער זיינע איינגעדאַרטע צערינצלטע באַקן".

„זיי האָבן מיר צוריק אָפּגעבראַכט מיין ווייב און קינד. זיי האָבן זיי ניט געהאַלטן לאַנג. די מערדער האָבן ביי מיר צוגענומען אַ יונג שיין ווייב מיט אַ שיין יונג און געראָטן קינד, און מיר צוריקגעבראַכט פאַר־פייניקטע, האַלב־צעמישטע אינוואַלידן. דער טויט האָט זיי ביידע באַפרייט פון זייערע שרעקלעכע יסורים. מיך האָבן זיי ווידער אַרעסטירט. איך בין דען איינער, וועמען דאָס אומגליק האָט געטראָפן? ניין, איך בין איינער פון הונדערטער טויזנטער.

„וואו זענען זיי געווען, די קאָמוניסטן? פאַרוואָס האָבן זיי געשוויגן? פאַרוואָס האָבן זיי דערלאָזט אַזעלכע שוידערלעכע מערדערייען?

„איך וועל אייך זאָגן, וואו זיי זענען געווען", האָט רודאָלף גערעדט מיט ווייטאָג.

„איבער צען יאָר, איידער היטלער איז אַריין אין מאַכט, האָבן מיר אין דייטשלאַנד רואיק און גלייכגילטיק צוגעקוקט, ווי מען פאַרפאָלגט

און מען שעכט די קאָמוניסטן. עס איז ניט געווען אונדזער זאַך. מיר האָבן אָנגעפירט אונדזערע געשעפטן, און פיל אַרבעטער זענען אָנגעגאַנגען מיט זייער לעבנס-שטייגער, גלייך ווי גאָרניט האָט פּאַסירט. ניט אונדזער זאַך. מיר זענען געווען נייטראַלע צושויער. אַז־אַך־און־ווי צו אונדז! נאָך מער: פיל פון אונדז זענען געווען צופרידן, וואָס מען רייניקט די קאָמוניסטישע ׳טומל־מאַכער׳, די קאָמוניסטישע ׳אַגענטן פון מאָסקווע׳.

„יעדער, וואָס האָט געהאַט די מאַכט, האָט געשניטן קאָמוניסטן. באָסקע האָט געשניטן קאָמוניסטן. די היטלעריסטן האָבן געשניטן די קאָמוניסטן, נאָך איידער היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט.

„פון די יוניאָנס האָט מען זיי אויסגעשלאָסן. אין פיל פאַבריקן האָט מען גערייניקט קאָמוניסטן. פון פיל דירות האָט מען אַרויסגעוואָרפן קאָמוניסטן. די צייטונגען האָבן געגאָסן פעך און שוועבל אויף קאָמוניסטן. מען פלעגט באַפאַלן זייערע אַנשטאַלטן, זייערע פאַרזאַמלונגען, זייערע דעמאָנסטראַציעס. מען האָט געשפאָלטן קאָמוניסטישע קעפּ; מען האָט אַרעסטירט קאָמוניסטן. און מיר, די פרידלעכע, געזעץ־ליבנדיקע און גאָט־פאָרכטיקע דייטשן, האָבן געשוויגן. מיר האָבן ניט פּראָטעסטירט. מיר האָבן אַ פינגער אין קאַלט וואַסער ניט אַריינגעטאָן צו העלפן די פאַרפאָלגטע און צעהרגעטע קאָמוניסטן. ניט אונדזער זאַך, האָבן מיר זיך געטראַכט און דאָס אָפן געזאָגט.

„נאָר ווען היטלער מיט זיינע נאַציס האָבן אונדז אַלעמען גענומען שניידן, האָבן מיר זיך דערמאָנט אין די בראַווע קאָמוניסטישע קעמפער און האָבן אָנגעהויבן וואַיען: וואו זענען די קאָמוניסטן? פאַרוואָס שווייגן זיי, די קאָמוניסטן? פאַרוואָס קעמפן ניט די קאָמוניסטן קעגן די מערדער?

„צו־שפעט, מיינע פריינט!... צו־שפעט האָבן מיר זיך דערמאָנט אין די קאָמוניסטן, וואָס וואָלטן אונדז געקענט ראַטעווען פון דעם גרויסן אומגליק. צו־שפעט!״ — האָט רודאָלף געזיפצט.

„יאָ״, האָט ער פאַרגעזעצט. „זיי, די קאָמוניסטן, האָבן אונדז געקענט ראַטעווען, און זיי האָבן אויך געקענט ראַטעווען די גאַנצע וועלט פון עם שרעקלעכן אומגליק. מיר האָבן דערלאָזט, אַז מען זאָל זיי פאַרניכטן, און מיר זענען געבליבן אָן פריינט, אָן פאַרטיידיקער און באַשיצער, — הילפלאָזע און מאַכטלאָזע, ווי שאָף צווישן אַ מחנה הונגעריקע וועלף און ווילדע טיגערס.

„אויך איר דאָ אין אַמעריקע דענקט, אַז עס איז ניט אייער זאַך, ווען די לומפּן אין די צייטונגען גיסן פעך און שוועבל אויף די קאָמוניסטן.

ניט אייער זאַך, טראַכט איר ביי זיך, ווען מען פֿאַרפֿאָלגט און מען באַפֿאַלט קאָמוניסטן.

„זעט”, האָט רודאָלף מיט אַ ציטערדיקער שטים געזאָגט, „אַז איר, פּונקט ווי מיר, זאָלט שפּעטער ניט פֿרעגן און קלאָגן: „וואו זענען די קאָמוניסטן?!

„ביי אונדז אין דייטשלאַנד האָבן די קאָמוניסטן אונדז געוואָרנט וועגן דעם אָנקומענדיקן אומגליק. זיי האָבן אונדז געוויזן אַן אויסוועג: איינִיקייט, אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט פֿונם גאַנצן פֿאָלק קעגן די נאַצישע מערדערס! מיר זענען אָבער געבליבן נייטראַל. נו, האָבן מיר באַצאָלט! אוי האָבן מיר באַצאָלט!

„און איר אין אַמעריקע”, האָט רודאָלף געזאָגט מיט ווייטאָג, „מוזט לערנען פֿון אונדזער גרויסן אומגליק. איר מוזט לערנען, זאָג איך אייך!”

רודאָלף האָט זיך איינגעוויקלט אין שאַל, און איז מיט אומזיכערע און ציטערדיקע טריט אַרונטער פֿון דעם גאַנעק.

„נו, וואָס זאָגסטו איצט, לואי?” — האָט אַלבערט איבערגעריסן די געדריקטע און אומעטיקע שטילקייט.

„שווייג שטיל, איך בעט דיך!” — האָט לואי מיט טיפֿער ערנסטקייט און נערוועזן אומגעדולד אָפּגעשניטן אַלבערטס פֿאַרזוך פֿאַרצוזעצן דעם שמועס.

„איצט האָסטו גאָרניט וואָס צו זאָגן?” — האָט אים אַלבערט ניט אָפּגעלאָזט. „האָסט פֿאַרלוירן דאָס לשון?”

„אַלבערט”, האָט לואי מיט אַ טרויעריקער שטים געזאָגט. „דער ענין איז צו ערנסט. איך טראַכט וועגן רודאָלפֿס ווייב און קינד... איך האָב אויך אַ ווייב מיט אַ קינד. דו אויך, אַלבערט!...”

יאָסל

אין דעם אָפּיס פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעפּילט מיט אַרבעטער, איז פּלוצים שטיל געוואָרן. דער טומל פון די הייסע דעבאַטעס, וואָס די אַרבעטער פלעגן שטענדיק פירן צווישן זיך, און וואָס פלעגט זיך צעטראָגן איבער דער לענג און ברייט פון דעם גרויסן שטאָק, איז פּלוצים אָפּגעשטעלט געוואָרן, ווי די רעדער פון אַ מיל. די פּלוצימדיקע שטילקייט איז געוואָרן פאַרדעכטיק.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, ביז די אורזאַך איז קלאָר געוואָרן.

יאָסל, אַ הויכער, דינער און אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע, האָט זיך אַריינגעשאַרט אין יוניאָן־אָפּיס פון די לינקע פאַריערס.

„יאָסל גנב איז דאָ! יאָסל גנב איז דאָ! — האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט איבער יעדן שטאָק פון דער געביידע מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ. די געשפּרעכן פון די אַרבעטער זענען אין איין אויגנבליק אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווי מיט אַ שאַרפער האַק. אין יעדן ווינקל און האַרט ביי די טירן פון די צימערן, וואו די יוניאָן־פירער האָבן זיך געפונען, זענען גרופּעס אַרבעטער געשטאַנען גרייט. אויגן, הונדערטער אויגן האָבן פאַרדעכטיק נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג פון יאָסל גנב.

די אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז יאָסל גנב דאַרף מען היטן. זיי האָבן אים גוט געקענט. זיי האָבן געוואוסט, אַז יאָסלס באַזוך אין זייער יוניאָן איז אַן אָנזאָג, אַז עפּעס ערנסטעס וועט געשען, און מען דאַרף זיין אויף דער וואַך.

מען האָט מיר געלאָזט וויסן וועגן דעם גאַסט. איך בין אַרויס פון מיין צימער אים באַגעגענען.

„וואָס טוסטו דאָ, יאָסל? — האָב איך אים געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

„וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי? וואו דען זאָל איך זיין?

„לויט מיין חשבון”, האָב איך אים געענטפערט, „ביסטו שוין לאַנג אינדרויסן. וואָלסט שוין איצט באַדאַרפט זיין צוריק אינעווייניק”.

„אַהין גיי איך מער ניט", האָט יאָסל ערנסט געזאָגט. „איך אַרבעט אין שאָפּ אַ גאַנץ יאָר, און איך בין געקומען אין דער יוניאָן".

„האָסט דאָך אַן אייגענע יוניאָן, טאָ וואָס דאַרפסטו קומען אין דער אינדוסטריעלער יוניאָן?"

„אַהין גיי איך אויך מער ניט", האָט ער געזאָגט, ניט אַראָפּנעמענדיק זיינע אויגן פון מיר. „איך אַרבעט איצט פאַר מיין ברויט!"

„גנבעסט מער ניט, יאָסל?"

„ניין, און איך וועל מער ניט גנבענען ביז איך וועל שטאַרבן".

„ביסט זיכער, אַז וועסט אין גיכן שטאַרבן?"

„איצט, חבר, וויל איך לעבן . איך ווייס", האָט יאָסל פאַרגעזעצט אין אַ לייכטן און רואיקן טאָן, ווי ער וואָלט גערעדט וועגן דעם וועטער, „אַז אַן ערלעך לעבן איז אַ שווער לעבן, אָבער אַזוי וועט דאָס שוין זיין מיט מיר".

„צום וויפלטן מאָל רעדסטו אַזוי שיין?"

„איצט איז אַנדערש. איצט מוז איך. אויב איך פאַל איצט אַריין, וועל איך שוין קיינמאָל ניט אַרויס פון דאָרטן".

„פאַרוואָס?"

„ווייל אַזוי זאָגט דאָס געזעץ. ווען מען ווערט צום פערטן מאָל געפונען שולדיק אין אַ פאַרברעכן, איז מען אַ פאַרפאַלענער. מען ווערט פאַרשיקט אויפן גאַנצן לעבן".

„נו, און וויפל מאָל ביסטו געפונען געוואָרן שולדיק?"

„וואָס פרעגסטו שאלות? אַז איך זאָג דיר, אַז איך מוז ליגן איינגעלייגט, מעגסטו מיר גלויבן".

„דיר קען מען גלויבן?"

„עס איז טאַקע שווער", האָט ער געזאָגט, און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעשמייכלט, „אָבער פון היינט אָן וועסטו זיך אָנהויבן צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מען מעג מיר גלויבן און מען קען מיר טרויען".

„ווערסטו, הייסט עס, אַן ערלעכער מענטש, האַ, יאָסל?"

„איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט, חבר. איך מוז מאַכן אַ לעבן פון ערלעכער אַרבעט. געדענק, וואָס איך זאָג דיר", האָט יאָסל באַטאָנט זיינע ווערטער, „ווען איך בין געווען אַ גנב, בין איך געווען פאַררעכנט פאַר אַן ערשט־קלאַסיקן באַלמעלאָכע אין פאַך. איך בין אויך, ווי דו ווייסט, אַ גוטער און געשולטער פאַריער־אַרבעטער, און איצט וויל איך זיין אַ יוניאָן־מיטגליד. אין גיכן וועל איך אייך אַלעמען באַווייזן, אַז איך בין איינער פון די בעסטע יוניאָן־מיטגלידער. געדענק, וואָס איך זאָג דיר".

„נו, איצט, יאָסל, נאָכדעם ווי דו האָסט מיר שוין דערציילט אַ שיינע

ניט־געשטויגענע און ניט־געפֿלויגענע מעשה, קענסטו מיר אפֿשר אויך זאָגן, וואָס דיך האָט געבראַכט אַהער?"

„אָט־דאָס איז די צרה מיט אייך, לינקע ממזרים", האָט יאָסל גענומען איינטענהן מיט מיר, „וואָס איר גלויבט ניט קיינעם. איר ווילט מען זאָל פֿאַר אייך ווינציקסטנס אויסשניידן דאָס האַרץ".

„ניין, יאָסל, מאַכסט אַ טעות. מיר אורטיילן יעדן איינעם לויט זיינע טאַטן, און דו..."

„וואַרט, חבר, וועל איך דיר פֿאַרשפּאָרן אומזיסטע אַרבעט. איך וועל אַליין אויסרעכענען מיין יחוס. איך בין אַ גנבֿ, אַ גרעפּטער, אַ פֿאַררעטער, אַ מענטש אָן אַ האַרץ און אָן אַ געוויסן, און איך בין פֿעאיק צו פֿאַרקויפֿן מיין ווייב, מיין טאַטן און מיין מאַמען פֿאַר געלט. איצט ביסטו שוין צו־פֿרידן, חבר? האָסט געקראָגן ביי מיר דאָס פֿונט פֿלייש?"

„אָבער, יאָסל, האָסט ניט אויסגערעכנט דיין גאַנצן יחוס".

„וואָס, אַ שטייגער, ווילסטו זאָל איך נאָך צולייגן? אַז איך האָב אַ העלפֿט פֿון מיינע יאָרן פֿאַרבראַכט אין פּריזאָן, און כמעט מיין גאַנץ לעבן, ביז איצט, בין איך געווען פֿאַרבונדן מיט דער אונטערוועלט? נו, איז דיר שוין גוט?"

„האָסט פֿאַרגעסן, יאָסל, צוצולייגן, אַז אין יעדן שאַפּ, וואָס דו האָסט געאַרבעט — ווען דו האָסט צוליב דער פּאַליציי געמוזט אַרבעטן — האָסטו געקראָגן גוט באַצאָלט ניט פֿאַר דיין אַרבעט, נאָר וויל דו האָסט באַ־שיצט די באָסעס און געהאַלטן די אַרבעטער אונטער אַ שטענדיקער מורא. האָסט פֿאַרגעסן צוצולייגן, אַז אין יעדן גענעראַל סטרייק האָסטו געקראָגן געלט פֿון דער יוניאָן, און גלייכצייטיק אויך פֿון די באָסעס, און האָסט אין דער זעלבער צייט אָנגעפֿירט מיט באַנדעס גנבֿים, וואָס האָבן גע־גנבֿעט פֿוטערוואַרג, און די יוניאָן האָט אייך געמוזט באַזאָרגן מיט בעיל און לאָיערס".

„דאָס איז אמת, אָבער צוליב וואָס", האָט ער אַרגומענטירט, „דאַרף מען אויסרעכענען איינצלהייטן? איך האָב פֿאַר דיר אָוועקגעלייגט אין עטלעכע אַלגעמיינע שטריכן מיין גאַנצן יחוס, און איך דענק, אַז עס איז גענוג, און מיר קענען צוטרעטן צום הויפּט ענין".

„וואָס איז דער הויפּט־ענין?" — האָב איך אים געפֿרעגט מיט ניי־געריקייט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע, האָט אַרויפֿגע־רוקט זיין רעקל, האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו מיר. זיין הויכער, דינער קערפּער האָט אויסגעזען, ווי אַ גרויסער פֿראַגע־צייכן.

„זעסט, חבר, זעסט לאַטעס אויף מיינע הויזן?"

„יאָ, איך זע״.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, צוריק זיך אויסגעדרייט מיט זיין פּנים צו מיר, און ער האָט מיט פּאַרדרוס געזאָגט:

„איצט פאַרשטייסטו שוין? יאָסל גייט אַנגעטאָן אין געלאַטעטע הויזן! אַמאָל וואָלט איך זיך געשעמט אָוועקצושענקען אַזאַ בגד, היינט מוז איך אַליין טראָגן אַזעלכע שמאַטעס״.

„טאָ וואָס ווילסטו, יאָסל?״

„איך וויל באַצאָלט פאַר מיין אַרבעט. איך אַרבעט שווער, זייער שווער, און מיינע לויזיקע שכירות קלעקן ניט אַפילו צו האָדעווען מיין ווייב און קינדער. וויל איך, אַז די יוניאָן זאָל עפּעס טאָן פאַר מיר און פאַר די אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ״.

„פאַרוואָס גייסטו ניט אין דיין רעכטער יוניאָן?״

„דו ווייסט זייער גוט, אַז פון יענער יוניאָן קענען די אַרבעטער קריגן בויך־ווייטאָג און ניט קיין העכערונג אין זייערע שכירות. ווייסט אויך, אַז יאָסל ווייסט וואו זיך צו ווענדן. ווען איך פיר אָן די אַלטע געשעפטן, וואָלט איך זיכער ניט געקומען צו אייך. איך וואָלט דאָרט אין יענער יוניאָן נאָך אַלץ געווען אַ מזרח־באַלעבאָס. אָבער מעגסט מיר גלויבן, אַז מיין פּוס איז דאָרט ניט געווען שוין אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר״.

„יאָסל, אָן אַ סטרייק וועט מען ניט קענען קריגן קיין העכערונג אין די שכירות״.

„דאָס ווייס איך. איך קען מיין באַלעבאָס בעסער פון דיר״, האָט יאָסל געזאָגט מיט אַ גנביש שמייכעלע. „דערפאַר בין איך געקומען אַהער״.

„און דיין פּלאַן איז, אַז אַזוי גיך, ווי מיר וועלן אַרויסרופן די אַר־בעטער אין סטרייק, וועסטו צושטעלן אַנדערע אַרבעטער צום באָס, און וועסט מאַכן אַ שיינע פּאַר דאָלער. אמת, יאָסל?״

„דאָס פלעגט דער אַלטער יאָסל טאָן. איצט רעדסטו מיט אַ שפּאָגל־נייעם יאָסל. יענער, דער אַלטער, איז געשטאָרבן. איך האָב אים באַגראָבן אַזוי טיף, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט אויפשטיין״.

„נו, און דער נייער יאָסל וועט ניט פאַרזעצן די קונצן פון דעם אַלטן יאָסל?״

„דעמאָלט וועל איך מיר איבערשניידן דעם האַלדז, און עס וועט צו מיר נעמען אַ סוף״.

„און איך בין זיכער, אַז דער אַלטער יאָסל וועט אַרויס פון קבר, און וועט איבערשניידן דעם האַלדז פון דעם נייעם יאָסל, און דו וועסט אים אַרויסהעלפן״.

יאָסל איז בלאַס געוואָרן. ער האָט פאַרלוירן זיין זיכערקייט. ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און האָט אַריינגעצויגן אין זיך דעם רויך.

ער איז צוגעטראָטן נענטער צו מיר, און האָט גערעדט צו מיר שטיל און ערנסט.

„הער זיך איין, חבר! איר זענט דאָך לינקע. איך קען יעדן פון אייך. איך ווייס, אַז איר זענט אינגאַנצן אַנדערש, ווי די מענטשן, מיט וועלכע איך בין געווען פאַרבונדן מיין גאַנץ לעבן. איך בין געקומען צו אייך איר זאָלט מיר העלפן. איר קענט מיך... איך קען אייך ניט אָפּנאַרן, און איך זוך אייך ניט צו נאַרן. העלפט מיר... איך וועל אָנהויבן פונדאַסניי. איך מוז... וואָס זאָגסטו, חבר?

מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט ווי די הענער...

„קום אַרויף אין אָפּיס מאָרגן, יאָסל. קום באַלד נאָך דער אַרבעט".

„איך וועל קומען".

* * *

דער סטרייק האָט געדויערט צוויי וואָכן. גאַנצע טעג און נעכט האָט יאָסל מיט די אַרבעטער פון שאָפּ געהיט, אַז „סקעבס" זאָלן ניט פאַרנעמען זייער פּלאַץ. די אַרבעטער פון פאָך האָבן זיך געחידושט, וואָס יאָסל איז אויף דער זייט פון דער יוניאָן. יעדן טאָג פלעגן צענדליקער אַרבעטער קומען צו דער געביידע אויסצוגעפינען, צי יאָסל איז נאָך אַלץ איינער פון די סטרייקערס.

מיר האָבן געקראָגן אַ באַריכט, אַז דער פאַרוואַלטער פון דער פירמע האָט באַזוכט יאָסלען אין הויז. איך האָב געשיקט רופן יאָסלען.

„האָסט געהאַט אַ גאַסט נעכטן ביינאַכט, יאָסל? — האָב איך אים פאַרזיכטיק געפרעגט.

„פון וואַנעט ווייסטו שוין וועגן דעם אַזוי פרי?"

„דאָס איז אינגאַנצן ניט וויכטיק".

„עס איז יאָ וויכטיק", האָט יאָסל געשמייכלט. „דו דאַרפסט וויסן, אַז פינף-און-צוואַנציק יאָר, טאָג און נאַכט, האָב איך זיך געהיט פאַר דער פּאָליציי. איך קען דערקענען אַ געהיים-פּאָליציסט אַ מייל די ווייט. איך דערקען אַזאַ איינעם, ווען איך גיב איין קוק אויף זיין שאָטן. ווען איינער פון זיי גייט מיר נאָך פון הינטן, דערקען איך אים לויט זיינע פוסטריט. איך דאַרף אָפּילו ניט אויסקירעווען מיין קאָפּ אים צו זען. בקיצור, איך דערשמעק זיי. אויב דו ווילסט, מעגסטו מיר גלויבן, אַז איך האָב אַנטוויקלט אַ ספּעציעלן חוש צו דערשפּירן די געהיים-פּאָליציסטן".

„וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיין פֿראַגע, צי האָסט געהאַט אַ גאַסט נעכטן ביינאַכט אין הויז?"

„עס האָט שוין גאָר צו טאָן. ווייל דאָס באַווייזט, אַז איר היט מיך, און איך האָב ניט באַוויזן צו דערשפּירן אייער היטער. ווי עס ווייזט אויס, אַרבעט ניט מיין ספּעציעלער חוש קעגן חברים".

„ביסט אפשר ברוגז, וואָס מיר היטן דיך?"

„ניין, חלילה! פֿאַרקערט, איך בין צופֿרידן פֿון דעם. אַזוי דאַרפֿט איר האַנדלען. וואָס מער איך באַקען זיך מיט אייך, אַלץ מער דרך־ארץ קריג איך פֿאַר אייך".

„אַ שיינעם דאַנק דיר דערפֿאַר. אָבער פֿאַרוואָס האָסטו געמאַכט אַ שוויג וועגן דיין גאַסט? יאָסל, דו..."

„וואָרט אויס, חבר", האָט יאָסל אָנגעהויבן רעדן, נאָך איידער איך האָב געענדיקט. „ערגער זיך ניט. איך האָב דיר געזאָגט, אַז דער איצטיקער יאָסל איז אַ נייער מענטש".

„נו, איז וואָס אַז דו האָסט מיר געזאָגט?"

„און איצט זאָג איך דיר", האָט ער גערעדט מיט זיכערקייט, אַריינ־שטעקנדיק די פֿינגער פֿון זיינע לאַנגע הענט אין גאַרטל, „אַז דער נייער יאָסל ווערט מיט יעדן טאָג בעסער, געזינטער און זיכערער".

„זייער שיין! עס טוט מיר הנאה. אָבער דער נייער יאָסל האָט שוין, דאַכט זיך, אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט".

„אמת, חבר, איך האָב שוין אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט, אָבער אַ וואויל שטיקל אַרבעט. עס איז אמת", האָט יאָסל געזאָגט מיט אַ שמייכל, „אַז דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער פֿירמע איז געווען ביי מיר אין הויז. ער איז ניט געקומען צו מיר גלאַט אויף אַ וויזיט. ער איז געקומען צו מיר נאָך הילף. ער האָט מיר געוואָלט אָנבאָטן אַ טויזנטער, אַזוי גיך ווי איך מיט נאָך עטלעכע אַרבעטער קומען אַרויף אַרבעטן".

„וויפֿל האָסטו דערווייל גענומען אויף אַן אַדערויף?"

„כאַפּ ניט, חבר! הער! איך האָב אים אויסגעהערט. איך האָב אויס־געפֿונען, ווי שלעכט עס גייט דער פֿירמע אָן אַרבעטער".

„נו?!"

„נו, און דערנאָך האָב איך אים געזאָגט, אַז ערשטנס, אויב ער וויל האָבן אַרבעטער, מוז ער סעטלען מיט דער יוניאָן".

„און צווייטנס?"

„צווייטנס האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מער ניט קומען צו מיר אין הויז".

„פֿאַרוואָס האָסטו וועגן דעם ניט באַריכטעט אין דער יוניאָן?"

„כאַפּ אַ קוק, חבר, אויף די בריוו, וואָס ליגן ביי דיר אויפֿן שרייב־טיש. זעסט אָט־דעם חנעוודיקן קאָנווערט מיט דער שיינער האַנטשריפֿט? דאָס איז מיין בריוו. עפֿן דעם בריוו און לייען איבער. וועסט זען, אַז איך דערצייל דיר די געשיכטע מיט אַלע איינצלהייטן. פֿאַרשטייסט, חבר, שוואַרץ אויף ווייס איז זייער נויטיק אין מיין פֿאַל. עס איז נויטיק פֿאַר דער יוניאַן, עס איז אויך נויטיק צוליב אַנדערע אורזאַכן. דערפֿאַר האָב איך געשריבן אַ בריוו, און אים געשיקט דורך דער פּאָסט. פֿאַרשטייסט?"

איך האָב מיט נערוועזע פֿינגער אויפֿגעעפֿנט דעם בריוו. אַלע איינ־צלהייטן וועגן דעם באַזוך פֿון דעם פֿאַרוואַלטער, וועגן זיין אָנבאָט צו יאָסלען, און יאָסלס ענטפֿער צו אים זענען געווען קלאָר באַשריבן אין בריוו.

„פֿאַרליר ניט דעם בריוו, חבר! ער וועט אפֿשר אַמאָל צוניץ קומען", האָט יאָסל רואיק גערעדט צו מיר, „און זיי אַזוי גוט און געדענק, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, אַז יענער יאָסל איז געשטאָרבן".

די געשיכטע האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן די אַרבעטער. מען האָט גערעדט וועגן דעם, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ געשעעניש פֿון וועלט־באַדייטונג. די פֿאַנטאַזיעס פֿון אייניקע, וואָס האָבן דערציילט און אי־בערדערציילט די געשיכטע, האָבן זיך צעשפּילט. מען האָט געשמועסט, אַז די פֿירמע האָט יאָסלען אָנגעבאָטן פֿינף טויזנט דאָלער, און אַפֿילו צען טויזנט דאָלער פֿאַר ברעכן דעם סטרייק. יאָסל איז דורך דעם דערהויבן געוואָרן אין די אויגן פֿון די אַרבעטער.

„ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען", האָבן די אַרבעטער מיט צופֿרידנקייט גערעדט צווישן זיך.

„אויב אַזאַ פֿעט פֿאַרדינסטל פֿון עטלעכע טויזנט האָט אים ניט געקיצלט, איז אַ באַווייז, אַז מען קען זיך שוין אויף אים פֿאַרלאָזן", האָבן די סטריי־קערס געזאָגט.

„בלויז אונטערן איינפֿלוס פֿון די לינקע קען אַזאַ איינער, ווי יאָסל, ווערן אַן ערלעכער אַרבעטער", האָבן די יונגע אַרבעטער גערעדט מיט שטאָלץ.

„כאַפּט נאָך ניט", האָבן די עלטערע אויספּרובירטע אַרבעטער גע־רעדט מיט איינגעהאַלטענער פֿאַרזיכטיקייט. „ער האָט נאָך דערווייל ניט געפּאַקט און ניט געמאָזלט אין דער יוניאָן... לאָמיר צוערשט זען, צי ער וועט אויסהאַלטן, ווען ער וועט מוזן ליידן אַ ביסל צרות צוליב דער יוניאָן ווי מיר".

די איינצלנע שאַפּ־סטרייקס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט. יעדן טאָג זענען צענדליקער שעפּער דערקלערט געוואָרן אין סטרייק. די אַרבעטער האָבן געפֿאָדערט, אַז די יוניאָן באַדינגונגען, וואָס זענען אָפּגעווישט געוואָרן מחמת דעם ברודער קאַמף פֿון די צוויי יוניאָנס אין טרעיד, זאָלן צו־ריק איינגעשטעלט ווערן אין די שעפּער. זיי האָבן געפֿאָדערט, אַז די באָסעס זאָלן זיי צאָלן די יוניאָן־שכירות לויטן קאָנטראַקט. זיי זענען באַשטאַנען אויף זייערע רעכט צו באַלאַנגען צו איינער פֿון די צוויי יוניאָנס, וואָס זיי וועלן אויסקלייבן.

די לעצטע פֿאָדערונג פֿון די אַרבעטער, אַז די באָסעס זאָלן זיי ניט צווינגען צו באַלאַנגען צו דער יוניאָן, וואָס די באָסעס האָבן אויסגעקליבן, האָט פֿאַרשאַרפֿט דעם קאַמף. טויזנטער אַרבעטער זענען וואָכן־לאַנג גע־שטאַנען לעבן די הויכע שאַפּ־געביידעס מיט פּלאַקאַטן אויף זייערע ברוסטן און פּלייצעס. אויף די פּלאַקאַטן זענען מיט גרויסע בוכשטאַבן געווען אָנ־געשריבן די הויפּט־פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער:

„מיר פֿאָדערן אונדזער רעכט צו באַלאַנגען צו אונדזער אַרבעטער־יוניאָן, און ניט צו דער באָסעס־יוניאָן.

„מיר פֿאָדערן יוניאָן־שכירות און יוניאָן־באַדינגונגען".

הונדערטער „בלויע רעק" האָבן געהיט די פּיקעטס און האָבן ניט דערלאָזט, אַז זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן אַפֿילו אויף איין מינוט".

„העי, דו דאָרטן!" — פֿלעגן די בייזע „בלויע רעק" באַפֿעלעריש שרייען אויף די פֿרידלעכע פּיקעטס. „יאָ, יאָ, דיך מיין איך, פֿאַרבלאָקיר ניט די גאַסן! שפּאַציר! שפּאַציר! שטעל זיך ניט אָפּ! פֿאַרשטייסט, וואָס מען רעדט צו דיר?"

קוים האָבן זיך צוויי אָדער מער סטרייקערס אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע און אויסגערעדט אַ וואָרט, פֿלעגן די בייזע „בלויע רעק" דונערן אויף זייערע העכסטע טענער:

„העי, דינגט אַ זאַל פֿאַר מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען!"

אייניקע „בלויע רעק" האָבן מיט רציחה געשטופּט די פּיקעטס, גע־שטויסן זיי, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיי אַרעסטירט. צענדליקער סטרייקערס זענען יעדן טאָג אַרעסטירט געוואָרן אויף דער קלאַגע, אַז „זיי שטערן די אָרדענונג".

יאָסל איז געווען איינער פֿון די אַרעסטירטע. אַ גרויסע גרופּע סטרייקערס איז געקומען אין געריכט. אין דער ערשטער ריי איז גע־שטאַנען יאָסל. ער האָט צוליב זיין הויכן וואוקס אַרויסגעשטעקט פֿון דער ענג־צונויפֿגעפּרעסטער גרופּע אַרבעטער.

פּלוצים האָט זיך יאָסל געווענדט צו דעם שטרענגן אָנגעשטייפֿטן

ריכטער, וואָס איז געזעסן איינגעהילט אין שוואַרצן זיידענעם ראָק מיט ברייטע אַרבל.

„הער ריכטער", האָט יאָסל מיט אַ דרייסטער און קלאָרער שטים געזאָגט, „איך בין אין געריכט ניט דאָס ערשטע מאָל. איך האָב מיין גאַנץ לעבן פֿאַרבראַכט אין פּריזאָנס".

דער ריכטער האָט אָנגעשפּיצט זיינע גרויסע אויערן, וואָס האָבן אויס־געזען ווי צוגעקלעפּטע צו זיין פֿעטן פּנים.

איינער פֿון די סטרייקערס האָט אַ צי געטאָן יאָסלען ביים ראָק, אָבער יאָסל האָט פֿאַרגעזעצט:

„יעדעס מאָל, הער ריכטער, וואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרן, און יעדעס מאָל, וואָס איך בין פֿאַרשיקט געוואָרן אין פּריזאָן, בין איך געווען שולדיק אין באַגיין אַ פֿאַרברעכן. איצט בין איך, הער ריכטער, צום ערשטן מאָל אין לעבן אַרעסטירט אומשולדיקערהייט".

„דו ביסט איינער פֿון די אַרעסטירטע סטרייקערס? — האָט דער ריכטער געפֿרעגט מיט שטרענגקייט.

„יאָ, הער ריכטער", האָט יאָסל געענטפֿערט.

„נו, האָסטו דאָך אַ לאָיער, וואָס זאָל רעדן פֿאַר דיר".

„ניין, הער ריכטער, איך דאַרף ניט קיין אַדוואָקאַט. איך בין ניט באַגאַנגען קיין שום פֿאַרברעכן".

„האָסט דאָך מסתמא דאָס זעלבע געזאָגט יעדעס מאָל, ווען מען האָט דיך אַרעסטירט?"

„אָבער איצט, הער ריכטער, בין איך אַן אַרבעטער. איך מאַך אַ לעבן פֿאַר מיין ווייב און קינדער פֿון ערלעכער שווערער אַרבעט. איצט בין איך אַ יוניאָן־מיטגליד. איך סטרייק, כּדי אויסצוקעמפֿן גענוג ברויט פֿאַר מיין ווייב און קינדער. איז דאָס אַ פֿאַרברעכן? איך וויל באַלאַנגען צו מיין יוניאָן און ניט צו דער יוניאָן, וואָס די באָסעס באַשטימען פֿאַר מיר. איז דאָס אַ פֿאַרברעכן? הער ריכטער, די פּאָליציי טרייבט אונדז און יאָגט אונדז, ווי די הינט. מען אַרעסטירט אונדז. מען פֿאַרפֿאָלגט אונדז. די 'בלויע רעק' ווילן, ווייזט אויס, איך זאָל ווידער גיין גנבֿענען. אָבער איך וויל לעבן ערלעך... עס קומט אויס, אַז ווען איינער איז אַ פֿאַרברעכער, מוז ער מלחמה האַלטן מיט דער פּאָליציי; און ווען איינער וויל זיין אַן ערלעכער מענטש, מוז ער אויך מלחמה האַלטן מיט דער פּאָליציי..."

„האָסט שוין גענוג גערעדט! פֿאַרמאַך ס'מויל! דיין נאַרישע צונג וועט דיך אומגליקלעך מאַכן", האָט דער ריכטער געזאָגט יאָסלען מיט נערוועזער אויפֿרעגונג. אָבער עס איז אויך געווען קלאָר, אַז יאָסלס עט־לעכע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק.

די אַרעסטירטע זענען באַפֿרייט געוואָרן. זיי זענען באַגריסט געוואָרן פֿון דער גרויסער מאַסע סטרייקערס, וואָס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין מי־טינג־זאַל אין דער געביידע, וואו די יוניאָן אָפּיסעס האָבן זיך געפֿונען.

„ווידער האָט יאָסל באַוויזן, אַז ער האָט מוט און איז גרייט צו קעמפֿן פֿאַר זיינע איבערצייגונגען און רעכט אַלס אַרבעטער און יוניאָן־מיטגליד", האָט דער פֿאָרזיצער, איינער פֿון די סטרייקערס, געזאָגט.

ער האָט באַריכטעט צו די סטרייקערס, וואָס עס האָט פּאַסירט אין געריכט. די פֿאַרזאַמלטע האָבן הילכיק אַפּלאָדירט די ווערטער, וואָס יאָסל האָט מוטיק געזאָגט דעם ריכטער.

יאָסל האָט גערעדט:

„אויב איך מאַך קיין טעות ניט, מעג איך אָננעמען, אַז איר פֿאַר־רעכנט מיך שוין אַלס איינעם פֿון אייך".

הונדערטער הענט האָבן אַפּלאָדירט.

„אָט־דער געפֿיל, אַז איך ווער פֿאַררעכנט אַלס איינער פֿון אייך, איז ביי מיר אַ גרויסער פֿאַרמעגן, אַ הויכע דערגרייכונג. איך ווייס, אַז איך האָב נאָך ניט געטאָן גענוג צו געווינען אייער פֿולן צוטרוי. אָבער איך שווער אייך, אַז אויב איר וועט מיר נאָר געבן די געלעגנהייט, וועל איך אין אַ קורצער צייט אָפּצאָלן מיינע שווערע חובות צו דער אַרבעטער־באַוועגונג"...

„צאָל, ברודער, צאָל! — האָבן געשריייען אָפּגעקלונגען אין זאַל.

„אַלע, וואָס זענען ערלעך, האָבן אַ געלעגנהייט ביי אונדז אין דער יוניאָן", האָבן די סטרייקערס געשריגן.

„איך האָב אַ פֿול האַרץ און וויל רעדן, נאָר איך וויל ניט פֿאַרנעמען אייער צייט".

„רעד, רעד, יאָסל, אָבער צום פּונקט!" — האָבן זיך געטראָגן פֿריינטלעכע ווערטער איבערן זאַל.

„מיר האָבן גענוג צייט", האָבן די סטרייקערס זיך געווענדט צו יאָסלען, „רעד, אָבער זאָג עפּעס, אַז עס זאָל זיך לוינען צו הערן!"

„מעג איך פֿון היינט אָן אייך רופֿן חברים?"

„געוויס, הערסט, ער פֿרעגט נאָך!"

„וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אייך איז ניט אַזוי גרינג צו פֿאַרשטיין מיינע געדאַנקען און געפֿילן", האָט יאָסל געזאָגט. „איר האָט צוגעקראָגן אויף אייער זייט אַ געוועזענעם פֿיינט. אַנשטאָט צו טאָן שאָדן, וועל איך העלפֿן. איך בין צופֿרידן מיט אייער געווינס".

דער פֿאָרזיצער האָט אים אונטערגעבראָכן.

„נאָך אַ זאַך, יאָסל, האָבן מיר געוואונען", האָט דער פֿאָרזיצער

פֿריינטלעך געזאָגט. „מיר באַווייזן, אַז ווען אַן אַרבעטער וויל ערלעך פֿאַרדינען זיין ברויט און פֿאַרבעסערן זיין לאַגע, איז זיין פּלאַץ אין אונ־דזערע רייען".

געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך אַ וויג געטאָן איבער דעם זאַל.

„איך שטים מיט דיר איין", האָט יאָסל געענטפֿערט. „און איצט באַטראַכט מיין געוויסן. אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע וואָכן האָב איך גע־וואונען הונדערטער וואָרעמע פֿריינט, ניט פֿון יענעם סאָרט. איר ווייסט וואָס איך מיין"...

אַ שטילער איינגעהאַלטענער געלעכטער.

„און איך האָב געוואונען אַן אָנהאַלט אין לעבן. פֿריער איז פּריזאָן געווען מיין איינציקע צוקונפֿט. איצט איז אַנדערש. איך האָב זיך אַרויס־געריסן פֿון יענער שווינדלערישער וועלט און איך האָב זיך מיטביידע הענט אָנגעכאַפּט אין אַ נייעם, פֿרישן, געזונטן לעבן, וואָס פֿאַרמאָגט אַן אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקן היינט און אַ ליכטיקן מאָרגן".

טויטע שטילקייט, טיפֿער ערנסט האָבן פֿאַרשלונגען אַלעמען אין זאַל...

„מיר טוט ווי פֿאַר די יאָרן, וואָס איך האָב פֿאַרלוירן. עס טוט מיר וויי, וואָס איך האָב אַוועקגעגעבן אַזוי פֿיל געזונט און פֿעאיקייטן צום טייוול", האָט יאָסל פֿאַרגעזיפֿצט אין אַן ערנסטן טאָן.

„אַז איך טראַכט זיך אַריין אין מיין פֿאַרגאַנגענעם לעבן, ווערט מיר קלאָר, אַז כאָטש איך בין אַליין שולדיק אין דעם, איז אָבער אמת, אַז די באָסעס האָבן אויך אַ חלק אין מיין גיהנום־לעבן. עס האָט זיך מיר געוואָלט לעבן גרינג, ווי זיי. איך האָב ניט געקענט פֿאַרטראָגן די בייטש אין שאָפּ. איר דענקט, אַז זיי זענען גרויסע חכמים, אַז זיי האָבן אָנגעזאַמלט רייכ־טימער צוליב זייער חכמה? עס הויבט זיך גאָרניט אָן. ווען איך זאָל אייך דערציילן, ווי אַזוי איך פֿלעג זיי אַרייננאַרן אין זאַק אַריין, וואָלט איר געקראַכט פֿון געלעכטער".

„דערצייל, יאָסל, דערצייל".

„גוט. איך וועל אייך דערציילן אַ פּאָר זאַכן. אָבער בלויז צו באַווייזן, אַז זיי, אונדזערע באָסעס, די גבירים, זענען בלויז דערפֿאַר גרויסע חכמים ווייל די אַרבעטער האַנדלען אָפּט ווי נאַראָנים. די גאַנצע חכמה פֿון די רייכע באַשטייט אין זייער געלט. נעמט, למשל, דעם פֿאַבריקאַנט ב.. פֿיל פֿון אייך האָבן דאָך אים געקענט. האָב איך אים אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין, אַז ער האָט זיך געשעמט אַפֿילו צו באַקלאָגן זיך וועגן דעם. איר געדענקט דאָך, ווי ער פֿלעגט שטענדיק זידלען און שעלטן די אַרבעטער

און די יוניאָן. ′די אַרבעטער′, פּלעגט דער מיסטער ב. שרייען, ′זענען אַ באַנדע גנבים. ניטאָ′, פּלעגט ער שרייען ′קיין איין אָרנטלעכער צווישן זיי′. ′גאַרגל-שניידער′ האָט ער גערופֿן זיינע אַרבעטער. פֿאַרוואָס? ווייל זיי האָבן געוואָלט נאָך אַ דאָלער. אַ העכערונג אין זייערע שכירות. אָט־דער פֿיינער פֿאַבריקאַנט האָט ביי מיר, מיט אַ יאָר פֿופֿצן צוריק, געקויפֿט אַ דריי טויזנט מינק פּעלכלעך״.

„ערלעכע סחורה, יאָסל?״ — האָבן די אַרבעטער געפֿרעגט מיט גוט־מוטיקן געלעכטער.

„וואָס הייסט ערלעכע סחורה? ווי האָב איך אין יענע יאָרן געקענט קריגן ערלעכע סחורה? און ער, דער פֿיינער מענטש, האָט געוואוסט, אַז עס איז טריפֿהנע סחורה״.

„ווייל די מינק־פּעלכלעך זענען ווערט געווען ווינציקסטנס צו צוועלף דאָלער אַ שטיק, און איך האָב אים פֿאַרקויפֿט פֿאַר דריי דאָלער אַ שטיק. חוץ דעם האָט ער זייער גוט געוואוסט, אַז יענער יאָסל האָט געהאַנדלט מיט טריפֿהנער סחורה. אָבער ער האָט געקויפֿט, ווייל עס איז געווען אַ געשמאַק פֿאַרדינסטל.

„איצט הערט דעם שפּיץ״, האָט זיך יאָסל צעוואָרעמט. „איך האָב ביינאַכט געבראַכט די סחורה צו אים אין פֿאַבריק. ער האָט מיר באַצאָלט דאָס געלט אין מזומן. ער האָט דאָס צוגעגרייט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. אַזוי ווי איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין פֿאַבריק זענען צוויי שמשים אַריין. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעגעבן די סחורה, און האָט נאָך דערצו געגעבן אַ מתנה צו די שמשים, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ שוויג וועגן דעם. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער אויסגעפֿונען, אַז די שמשים זענען גאָר געווען מענטשן פֿון אונדזער באַנדע, און אַז די גאַנצע זאַך איז געווען אויסגעפּלאַנעוועט פֿון אָנהויב, כדי אים אַריינצונאַרן אין זאַק אַריין. דאָס דערצייל איך אייך אַנטקעגן דעם, וואָס זיי רעדן וועגן זייער ערלעכקייט און זייער חכמה״.

יאָסל האָט זיך נאָך מער צעוואָרעמט.

„נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ געשיכטע״, האָט ער פֿאַרגעזעצט. „אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג שטעלט זיך אָפּ אַ גרויסער אויטאָמאָביל לעבן אַ רייכן צירונג־געשעפֿט. דער שאָפֿער אין אַ פֿיינעם אוניפֿאָרם מיט פֿינקלענדיקע קנעפּ עפֿנט אויף די טיר פֿון אויטאָמאָביל. ער פֿאַרנויגט זיך טיף און וואַרט אַן איינגעבויגענער ביז זיין באַלעבאָס שפּאַנט אַרויס פֿון דעם אויטאָמאָביל. דער באַלעבאָס איז רייך געקליידט. ער טראָגט אַ שוואַרצן פֿראַק, געשטרייפֿטע הויזן, אַ הויכן זיידענעם צילינדער, ווייסע הענטשקעס און אַ שטאָק מיט אַ זילבערן הענטל. פֿאַר דעם זיידענעם צילינדער עפֿענען

זיך טיר און טויער. אַריין אין צירונג־געשעפֿט, שטייען אַרום אים די משרתים. מען נויגט זיך און מען בויגט זיך און דרייען. צי מיר האָבן בריליאַנטן? געוויס, געוויס האָבן מיר פֿון דעם בעסטן סאָרט.

„און עס ליגן שוין אָפֿענע שאַכטלען, אויסגעבעט מיט רויטן און גרינעם און בלויען פּליוש, אויף וועלכן עס פֿינקלען מיט פֿאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט גרויסע, שווערע גאָלדענע רינגען, און איידעלע דאַמען־פֿינגערלעך, אין וועלכע עס זענען חנעוודיק אַריינגעפּאַסט ווייסע שעמע־רירנדיקע דימענטן, בלויע סאַפּירן, רויטע רובינען... און מיטאַמאָל — אַ געשריי, אַ פּייפֿעריי, אַ געלויף, אַ געפּילדער. די רייכע אויסגעפּוצטע דאַמען־קונים און די משרתים פֿאַלן חלשות. וואָס האָט פּאַסירט?

צוויי יונגען זענען אַנגעלאָפֿן פֿון גאַס ווי אַ בליץ, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאָר שאַכטלען מיט די טייערע שטיינער און אַרויס פֿון קראָם, ווי דער ווינט. דער רייכער מאַן אין דעם זיידענעם צילינדער איז פֿאַרשוואונדן אין זיין גרויסן אויטאָמאָביל.

„פֿון וואַנען איך בין באַקאַנט מיט די אַלע איינצלהייטן פֿון דער גע־שיכטע? ווייל דער רייכער צילינדער־הוט, פֿאַר וועמען מען האָט געעפֿנט די טירן אַזוי ברייט, און אויסגעלייגט פֿאַר אים די קאָסטבאַרע סחורה, איז געווען זייער־זייער אַ נאָענטער פֿריינט מיינער...

„אָבער היינט טראָג איך געלאַטעטע הויזן, קוקט מען אויף מיר אַנדערש, ווי דעמאָלט מיט אַ זיידעם צילינדער. היינט בין איך אַן אָרעמער אַרבעטער און אַ סטרייקער, יאָגט מען מיך צוזאַמען מיט אייך פֿון די גאַסן. אָבער עס איז מיר טויזנט מאָל ליבער צו זיין איינער פֿון אייך, ווי איינער פֿון די פּאַראַזיטן מיט די צילינדערס. ערשט איצט הויב איך אָן צו באַגרייפֿן די באַדייטונג פֿון אַן ערנהאַפֿט לעבן, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט אינטערעס, מיט ערלעכער אַמביציע, מיט הויכע מענטש־לעכע געפֿילן און איבערצייגונגען, וואָס דערהויבן דיך צו אַ הויכער מדרגה פֿון אמתער מענטשלעכקייט.

„אַזאַ לעבן, חברים, לעב איך דאָס ערשטע מאָל. פֿאַר קיין זאַך אין דער וועלט וועל איך ניט אויפֿגעבן די פּריווילעגיע אַזוי צו לעבן ביזן סאַמע סוף. איך האָב געפֿונען דאָ ביי אייך דאָס, וואָס איך האָב מיין גאַנץ לעבן געזוכט, נאָר צוליב אַ ריי אומגליקלעכע צופֿאַלן בין איך אַריין אין זומפּ. איצט האָב איך זיך אַרויסגעריסן פֿון דאָרט. צי קענט איר, חברים, אָפּשאַצן און פֿילן מיין גליק?"

יאָסל האָט זיך אָוועקגעזעצט.

אין זאַל איז געווען שטיל. פּלוצים האָט אַ הילך געטאָן, ווי אַ דונער.

הענט האָבן הייס און גיך אַפּלאָדירט. ענטוזיאַסטישע געשרייען האָבן אָנ־געפּילט דעם זאַל.

עלטערע אַרבעטער האָבן גערדריקט יאָסלס הענט. אַן אַלטער אַרבעטער מיט אַ ווייסער באָרד האָט הויך אויפן קול געזאָגט:

„יאָסל, איך קען דיין טאַטן שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר. ער איז אַ גוטער מענטש און אַן ערלעכער יוניאָן־מיטגליד. גאָט זאָל דיר העלפן, זאָלסט גיין אויף דעם גלייכן וועג. לאַנג לעבן זאָלן די לינקע און קאָ־מוניסטן! זיי ראַטעווען מענטשן פון אונטערגאַנג״.

עס האָבן זיך געצויגן וואָכן אָנגעלאָדן מיט הייסן קאַמף און זאָרג. פלאַ־מענדיקע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, געשלעגן צווישן די סטרייקער און סטרייק־ברעכערס, שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן „רעכטע״ און „לינקע״ אַרבעטער, מאַסן־אַרעסטן און געריכט־פּראָצעסן. כמעט טעגלעך פלעגט געהיים־פּאָליציי זיך אַריינרייסן אין די יוניאָן־אָפּיסעס, נישטערן און זוכן, אַרעסטירן און אָנשרעקן די סטרייקערס און פירער.

אין פיל היימען פון די סטרייקערס האָט זיך באַזעצט דער הונגער. די יוניאָן האָט געשטיצט די נויטבאַדערפטיקע סטרייקערס, אָבער עס איז ניט געווען גענוג אַפילו צו שטילן דעם הונגער פון זייערע פאַמיליעס.

סטרייקערס מיט זייערע פאַמיליעס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין גאַס, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט צו באַצאָלן דירה־געלט. די נויט און די פאַרפאָלגונגען האָבן ניט געבראָכן דעם קאַמפּס־גייסט פון די סטרייקערס.

אין איינעם פון יענע טעג איז יאָסל שטיל אַריינגעקומען אין מיין אָפּיס און האָט זיך אַ מידער אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן מיין שרייב־טיש. ער איז געווען בלאַס און אויסגעצערט. זיין אָנגעשטרענגטע סטרייק־טעטיקייט האָט איבערגעלאָזט טיפע סימנים אויף זיין פּנים.

„וואָס איז, יאָסל? עפּעס האָט שוין פּאַסירט?״

„איך וויל דיר עפּעס דערציילן, חבר״, האָט יאָסל געזאָגט מיט אַ טיפן זיפץ. „פאַרשטייסט, איך מוז פאַר עמעצן רעדן״.

„נו, רעד, יאָסל״, האָב איך געזאָגט מיט איינגעהאַלטענער שרעק.

„אוי־ווײ״, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, „יאָסל וואַקלט זיך שוין״...

„היינט גאַנץ פרי״, האָט יאָסל אַ מידער און פאַרזאָרגטער גערעדט, „האָב איך זיך אין איילעניש געלאָזט צו דער טיר, צו זיין אין צייט אויף מיין פּאָסטן לעבן שאַפּ מיט די אַנדערע סטרייקערס״.

ער איז געבליבן שטיל.

„נו, יאָסל?״

ער האָט פאָרגעזעצט מיט אָנשטרענגונג:

„מיין ווייב האָט מיך אָפּגעשטעלט. 'יאָסל!'— האָט זי מיט אַ ציטערדיקער שטים אַ רוף געטאָן. איך האָב אויסגעדרייט מיין פּנים צו איר. 'מאָרגן וועט ניט זיין פאַר די קינדער צו עסן', — און טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן.

„איך בין געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינערטער", האָט יאָסל שטיל געזאָגט."פאַר די לעצטע עטלעכע טעג', האָט מיין ווייב זיך געקלאָגט פאַר מיר, 'האָדעווע איך די קינדער מיט ברויט און קאַווע. מאָרגן וועט מער ניט זיין קיין ברויט, קיין קאַווע און קיין צוקער'. 'יאָסל', האָט זי כּליפּענדיק זיך געווענדט צו מיר, 'אפשר קענסטו ערגעץ קריגן עטלעכע דאָלער?'

„געוויס קען איך קריגן,— האָב איך געזאָגט ניט וויסנדיק, וואָס איך רעד איבער מיין צעטומלטקייט און אויפרעגונג. —איך קען קריגן אַ סך געלט. דו ווייסט, אַז איך קען... אויב דו ווילסט, וועל איך נאָך היינט אָוונט קריגן אַ טויזנטער... מיינע אַמאָליקע פריינט וועלן מיר לייען וויפל איך וויל... אָבער דו ווייסט, וואָס דאָס מיינט?"

יאָסל איז אַנטשוויגן געוואָרן.

„נו, יאָסל?"

„נו, האָט מיר מיין ווייב אָפּגעשפּילט אַ חתונה, וועל איך דאָס געדענקען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן".

„וואָס פאַר אַ חתונה?"

„עס איז שווער צו דערציילן", האָט יאָסל געזאָגט. „אַזעלכע מאָמענטן האַלט מען ביי זיך פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער, און מען לאָזט קיין פרעמדן ניט וויסן וועגן דעם. אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן. איך בעט דיך אָבער, זאָל דאָס בלייבן ביי דיר".

„מעגסט זיין זיכער אין דעם", האָב איך אים באַרואיקט.

„אַזעלכעס, חבר, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט", האָט יאָסל טיף אַרויסגעזיפצט. „זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל, האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן און האָט היסטעריש געשריגן: 'ניין, ניין, יאָסל, איך וויל מער ניט אַזאַ געלט! איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געוואָלט!... איך וויל בעסער הונגערן אינאיינעם מיט די קינדער... גיי ניט מער אַהין! איך בעט דיך, יאָסל, האָב רחמנות... איך זאָג דיר, אַז איך וועל זיך נעמען דאָס לעבן, אויב דו וועסט נאָכאַמאָל אַנהויבן... איך וויל בעסער הונגערן... איך וויל בעסער שטאַרבן פון הונגער...' קענסט זיך פאַרשטעלן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די עטלעכע מינוטן?"

איך האָב געשוויגן. יאָסל האָט פאָרגעזעצט:

„איך האָב פֿלוצים דערפֿילט אַ נאָענטקייט צו מיין ווייב. אַ ביטערע חרטה האָט מיך אַ נאָג געטאָן, און איך בין אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן פֿון אַ טיפֿן וויטאָגדיקן רחמנות־געפֿיל צו מיין ווייב. צום ערשטן מאָל אין פֿיל יאָרן האָב איך אַרומגענומען מיין ווייב און זי האַרציק געקושט"...

„זאָרג ניט, האָב איך זי באַרואיקט", האָט יאָסל גערעדט מיט אַ ווייכער שטים, פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. „עס וועט שוין קיינמאָל ניט פּאַסירן מער... איך האָב אויף שטענדיק אָפּגעשניטן מיט מיינע אַלטע חברים און מיט מיין אַמאָליקן מיאוסן לעבן. מיר האָבן אָנגעהויבן אַ ניי, שיין, ערלעך לעבן, און מיר וועלן שוין קיינמאָל מער ניט פֿאַרשעמען אונדזערע לעבנס און די לעבנס פֿון אונדזערע קינדער".

טרערן זענען גערונען פֿון זיינע אויגן.

„יאָסל, מיר דאַכט זיך, אַז דו וויינסט? אַזוי גאָר, ביסט, ווייזט אויס, פֿון דעם צעקראָכענעם מין?"

„אַ שיינעם לייט האָט איר, חברים, געמאַכט פֿון מיר!" — האָט זיך יאָסל געוויצלט. „פֿינף־און־צוואַנציק יאָר בין איך אויסגעשטאַנען אומ־מענטשלעכע ליידן. צען מאָל אַ יאָר פֿלעג איך אַרעסטירט ווערן. וויי־ווי, וויפֿל קלעפּ איך האָב אַריינגעכאַפּט פֿון די 'בלויע רעק' און פֿון אַנדערע טייוואָלים! אָבער געוויינט האָב איך קיינמאָל ניט. פֿאַרשטייסט, חבר, מען ווערט פֿאַרהאַרטעוועט ווי אַ שטיין. מען פֿאַרלירט יעדן מענטשלעכן געפֿיל. איצט בין איך דאָך צוריק אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן, מיט אַ האַרץ, מיט געפֿילן. אָבער רעד זיך ניט איין, אַז איך ווער צעקראָכן".

ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר גרייט אַרויסצוגיין, נאָר ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעקומען.

„ווילסט עפּעס, יאָסל?"

„יאָ", האָט ער געענטפֿערט מיט אַ מונטערער שטים. „איך האָב דיך געוואָלט פֿרעגן, צי עס איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז נאָך דעם, ווי איך וועל זיין טעטיק אין דער יוניאָן, לאָמיר זאָגן אַ יאָר צייט, און כ'וועל ניט אַרונטער פֿון גלייכן וועג... צי דענקסטו, אויב מען וועט מיך אַריינגעמען אין אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן... איך באַלאַנג ניט צו קיין פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע... מען איז דאָך אַ מענטש, מיט אַ ווייב און קינדער. וואָס דענקסטו?"

„איך זע ניט איין, פֿאַרוואָס מען זאָל דיך ניט אַריינגעמען".

יאָסל האָט געלאַכט.

„זעסט געוויס, אַז איך פֿאַרמעסט זיך אויף גרויסע פּלענער אין לעבן. צוערשט אין אָרדן", האָט ער געזאָגט לאַכנדיק, „און דערנאָך..."

„און דערנאָך וואָס, יאָסל?"

„ווערסט שוין זען פּאַרטיקערהייט", האָט ער נאָך אַלץ לאַכנדיק גע־ענטפֿערט.

„איך בין נייגעריק צו וויסן, וואָס דו האָסט אין זינען".

„ווערסט זען", האָט ער געזאָגט ערנסט, „אַז איך וועל נאָך פֿאַרדינען דעם כּבוד צו ווערן אַ מיטגליד, אַ לאַיאַלער טעטיקער מיטגליד, אין דער אמתער פּאָליטישער פּאַרטיי פֿון קלאַסן־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. איך וועל אויסברענען מיין פֿאַרגאַנגענהייט מיטן וואָרצל".

* * *

יאָסלען איז ניט געלונגען צו פֿאַרווירקלעכן זיינע פּלענער, וועגן וועלכע ער האָט געטרוימט אַזוי גיך ווי ער האָט אָנגעהויבן אַ ניי, ערלעך אַרבעטער־לעבן. די טרויעריקע יאָרן פֿון זיין יונגן לעבן האָבן ניט גע־לאָזט. ער איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז, וואָס ער האָט געקראָגן אין די טורמעס, און איז געשטאָרבן.

נעכטן — צען יאָר נאָך יאָסלס טויט — איז זיין עלטסטער זון גע־קומען צו מיר. ער איז מיר געקומען אָנזאָגן, אַז ער איז געוואָרן אַ מיט־גליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ער זעט אויס אינגאַנצן ווי זיין פֿאָטער. ער איז הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ לאַנגן קלוגן פּנים. זיינע ליכטיקע ברוינע אויגן שיינען אַרויס פֿון אונטערן ברייטן שטערן און גרויסן קאָפּ, וואָס איז באַדעקט מיט געדיכטע און האַרטע, העל־ברוינע האָר.

דאַכט זיך, אַז ער איז שענער פֿון זיין טאַטן. זיכער איז ער קליגער פֿון אים. ער האָט אָנגעהויבן יונגערהייט דאָרטן, וואו זיין טאַטע האָט געוואָלט אָנהויבן, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. ער וועט געוויס אויך זיין פֿיל, פֿיל גליקלעכער מיט זיין לעבן, ווי זיין טאַטע איז געווען.

טשאַרלי

אין דער באַשטימטער צייט בין איך געווען לעבן דעם רעסטאָראַן, וואו מיר האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן.

די גאַס איז געווען שמאָל און פינצטער. כאָטש עס איז נאָך געווען פרי אין אָוונט, זענען כמעט אַלע פענצטער פון די הייזער געווען פינצטער. דאָ־און־דאָרט האָט אַ דורכגייער מיט איילנדיקע און וויכע טריט זיך דורכגעשלייכט דורך דעם געסל.

איך האָב געפילט אַ ביסל אומהיימלעך. איך האָב זיך ניט געאיילט אַריינצוגיין אין רעסטאָראַן. אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָב איך שפּאַצירט הין־און־צוריק, און נאָכגעקוקט יעדן דורכגייער.

איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז עס איז זייער אומפאַרזיכטיק, כמעט אומפאַראַנטוואָרטלעך דורכצופירן אַזאַ מיסיע אָן קיינעמס וויסן. דער טייוול ווייסט, וואָס דאָ וועט נאָך פּאַסירן, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

נאָך וואָס בין איך געקומען אַהער? — האָב איך זיך געפרעגט מיט פאַרוואורף. וואָס קען ער מיר דערציילן? וואָס פאַר אַ נוצן קען דאָס אַלץ ברענגען? אַפילו ווען עס וועט מיר אָפּגיין גלאַט, — האָב איך ווייטער געטראַכט, — איז די גאַנצע אונטערנעמונג אַ ווילדע נאַרישקייט פון מיין זייט.

צוליב וואָס פאַרט האָב איך איינגעשטימט אים צו טרעפן? — האָב איך צום ווייפלטן מאָל געפרעגט, און זיך ווידעראַמאָל געענטפערט דעם אייגענעם ענטפער.

איך האָב איינגעשטימט, ווייל ער האָט זיך געבעטן ביי מיר. יאָ, ער האָט זיך פּשוט געבעטן ביי מיר, איך זאָל אים באַגעגענען.

איך האָב זיך שטיל איבערגעזאָגט זיינע עטלעכע געציילטע ווערטער: „חבר, זאָג מיר ניט אָפּ! אויב דו ווילסט זיך באַרימען, אַז איך האָב דיך געבעטן זאָלסט מיך באַגעגענען, קענסטו דאָס טאָן. מיר איז עס אַלץ איינס. אָבער געדענק, איך וועל וואַרטן אויף דיר".

זיין שטים האָט געקלונגען ווי פֿון איינעם, וואָס לעבט איבער אַ טיפֿן צער, פֿון איינעם, וואָס גיט זיך אונטער...

איך האָב אויף גיך אַרונטערגעשפּאַנט די צוויי טרעפּלעך, וואָס האָבן געפֿירט צו דער טיר. דער גרויסער ביר־שענק איז געווען טונקל־באַלויכטן.

דער רויך פֿון די ליולקעס און ציגאַרן איז געדיכט געהאָנגען איבער די קעפּ פֿון די באַזוכער. אַ ריח פֿון ביטערער משקה, געמישט מיט רויך, האָט אַ זעץ געטאָן אין מיינע נאָזלעכער.

לעבן דעם לאַנגן און שמאָלן טיש זענען מענטשן געשטאַנען, האָבן געטרונקען און גערויכערט. אויף דער צווייטער זייט פֿון טיש, אָפּגעצוימט ווי אין אַ שטייג, האָבן דריי באַדינער מיט רויטע, גלאַט־ראַזירטע פּנימער אָנגעטאָן אין קורצע, אָפּגעצויגענע, ענג־געפּאַסטע, ווייסע לייוונטענע רעקלעך, מיט גיכע, ריטמישע באַוועגונגען אָנגעפּילט די גלעזער מיט ביר. מיט גלאַטע, קורצע, ווייסע ברעטלעך האָבן זיי אָפּגעשאָרט די ווייסע פּיענע פֿון די איבערשוימענדיקע גלעזער.

אין דער זייט האָבן טרעפּ געפֿירט צום רעסטאָראַן. די אָנווייזונגען זענען געווען קלאָר. איך בין געווען זיכער, אַז איך בין אין דעם ריכטיקן פּלאַץ. איך האָב אויף גיך גענומען קלעטערן די טרעפּ.

אויבן אין רעסטאָראַן איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דער דיל האָט געגלאַנצט פֿון ריינקייט. די טישלעך זענען געווען באַדעקט מיט ריינע ווייסע טישטעכער. די לופֿט איז געווען ריין און אָנגענעם. אַלץ איז געווען אויסגעראַמט אין פֿולער אָרדענונג. אַפֿילו די גרויסע בילדער אין שווערע ראַמען, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט גרינע לאָנקעס, אַן אונטערגייענדיקע זון, וואָס באָדט זיך אין פֿייער, אַ טשערעדע ווייסע שאָף מיט זייער פּאַסטוך, וואָס איז געווען אײַנגאַנצן אַרייַנגעטאָן אין זיין שפּילן אויפֿן לאַנגן פֿייפֿל, — אַפֿילו די בילדער האָבן האַרמאָנירט מיט דער שטילער אומגעבונג.

מיינע אויגן האָבן אויף גיך אַרומגעכאַפּט די מענטשן, וואָס זענען געזעסן ביי די טישלעך. אַ האַנט האָט אַ וויג געטאָן אין דער לופֿטן. איך האָב אים דערקענט פֿונדערווייטנס. ער איז געזעסן איינער אַליין ביי אַ טישל אין אַ ווינקל פֿון דעם גרויסן זאַל.

„אַ גוטן אָוונט!" — האָב איך אים שטיל באַגריסט.

„ביסט טאַקע, הייסט עס, געקומען?" — האָט ער זיך געחידושט.

„עס ווייזט אויס אַזוי", האָב איך געענטפֿערט מיט אַ שמייכל.

„האָסט גאָרניט מורא געהאַט פֿאַר אונדזערע גענגסטערס?"

„איר האָט דען נאָך גענוג געלט אַנצוהאַלטן אייערע מוזיקאַנטן?" — האָב איך אים געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע.

„אַוועקצוהרגענען אַ קאָמוניסט קאָסט ניט קיין סך", האָט ער סאַר־קאַסטיש און מיט הנאה באַטאָנט זיינע ווערטער.

„וויפל ?"

„וויפל עס זאָל ניט קאָסטן, איז עס אַ מציאה", האָט ער שפּאַסיק געענטפערט.

„וואָס קומט אייך אַרויס פון אַוועקהרגענען אַ קאָמוניסט ?"

„ביי אונדז טראַכט מען קיינמאָל ניט, וואָס עס קומט אַרויס", האָט ער פּאַרזיכטיק געציילט זיינע ווערטער. „ביי אונדז טראַכט מען בלויז, וואָס עס קומט אַריין".

„דאָס איז ריכטיק", האָב איך מיט אים איינגעשטימט. „אָבער וואָס געווינט איר פון אַוועקהרגענען איינעם פון אונדז ?"

„מיר האָפן מער ניט צו געווינען", האָט ער מיט גרויס הנאה פון זיין אייגענער קלוגשאַפט געענטפערט. „ביי אונדז איז וויכטיק, אַז א י ר זאָלט פאַרלירן".

„דאָס איז אייער סאָציאַליסטישער ענדגילטיקער ציל ?"

„אַ שאָד אייער מי", האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „איר קענט אונדז ניט איינרעדן, אַז מיר זענען סאָציאַליסטן".

„איר שטרענגט זיך דאָך אָן איינצורעדן דער וועלט, אַז איר זענט יאָ סאָציאַליסטן".

ער האָט זיך צעלאַכט.

„איך האָב געדענקט", האָט ער געזאָגט מיט זיין געוויינטלעכן סאַר־קאַזם, „אַז דו ביסט קליגער געוואָרן. אָבער דו ביסט נאָך אַלץ דער זעלבער".

„איך בין נאָך אַלץ דער זעלבער, אָבער דערפאַר ביסטו אויך נאָך אַלץ דער זעלבער, טשאַרלי".

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. זיינע גרויסע ברוינע אויגן זענען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. מיט די שפּיץ־פינגער פוןביידע הענט האָט ער אַ דריק געטאָן זיינע שלייפן. ער האָט מיט זיינע הענט לאַנגזאַם גע־גלעט זיינע שוואַרצע געקרויזלטע האָר, ביז די פינגער האָבן זיך באַ־געגנט מיט זיין נאַקן.

איך האָב נאָכגעפאָלגט זיינע באַוועגונגען. ער האָט אַריינגעלייגט זיינע גראָבע פינגער אין זיינע קאַמזויל־קעשענקעלעך, האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אין אַנלען פון בענקל און האָט איבערצייגנדיק ערנסט־שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

„ניין... מאַכסט אַ טעות... איך בין מער ניט דער זעלבער טשאַר־לי... ניין, ניט דער זעלביקער".

דער קעלנער איז צוגעקומען צו אונדזער טיש. מיר האָבן באַשטעלט עסן און אַ פֿלעשל ווײַן.

איך האָב אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. איך האָב באַשלאָסן אים פֿרעגן וועגן וואָס אײגנטלעך ער האָט געוואָלט רעדן מיט מיר.

ער האָט באַמערקט מײַן אומגעדולד, און ער האָט מיך אַ פֿרעג געטאָן:
„ביסט פֿאַרנומען?"

„ניין", האָב איך געענטפֿערט, „אָבער"...

„אָבער ביסט גלאָט נײַגעריק צו וויסן, פֿאַרוואָס איך האָב דיך פֿלו־צים געבעטן זאָלסט זיך טרעפֿן מיט מיר".

איך האָב ניט געלייקנט.

„איך וויל, אַז דו זאָלסט פֿאַרגעסן היינט אָוונט, אַז מיר זענען פֿאַרבי־סענע פּאָליטישע קעגנער", האָט זיך טשאַרלי געווענדט צו מיר. „פֿאַרגעס, אַז מיר זענען ביטערע שונאים. איך וויל מיט דיר רעדן פֿרײַ און אָפֿנ־האַרציק, פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען אמתע גוטע פֿרײַנט".

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ בײַסנדיקן געלעכטער.

ער האָט גיך, כּמעט ווי מעכאַניש אָפּגעהאַקט זײַן געלעכטער, און פֿאַרגעזעצט מיט אויפֿריכטיקן ערנסט.

„איך וויל", האָט ער געזאָגט אין אַ פֿרײַנטלעכן טאָן, „אַז דו זאָלסט מיר געבן דײַן וואָרט, אַז אונדזער געשפּרעך וועט בלײַבן צווישן אונדז, און דו וועסט ניט פֿאַרעפֿנטלעכן קיין איין וואָרט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אָן מײַן דערלויבעניש".

„אַזוי וויכטיק איז דאָס, וואָס דו האָסט בדעה מיר צו זאָגן?" — האָב איך אים געפֿרעגט מיט פֿאַרוואונדערונג.

„ניין, חלילה", האָט ער געענטפֿערט. „קענסט אויף דעם ניט קריגן אַפֿילו קיין איין סענט אין פּאָון־שאָפּ".

„טאָ וואָס אַרט דיך, אויב איך וועל דאָס פֿאַרעפֿנטלעכן?"

„ווײַל", האָט ער געזאָגט פֿילאָזאָפֿיש, „ווײַל איך האָב פֿײַנט צו זײַן אַ העלד, און האָב נאָך מער פֿײַנט צו זײַן אַ מאַרטירער. איך האָס פּוב־ליסיטי".

„אַז דו ביסט אַ באַשיידענער מענטש, ווייס איך שוין פֿון לאַנג", האָב איך געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט אים כּמעט ווי אויפֿגערעגט. „לאָמיר אָננעמען, אַז איך גלויב דיר, אַז דו ווילסט ניט זײַן קיין העלד, און אויך ניט קיין מאַרטירער. אָבער", האָב איך פֿאַרגעזעצט, „קענסט מיר אפֿשר פֿאַרטרויען, וואָס דו וואָלסט יאָ געוואָלט זײַן?"

„יאָ, אָבער צוערשט מוזטו מיר צוזאָגן, אַז אונדזער געשפּרעך וועט בלײַבן בײַ דיר".

איך האָב איינגעשטימט. ער איז געוואָרן פֿריינטלעכער.

„באַשטייסטו נאָך אַלץ, אַז איך זאָל דיר אָנפֿאַרטרויען, וואָס איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט זיין?"

„יאָ, עס איז אינטערעסאַנט".

ער האָט אָוועקגערוקט זיין אויסגעליידיקט טעפּל קאַווע, און האָט כמעט ווי מיט אויפֿרעגונג געזאָגט קאַלט און אַנטשלאָסן:

„בלויז איין שעה צייט וואָלט איך געוואָלט דערלעבן צו זיין אין אַ סאָוועטן־אַמעריקע און צו זען ווי מיינע איצטיקע פֿריינט וועלן זיך פֿילן".

איך בין געבליבן זיצן אַ דערשטוינטער.

„יאָ", האָט ער פֿאַרגעזעצט, „בלויז איין שעה, און דערנאָך וואָלט איך דיר מוחל געווען די גליקן פֿון דער רעוואָלוציע".

„ביסט מיט אַלעמען, טשאַרלי?"

„איך בין קיינמאָל ניט געווען אַזוי געזונט אויף מיינע חושים, ווי איך בין איצט".

„אויב אַזוי, הויב איך ניט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס דו רעדסט. סיידן דו ווילסט מיר לאָזן וויסן, אַז דו ווילסט אויספֿילן אַן אַפּליקאַציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

„ניין, ביי דעם האַלט עס ניט. פֿאַרליבט אין אייך בין איך נאָך אַלץ ניט. אָבער קיין שונא בין איך אייך אויך ניט".

„וו־אָ־ס?!"

„איבערראַשט? האַ?" האָט ער געזאָגט מיט אַ וואוילויגערישן טאָן, וואָס האָט גלייכצייטיק אויסגעדריקט טיפֿע צופֿרידנקייט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

עס האָט זיך מיר זייער שטאַרק געוואָלט גלויבן, אַז ער זאָגט דעם אמת. זיין גאַנצע האַלטונג, זיין ערנסטקייט האָט מיך כמעט ווי איבער־צייגט, אַז ער זאָגט דעם אמת. אָבער איך האָב דאָך ניט געגלויבט, אַז ער, טשאַרלי, דער ערגסטער ציניקער אין גאַנצן בינטל אָנפֿירער פֿון דער רעכטער פֿאַריערס־יוניאָן; ער, דער ברוטאַלסטער שונא אונדזערער, וואָס שטאַלצירט מיט זיין האַס צו אונדז, און באַהאַלט ניט זיין פֿאַראַכטונג צו די מאַסן, וועמען ער האָט שטענדיק גערופֿן די „מאַישעס", — אַז ער איז פֿעאיק צו רעדן אמתע רייד.

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי ער פֿלעגט שטענדיק זאָגן, אַז דער בעסטער קאָמוניסט איז אַ טויטער קאָמוניסט, און איך האָב באַשלאָסן, אַז עס איז אוממעגלעך צו גלויבן אים.

„נו, ביסט גרייט אויף אַ צווייטער איבערראַשונג?" — האָט ער איבער־געשלאָגן די שטילקייט.

„אָבער זאָג מיר עפּעס אַזוינס, וואָס איך זאָל דיר קענען גלויבן", האָב איך שאַרף אויסגערעדט.

„איך וועל אינגיכן רעזיגנירן פֿון מיין אַמט אַלס מענעדזשער פֿון דער יוניאָן. ווילסט איבערנעמען דאָס קלייזל ?"

איך בין געוואָרן צעטומלט. אויף דעם האָב איך זיך ניט געריכט.

„נו, און וואוהין וועסטו גיין ?" — האָב איך שטיל געפֿרעגט צו באַ־האַלטן מיין צעטומלטקייט.

ער האָט לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן זיין גלאָז ווײַן און מיט פּראַסטיקער גלייכגילטיקייט אָ זופּ געטאָן.

איך האָב באַמערקט, אַז זיין גלייכגילטיקייט איז אַן אָנשטעל. איך בין געווען זיכער, אַז אינעווייניק אין זיין מוח און האַרץ ברויזט אַ שריפֿה.

„וואוהין איך וועל גיין ?" — האָט ער אַרויסגערעדט כמעט מעכאַניש.

„ווען איך בין געווען אַ יונגער בחור", האָט ער פֿאַרגעזעצט אין אַ רואיקן טאָן, גלייך ווי ער וואָלט געלייענט אַ בוך, „בין איך איינמאָל פֿאַרבלאָנ־דזשעט געוואָרן אין אַ גרויסן און געדיכטן וואַלד. איך האָב ניט באַמערקט, אַז איך בין אַרונטער פֿון דעם שמאָלן וועג. די טיפֿע סודותדיקע שטיל־קייט אין וואַלד האָט אויף מיר אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד. די מאָדנע צוויטשע־רייען פֿון די פֿייגל האָבן מיך געשראָקן. דער געדאַנק, אַז איך קען ניט געפֿינען דעם גלייכן וועג, וואָס פֿירט אַרויס פֿון וואַלד, האָט אויף מיר אָנגעוואָרפֿן אַ מורא".

„ווי אַזוי האָסטו זיך אַרויסגעראַטעוועט ?"

„ווי אַזוי ? מיין אינסטינקט הפּנים. איין זייט וואַלד איז געווען אייַנ־געהילט אין אַ געדיכטער פֿינצטערניש. איך האָב געטראַכט, אַז דאָרטן מוזן זיך אויפֿהאַלטן שלענג און וועלף, און עס מוזן דאָרטן זיין זומפּן. האָב איך זיך פֿאַרקירעוועט אין אַ זייט, וואו די זון האָט אַריינגעגאָסן אַ ביסל ליכט, ביז איך האָב געפֿונען דעם וועג".

„נו, טשאַרלי, האָסטו דאָך דיין ענטפֿער וואוהין צו גיין".

„גיין, צו שפּעט"...

ער האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

„חבר", האָט טשאַרלי פּלוצים זיך געווענדעט צו מיר מיט אַן אויפֿ־געלעבטן און מונטערן טאָן, „זאָלסט ניט מיינען, אַז איך אַנטלויף פֿון שלאַכטפֿעלד, ווייל איך האָב מורא פֿאַר אייך. ניין, ניט איר, מיינע שונאים, פֿאַרטרייבט מיך".

„ווער דען ?"

„מיינע פֿריינט, מיינע אייגענע גענאָסן. אַך, ווי מיך עקלט פֿון זיי", האָט טשאַרלי אַרויסגעזאָגט די ווערטער פֿול מיט האַס און ווייטאָג.

מיין איבערראַשונג איז געוואַקסן. איך האָב שטענדיק געוואוסט, אַז צווישן טשאַרלין און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער פלאַקערט ניט קיין ליבע. אָבער, אַז עס האָט דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלן.

„ווער צווינגט דיך אָנצוהאַלטן מיט זיי דיינע פאַרבינדונגען?" — האָב איך אים געפרעגט מיט פריינטלעכן פאָרוואורף.

„דיר איז גרינג צו רעדן אַזוי שיין און אַזוי בראַוו", האָט ער גע־שמייכלט. „דו ביסט איינער פון די גליקלעכע. האָסט מיט זיי קיין פאַר־בינדונגען ניט געהאַט. אָבער איך... צוואַנציק יאָר! פאַרשטייסט, צוואַנ־ציק יאָר שטיי איך איבערן גאַרטל אין שמוץ".

„האָסט דאָס ערשט אַנטדעקט?"

„ניין", האָט ער אויסגעשריגן מיט פראָטעסט. „איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז מיינע גענאָסן אַרבעטער־פירער, מיט זייער ווייניק אויסנאַמען, זענען שוידערלעכע שאַרלאַטאַנעס און פשוטע באַנדיטן".

טשאַרליס לעצטע ווערטער זענען געווען אָנגעלאָדן מיט צאָרן.

„דאַך גייסטו מיט זיי האַנט־אין־האַנט, און ביסט אַן אָפיציעלער שותף צו אַלע זייערע טאַטן".

„ווער, איך?" — האָט טשאַרלי געזאָגט מיט גאַל. „איך", האָט ער פאַרגעזעצט, „בין אין 'פאָרווערטס' פאַרהאַסט, ווייל זיי ווייסן, וואָס איך דענק וועגן זיי. איך האָב אָפגעשניטן אַלע פאַרבינדונגען מיט זיי. איך מאַך אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך זיך אַרויסצוראַטעווען פון דאָרטן".

איצט איז שוין ביי מיר ניט געבליבן דער מינדסטער צווייפל, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט איז אמת.

„פאַרשטייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ מענטשן זיי זענען", איז זיין שטים געוואָרן אַלץ שאַרפער. „אַלע, אַלע, פון זייערע אַלטע גרענדע־פירער ביז דעם שיק־אינגל ערגעץ אין אַ רעכטער יוניאָן, אַלע האָדעווען זיי זיך אויף שנאה און ווערן צעפרעסן פון קנאה. איינער טרויעט ניט דעם צווייטן. יעדער איינער זוכט צו באַגראָבן דעם צווייטן. אַזוי איז דאָס אין 'פאָרווערטס', אין אַרבעטער־רינג, אין זייערע יוניאָנס, און אומעטום, וואו זיי רעגירן".

„טשאַרלי, איך ווייס עס, ביי מיר איז דאָס ניט קיין נייעס", האָב איך גערעדט צו אים מיט אויפריכטיקער פריינטשאַפט. „וואָס דענקסטו צו טאָן וועגן דעם?"

„עס דאַכט זיך דיר, אַז דו ווייסט", האָט ער מיר איבערגעשלאָגן. „איך קען יעדן איינעם פון זיי פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר. דו קענסט

זיי פֿונדערווייטנס. אַ בוך וואָלט איך געקענט אָנשרייבן וועגן די מענטשן, וואָס זענען באַוואוסט אַלס די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פֿירער. עס וואָלט אויפֿגעריסן די פֿינצטערע ׳מאַישעס׳, וואָס גייען זיי נאָך ווי בלינדע שאָף״.

„נו, פֿאַרוואָס שרייבסטו ניט?״

ער האָט ניט געענטפֿערט. מיר האָבן באַשטעלט נאָך קאַווע.

ער האָט פֿאַרגעזעצט: „איך האָב ניט קיין איין פֿריינט, מיט וועמען איך זאָל זיך דורכרעדן. איך שלינג אַלץ אין זיך, איך פֿיל, אַז איך ווער צעזעצט. די חוצפּה פֿון די שאַרלאַטאַנעס איז ניט איבערצוטראָגן. ווען ניט זיי, וואָלט ניט געקומען צו דער טראַגישער שפּאַלטונג אין די נאָדל־טרעיד־יוניאָנס, און מיר וואָלטן זיך ניט געשלאָגן אין די גאַסן״, האָט ער געזאָגט מיט ווייטאָג. „ווען ניט זיי, וואָלט ניט עקזיסטירט די עקלדיקע אָרגאַניזירטע קעגנערשאַפֿט צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד״.

„איז דען קיינער אין זייערע רייען ניט ערלעך גענוג אַרויסצוטרעטן קעגן זיי״ — האָב איך געפֿרעגט.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט גיפֿטיקן סאַרקאַזם: „זיי זענען כּמעט אַלע ווי פֿון איין שטיק געשניטן. די גענאָסן מיינע זענען כּמעט אַלע פֿאַר־אינטערעסירט אין איין זאַך: אין די אַמעריקאַנער ׳גרינע פּרינציפּן׳. דאָס איז זייער מאַרקסיזם. די גאָר גרויסע גענאָסן זענען שמאַל־קעפּיקע עגאָאיסטן און זענען פּעאיק אויף דעם ערגסטן צוליב אַ טראָפּן כּבוד און מאַכט. אויב עס זענען פֿאַראַן עטלעכע, וואָס מען קען זיי אָנרופֿן אָנ־שטענדיקע, וואָגן זיי פּשוט ניט. זיי האָבן מורא פֿאַר דער אָרגאַניזירטער מאַשין. האַלט מען ס׳מויל״.

„דאָס ביסטו געוויס גערעכט. נעם זיך אַלס ביישפּיל״, האָב איך גע־זאָגט מיט פֿריינטלעכער ערנסטקייט. „רופֿסט מיך, דיינעם אַ ביטערן קעגנער, זיך אָפּצורעדן פֿון האַרצן. דערמיט ווערסטו מסתּמא יוצא זיין. נאָך אַלעמען, טשאַרלי, פֿון דעם קומט קיינעם גאָרניט אַרויס״.

„דו מיט דיינע חברים קענט דאָס ניט באַגרייפֿן. דער געפֿיל, אַז כ׳האָב צוואַנציק יאָר געלעבט אַ נבֿזהדיק לעבן, ברענט מיך ווי אַ בראַנד־וואונד״, האָט ער געזאָגט מיט ווייטאָג.

„עס איז ניט אַזוי שווער צו פֿאַרשטיין״.

„ניין, דאָס דאַרף מען דורכלעבן. כאַפּסט זיך פּלוצים, אַז האָסט פֿיינט די גאַנצע וועלט. פֿילסט, ווי ביסט געבליבן איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע און אַלץ זענען דיר מיאוס, שרעקלעך מיאוס״.

„אָבער זיך אַליין האָסטו נאָך אַלץ ליב?״

„ניין, מאַכסט אַ טעות. זעסט ווי דו קענסט ניט באַגרייפֿן די לאַגע פֿון אַזאַ איינעם ווי איך", האָט ער מיר טריאומפֿירנדיק געענטפֿערט.

„באַטראַכט נאָר", האָט ער פֿאַרגעזעצט רואיק, „פּלוצים בין איך געוואָרן אַ שונא פֿון די באָלשעוויקעס. און איך האָב פֿיינט געהאַט דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די קאָמוניסטן און לינקע איבער דער גאַנצער וועלט האָב איך אויך געהאַסט. און די קאָמוניסטן און לינקע אין אַמעריקע האָב איך נאָך מער געהאַסט. און די אַרבעטער, וואָס פֿאָלגן נאָך די קאָמוניסטן, האָב איך פֿיינט געהאַט. און יעדן, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ גוט וואָרט פֿאַר די קאָמוניסטן און פֿאַר דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, האָב איך אויך פֿיינט געהאַט. איך בין אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי מיט האַס אין מיין האַרץ, און איך האָב זיך געלייגט שלאָפֿן מיטן זעלבן האַס. פֿיינטשאַפֿט, גליענדיקע שנאה, איז פֿון מיר קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן. דער געפֿיל פֿון שנאה איז געוואָרן אַ טייל פֿון מיר, און האָט מיך ביסלעכווייז פֿאַרשלונגען. איך בין געוואָרן אַ מעכאַנישער האַסער. קיינעם האָב איך ניט ליב געהאַט. פֿאַרשטייסט, וואָס דאָס מיינט?" — האָט ער געזאָגט מיט אַ צעקרימטן שמייכל.

„עס איז אינטערעסאַנט, טשאַרלי, אויסצוגעפֿינען וואָס פּלוצים האָט דיך באַוואויגן צו רעווידירן דיין גאַנצן לעבנס־גאַנג".

„עס איז ניט אַזוי גרינג צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע. אַ קליינער שוואַרצער פֿלעק אויפֿן הימל איז אָפֿט דער אָנזאָג פֿון אַ שטורעם. פֿאַר די לעצטע פֿאַר יאָר איז אונדזער יוניאָן אַ משוגעים־הויז. די פֿירער זענען צעשפּאָלטן און קעמפֿן פֿאַר מאַכט. די מענטשן, וואָס רינגלען אונדז אַרום, זענען דער אָפּפֿאַל. זייער ווייניק אַרבעטער קומען צו אונדז. אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז כּמעט די זעלבע לאַגע. אין די אַנדערע יוניאָנס, וואו מען האָט אויסגעשלאָסן די קאָמוניסטן און לינקע, איז די זעלבע לאַגע. עס איז אַ חורבן אין אונדזערע רייען. אומעטום רייסן זיך די קליקעס אַרום צווישן זיך. אומעטום אינטריגעס. מען חנפֿעט און מען אינטריגירט".

„און זיי, הייסט עס, לערנען דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווי אַזוי איינצופֿירן סאָציאַליזם?" — האָב איך אים אונטערבראָכן.

„טאַקע אין דעם ליגט דאָך די טראַגעדיע!" — האָט ער גיך געענטפֿערט. „גלויב מיר, אַז אָפֿט טראַכט איך, אַז עס וואָלט געווען נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע, ווען מיר וואָלטן געוואונען דעם קאַמף. עס שרעקט מיך דער געדאַנק וועגן דעם. שטעל זיך פֿאָר, וואָס עס וואָלט פֿאַרגעקומען, ווען עס וואָלט אונדז געלונגען צו פֿאַרניכטן אַלע קאָמוניסטן און אַלע

לינקע, און מיר וואָלטן געוואָרן די איינציקע הערשנדיקע מאַכט אין דער אַרבעטער באַוועגונג״.

„זאָרג ניט״, האָב איך אים באַרואיקט, „עס וועט צו דעם ניט קומען״.

„איך האָף אַזוי. יעדנפאַלס, מיין הילף קענען זיי מער ניט קריגן״, האָט ער מיך פאַרזיכערט.

„אָבער האָסט מיר נאָך אַלץ ניט דערקלערט, ווי אַזוי דו דענקסט אויסצוצאָלן די אַרבעטער די חובות פאַר דיינע זינד?״

„דיינע פאַריערס״, האָט ער געענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטער, „האָבן זיך מיט מיר אָפּגערעכנט אין איין אָוונט. ביי איין פאַרזאַמלונג האָבן די אַרבעטער מיר באַצאָלט מיט פראַצענט״.

„איך האָב גוט געוואוסט, וועגן וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג ער רעדט. דאָך האָב איך אַ פרעג געטאָן, וואָס אייגנטלעך ער האָט אין זינען.

„וואָס איך מיין? די וועבסטער־האָל פאַרזאַמלונג! געדענקסט, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון זאַל? האָסט דאָך געזען, ווי די פאַריערס האָבן געשפיגן אויף מיר... איך האָב געשפאַנט פּאַמעלעך, און אויף יעדן שפאַן האָט מיך באַגעגנט אַ שפיי אין פנים. מיינסט אפשר, אַז איך בין געווען בייז אויף די שפייער? ניין״, האָט טשאַרלי געזאָגט. „ביי זיך האָב איך געוואוסט, אַז איך האָב דאָס כשר פאַרדינט, און אַז זיי שפייען ניט נאָר אין מיין פנים, נאָר אין דעם פנים פון דעם גאַנצן רעכטן געזינדל״.

„ביסט שוין צופרידן? האָסטו שוין, הייסט עס, באַצאָלט פאַר אַלע דיינע זינד? נו, און איצט? וואָס דענקסטו צו טאָן?״

ער האָט מיט זיינע דינע און לאַנגע פינגער אַרומגענומען דאָס וויין־גלעזל, האָט אַריינגעקוקט אין גלעזל, ווי ער וואָלט געזוכט אַרויסצולייענען פון דאָרט אַן ענטפער.

זיין דין, בלאַס פנים איז נאָך בלאַסער געוואָרן. זיין שפּיציקע נאָז האָט אויסגעזען נאָך שפּיציקער. זיינע גרויסע ברוינע אויגן זענען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט טרויער. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב אין זיי באַמערקט טרערן.

עס האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרץ. דאָס ערשטע מאָל האָט מיר ווי געטאָן פאַר אים. איך האָב דערפילט אַ נאָענטקייט צו אים. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז איך בין געקומען באַגעגענען אַ קעגנער, אַ שונא, איינעם פון די רעכטע פאַרביסענע און פאַרעקשנטע קעמפער קעגן אונדז, און איך האָב געפונען אַן אייגענעם, אַ פריינט, — אַ מידן און פאַרצווייפלטן פריינט.

„ווילסטו, הייסט עס, אין איין אָונט טאָקע אַלץ וויסן? איך האָב, דאַכט זיך, גענוג אָנגעפּלוידערט אין דריי שטונדן", האָט ער שטיל געזאָגט. „מיר וועלן זיך נאָך אפשר באַגעגענען. איך וועל דיך רופן", האָט ער צוגעלייגט. „פאַר היינט איז גענוג. לאָמיר גיין".

— —

אָבער איך האָב טשאַרלין מער ניט באַגעגנט... ער האָט מיך מער ניט גערופן... ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך איינאָטעמען גאַז.

דער וואַקלער

ווען היטלער האָט אָנגעהויבן שאַלטעווען איבער דייטשלאַנד, האָט שאַיקע אָפּטימיסט דערפֿילט, ווי ער וואָלט פּלוצים פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער זיינע פֿיס.

ווען שאַיקע איז יענעם פֿרימאָרגן צוגעקומען צום שאַפּ, זענען אים די אַרבעטער באַפֿאַלן מיט אַן אַ שיעור פֿראַגן.

„נו, שאַיקע, וואָס זאָגסטו עפּעס וועגן דעם אומגליק?" — האָט פֿייוויש דער פּרעסער גערעדט צו שאַיקען אויף זיין באַסאָוועր שטים.

ווי שטענדיק, ווען שאַיקע איז אויפֿגערעגט, האָבן זיינע שוואַרצע אויגן געגלאַנצט, ווי מען וואָלט זיי אָפּגעפּוצט, און זיין גראָבער גאָרגל־קנאָפּ, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרטשעט, ווי מען וואָלט אונטער זיין הויט אונטערגעלייגט אַן עפּל, האָט זיך ריטמיש באַוואויגן אַרויף און אַראָפּ.

„כ'האָב דיר שטענדיק געזאָגט, אַז דיינע סאָציאַליסטן אין דייטש־לאַנד זענען ווייך־לייביק. נאַ, זע, — האָט פֿייוויש אַ פּאַטש געטאָן מיט זיין גרויסער האַנט איבער דער מאָרגן־צייטונג, וואו די נייעס וועגן היטלערס מאַכט־פֿאַרכאַפּונג איז געווען באַריכטעט מיט פֿעטע בוכשטאַבן.

„אין בערלין קען אַזאַ אומגליק פּאַסירן, נאָר ניט אין מאָסקווע", האָט זעליג דער גאַליציאַנער זיך אַריינגעריסן אין פֿייווישעס רייד. „אין מאָסק־ווע פֿאַרכאַפּט מען ניט די מאַכט", האָט זעליג געשריגן. „דאָרטן דער־לאַנגט מען איבער די הענט. אמת, שאַיקע?"

זעלדע די פֿינישערין האָט זיך אַריינגעמישט און מוטערלעך גע־שטראָפֿט די אַרבעטער:

„וואָס ווילט איר פֿון שאַיקען?" — האָט זי גוטמוטיק גערעדט. „עס איז זיין שולד? ווען עס ווענדט זיך אָן אים, וואָלט היטלער געהאָנגען ביי אונדז אינמיטן שאַפּ".

„עס רעדט זיך נאָר אַזוי", האָט פֿייווישעס באַסאָווע שטים אַ זעץ געטאָן ווי אַ שווערער האַמער איבער דער ווייכער ערד. „שאַיקע איז אַ

ווייכער מענטש, מיט אַ סאַמעטענעם אונטערשלאַק, ווי יענע דאָרט אין בערלין".

„עפּעס גלויבט זיך מיר ניט די גאַנצע מעשׂה!" — האָט מעקס דער סעמפּל־מאַכער געזאָגט מיט פֿאַרצווייפֿלונג. „עס גלויבט זיך מיר ניט, אַז די סאָציאַליסטן און די קאָמוניסטן וועלן דערלאָזן, אַז דער נאַצי זאָל מיר־ניט דיר־ניט פֿאַרנעמען די מאַכט. עס איז דאָך עפּעס פֿאָרט דייטשלאַנד, ווי מיינסטו, שאַיקע?"

שאַיקע האָט געשוויגן. ער האָט ניט געקענט געפֿינען קיין ווערטער. ער, דער געלאַסענער שאַיקע, וואָס איז פֿון קליינערהייט אָן געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז פֿיל יאָרן געווען אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און האָט שטענדיק געקענט „באַלויכטן" אַלע וועלט פּאַסירונגען פֿונם סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, — ער האָט פּלוצים פֿאַרלוירן דאָס לשון. דער אומגליק האָט אים געשניטן ביז וויטאָג.

אין שאַפּ ביי דער אַרבעט איז שאַיקע צום ערשטן מאָל אין פֿיל יאָרן געווען צעטומלט. די הענט האָבן זיך אים ניט געלייגט צו דער אַרבעט. די מאַשין, וואָס פֿלעגט אים שטענדיק פֿאָלגן אויפֿן וואונק און פֿלעגט זינגען אונטער זיינע הענט, האָט זיך פּלוצים צעבונטעוועט. אַלעמאָל האָבן זיך די פֿעדים איבערגעריסן. שאַיקען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פּלוצים האָט ער פֿאַרלוירן זיין גענויקייט אָפּצולאָזן אַ גלייכע נאָט אָן אַ פּשטעל. עס איז אים שווער געווען צו געפֿינען זיין שערל, וואָס פֿלעגט שטענדיק ליגן גרייט פֿאַר זיינע אויגן און וואַרטן מיט אָפֿענע אויגן אויף זיינע פֿלינקע פֿינגער. די אַרבעט איז געפֿאַלן פֿון זיינע נערוועזע הענט.

שאַיקען האָט וויי געטאָן די אומגליקלעכע געשעעניש אין דייטשלאַנד. אויף דעם האָט ער זיך אינגאַנצן ניט געריכט. ער איז געווען זיכער, אַז די דייטשישע אַרבעטער־באַוועגונג מיט אירע גרויסע סאָציאַליסטישע פֿירער וועט ניט דערלאָזן צו אַזאַ אומגליק.

שאַיקע האָט געטראַכט, אַז די רייד פֿון די אַרבעטער אין שאַפּ זענען בלויז אַן אָנהויב. דאָס ריכטיקע געדיכטע וועט ערשט קומען אינדערהיים, ווען זיין ווייב אסתּר, די קאָמוניסטקע, וועט זיך נעמען איינטענהן מיט אים.

אמת, זיין אסתּר ווייסט, האָט שאַיקע געטראַכט, אַז ער איז שוין לאַנג ניט קיין מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אסתּר ווייסט, אַז ער, שאַיקע, האָט רעזיגנירט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דעמאָלט, ווען מאָריס הילקוויט, דער מעכטיקער פּאַרטיי־פֿירער, האָט אָנגעקלאָגט אין אַמעריקאַנער געריכט די סאָוועטישע רעגירונג, אַז זי האָט אומגעזעצלעך פֿאַרכאַפּט די אויל־קוואַלן, וואָס זענען געווען דאָס פּריוואַט־אייגנטום פֿון די צאַרישע קאַפּיטאַליסטן.

דעמאָלט נאָך, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ שטעלונג קעגן הילקוויטן און האָט מיט איר שוויַיגן פּאַקטיש געגעבן איר צושטימונג צו הילקוויטס שאַנד־טאַט, האָט שאַיקע אויס פּראָטעסט רעזיגנירט פֿון דער פּאַרטיי.

אסתּר ווייסט אויך, האָט שאַיקע געטראַכט, אַז ער איז פֿון די סאָציאַליסטן, וואָס באַטראַכטן דעם אויפֿקום פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַלס די גרעסטע דערגרייכונג אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט.

דאָך האָט שאַיקע געוואוסט, אַז זיין אסתּר, די ענערגישע קאָמוניסטישע טוערין, קוקט אויף אים ווי אויף אַ שוואַכלינג. עס קלינגט אים נאָך איצט אין זיינע אויערן דער ביטערער פֿאַרוואורף, וואָס אסתּר האָט אים געמאַכט אין זייער לעצטן געשפּרעך.

„ס'איז אַרויסגעוואָרפֿענע רייד", האָט זיין אסתּר אַן אויפֿגערעגטע צו אים געטענהט. „דו, שאַיקע, האָסט געזשאָוועט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל דו האָסט פּשוט ניט געהאַט גענוג מוט אַרויסצוקריכן פֿון דאָרט. איצט, ווען דו ביסט שוין ענדלעך אַוועק פֿון דאָרטן, ביסטו געבליבן שטעקן אינמיטן, און האָסט ניט קיין מוט אַריינצוגיין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואו דו באַלאַנגסט. שטיי, שטיי, שאַיקע, געזונטערהייט אין דעם גאָלדענעם מיטן. זאָל דיר וואויל באַקומען דיין פּראַקטישע נייטראַליטעט. זאָלן אַנדערע טאָן פֿאַר דיר די אַרבעט"...

זיין אסתּרס סאַרקאַסטישע רייד האָבן אים לאַנג, זייער לאַנג ווי געטאָן. ערשט איצט פֿילט ער נאָך טיפֿער דעם וויטאָג פֿון זיין אסתּרס שאַרפֿע רייד. איצט, האָט שאַיקע געטראַכט, מוז ער נעמען אַ שטעלונג. דער באַנקראָט פֿון דער מעכטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד טאָר מער ניט פֿאַרשוויגן ווערן.

יאָ, האָט שאַיקע געטראַכט, אסתּר איז גערעכט, אַז דערמיט וואָס ער און אַנדערע ווי ער שטייען אינמיטן, העלפֿן זיי פֿאַרדעקן דעם באַנקראָט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און שוואַכן אָפּ די גרויסע היסטאָרישע אַרבעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„לענגער וואָרט איך ניט. מער שטיי איך ניט אינמיטן!" — האָט שאַיקע פֿעסט באַשלאָסן. „איצט איז די צייט".

* * *

ווען שאַיקע איז אַהיים געקומען, און אסתּר האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט זי זיך דערשראָקן. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די פּאָליטישע איבערקערעניש אין דייטשלאַנד האָט שאַיקען זייער שווער געטראָפֿן. זי האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז זי וועט ניט שיטן קיין זאַלץ אויף זיינע וואונדן.

„פֿילסט ניט גוט, שאַיקע ?" — האָט אים אסתּר צערטלעך געפֿרעגט.

„דער אומגליק אין דייטשלאַנד האָט מיך צעבראָכן !" — האָט שאַיקע געענטפֿערט.

„מיט דעם וואָס מען ערגערט זיך קען מען ניט באַקעמפֿן די נאַצישע באַנדיטן".

„איך ווייס דאָס, אסתּר, אָבער עס טוט וויי".

„עס איז ניט זיכער, אַז עס וועט היטלערן געלינגען. נאָך אַלעמען איז דאָך דייטשלאַנד ניט איטאַליע".

„איך טראַכט אויך אַזוי, אסתּר. דער דייטשישער אַרבעטער־קלאַס איז דאָך עפּעס דערצויגן געוואָרן פֿון בעבעל און קאַוטסקי און"...

„און שיידעמאַן, און נאָסקע, און צערגיבעל"... האָט אים אסתּר אַרויסגעהאָלפֿן.

„אסתּר", האָט שאַיקע זיך געבעטן, „ניט היינט, איך בעט דיך. אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך געמאַטערט. איך האָב פּשוט ניט געקענט אַרבעטן פֿון ווייטאָג. דערמאָן מיר ניט שיידעמאַנען מיט נאָסקען, איך בעט דיך. איך זע אַליין, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט זייער פֿירערשאַפֿט".

אסתּר איז גערירט געוואָרן פֿון איר שאַיקעס רייד. עס האָט איר ווי געטאָן פֿאַר איר שאַיקען.

„דיר איז גוט, אסתּר", האָט שאַיקע מיט ווייטאָג פֿאַרגעזיפֿצט. „דו ביסט ניט געווען פֿאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַזוי פֿיל יאָרן ווי איך. דיר איז אָנגעקומען גרינג. אָבער מיר איז עס ניט אַזוי גרינג".

אַ וואַרעמע פֿרייד האָט אַרומגעכאַפּט אסתּרן. אַזעלכע ערנסטע און אָפֿנהאַרציקע רייד האָט זיך קיינמאָל ניט געהערט פֿון איר שאַיקען. זי האָט דערפֿילט, אַז איר שאַיקע איז אויפֿן ריכטיקן וועג.

אָך, ווי גוט עס וועט איר זיין ! ביידע, זי און שאַיקע, וועלן באַלאַנגען צו איין פּאַרטיי, צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. זיי וועלן צוזאַמען גיין צו די פֿאַרזאַמלונגען, לייענען צוזאַמען, און אירע פֿריינט וועלן זיין אויך זיינע.

ענדלעך, האָט אסתּר מיט פֿרייד געטראַכט, וועט זייער צוזאַמענלעבן ניט געשטערט ווערן פֿון זייערע פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן. ענדלעך וועלן אירע פֿריינט זי מער ניט שטעכן מיט זייערע פֿראַגן : „אסתּר, ווי קומט עס, פֿרעמדע קענסטו איבערצייגן, נאָר דיין אייגענעם מאַן קענסטו ניט איבערגעווינען ?"

איצט, בלויז געדולד, — האָט אסתּר באַשלאָסן. ער וועט שוין לאַנג ניט שטיין אינמיטן.

* * *

שאַיקע האָט געשלונגען יעדעס ברעקל נייעס וועגן דייטשלאַנד. ער האָט באַוואונדערט דעם רעוואָלוציאָנערן מוט און די אויסגעהאַלטנקייט פון חבר דימיטראָוו. אסתר האָט מיט טיפער צופרידנקייט געהערט איר שאַיקעס באַגייסטערטע שילדערונגען וועגן דימיטראָווס מוטיקן קאַמף. זי פלעגט אויפגעציטערט ווערן, ווען שאַיקע פלעגט מיט זיכערקייט דערקלערן, אַז בלויז אין דער לעגין־פּאַרטיי ווערן דערצויגן אַזעלכע גרויסע פאָלקס־העלדן, ווי דימיטראָוו און טעלמאַן. זי איז געווען זיכער, אַז באַלד־באַלד וועט שאַיקע ווערן חבר שאַיקע. ער איז איר נענטער און טייערער געוואָרן. זי האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן איבערלעבן די וואַרעמע געפילן, ווען זי האָט זיך פאַרליבט אין שאַיקען. עס איז איר גוט געווען, וואָס איר גליקלעך לעבן וועט זיך באַלד אויסברייטערן.

אָבער ווען עס זענען אַוועק וואָכן און חדשים און שאַיקע איז נאָך אַלץ געבליבן אויסער דער פּאַרטיי, האָט זי פאַרלוירן איר געדולד און איז צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל איר דערקלערן פאַרוואָס ער ווערט ניט קיין מיטגליד אין דער פּאַרטיי.

„איך האָב דיר שטענדיק געזאָגט דעם אמת", האָט שאַיקע געענט־פערט אסתרן, „און איך וועל פאַר דיר אויך איצט ניט פאַרלייקענען קיין זאַך.

„פון איין זייט", האָט שאַיקע געזאָגט מיט איבערצייגנדיקער אויפ־ריכטיקייט, „באַוואונדער איך דעם מוט און די ציל־באַוואוסטזיניקייט פון די קאָמוניסטן, זייערע אָרגאַניזיר פעאיקייטן, און איך פאַרמאָג ניט גענוג ווערטער אויסצודריקן מיין טיפע באַוואונדערונג פאַר די קאָמוניס־טישע פירער. אָבער פון דער צווייטער זייט, אסתר, בין איך ניט גרייט צו פאַרדאַמען די סאָציאַליסטן, כאָטש איך ווייס, אַז זיי האָבן זיך פאַר־נומען אויף פאַלשע וועגן. ערשט איצט קען מען זען, אַז עס איז געווען אַ שרעקלעכע ריזיקע זיך צו פאַרמעסטן מיט די נאַציס".

„הייסט עס, אַז דו שטייסט נאָך אַלץ אינמיטן?" — האָט אסתר אויסגעשריגן.

„אפשר ביסטו גערעכט, אָבער וואָס זאָל איך טאָן?" — האָט שאַיקע כמעט זיך ווי פאַרענטפערט. „ווילסט דאָך ניט איך זאָל זיין אומערלעך מיט זיך און מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?"

„יאָ, אָבער ווי לאַנג איז דער שיעור? ווען וועסטו פאַרט באַשליסן וואו דו ביסט אויף דער וועלט? ווי לאַנג קען אַן אינטעליגענטער אַר־בעטער זיך וואַקלען און שטיין אויף איין פלאַץ?"

„איך ווייס אַליין ניט", האָט שאַיקע געזאָגט כמעט אַ פאַרלוירענער. „דענק ניט, אסתר, אַז מיר טוט הנאה פון אַזאַ לאַגע".

„עד", האָט אסתּר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „עס איז אַרויס־געוואָרפֿן די רייד. איך האָב מורא, אַז דו וועסט שוין אויסלעבן דײַנע יאָרן וואַקלענדיק זיך".

* * *

דער בלוטיקער קאַמף אין שפּאַניע האָט אויפֿגערודערט שאַיקען. ער האָט געפֿיבערט מיט ברענענדיקן צאָרן קעגן די פֿאַשיסטן. ער האָט באַוואונדערט די קאָמוניסטן און די לינקע, וואָס האָבן פֿאַרלאָזן זייערע היימען און זייערע פֿאַמיליעס און זענען אַוועק קיין שפּאַניע צו קעמפֿן קעגן די פֿאַשיסטישע מערדער. טאָג און נאַכט איז ער געווען טעטיק אין די הילפֿס־קאָמיטעטן פֿאַר שפּאַניע. אין שאַפּ, אין רעסטאָראַן און אויף דער גאַס צווישן די אַרבעטער האָט ער געבענטשט דעם סאָוועטן פֿאַרבאַנד פֿאַר זײַן הילף צו די שפּאַנישע לאָיאַליסטן.

„וועסט זען", האָט שאַיקע אײַנגעטענהט מיט זײַן אסתּרן, „אַז געגנאַסע לעאָן בלום איז ניט קיין שיידעמאַן אָדער אַ נאָסקע. געגנאַסע לעאָן בלום איז ניט קיין אב. קאָהאַן און ניט קיין נאָרמאַן טאָמאַס. געגנאַסע לעאָן בלום איז אַן אמתער סאָציאַליסט. וועסט זען, אַז בלום וועט ביי דער פֿאַסיקער געלעגנהייט באַנוצן זײַן מאַכט אַלס הויפּט פֿון דער פֿראַנצויזישער פֿאָלקס־רעגירונג, און וועט באַזאָרגן די לאָיאַליסטן מיט די נויטיקע וואָפֿן, מיט עסנוואַרג און מיט אָרגאַניזירטע באַטאַליאָנען. וועסט זען", האָט שאַיקע פֿאַרזיכערט זײַן אסתּרן מיט אָנשטעקנדיקן ענטוזיאַזם.

„מיר קענסטו אַזעלכע נסים ניט אײַנרעדן, שאַיקע!" — האָט אסתּר געזאָגט. „הלוואי זאָלסטו בלײַבן דער גערעכטער. אָבער איך האָב שטאַרק מורא, אַז דו מאַכסט אַ טעות. עס איז צייט, אַז דו זאָלסט פֿאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן אײַנצלנע סאָציאַליסטישע פֿירער, נאָר וועגן פּראָגראַמען און פּאַרטייען, און וועגן זייער גאַנצער אָפּשאַצונג פֿון די וועלט־אַנטוויקלונגען".

„ביסט גערעכט, אסתּר. אָבער געגנאַסע בלום איז אַ לינקער סאָציאַליסט. אים האָט די געשיכטע אַליין באַשטימט צו מאַכן דעם גרויסן אָנהויב, וואָס וועט מוזן פֿירן צו דער אומפֿאַרמיידלעכער היסטאָרישער פֿאַראייניקונג פֿון די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן אין קאַמף קעגן דעם אַלגעמיינעם פֿאַשיסטישן פֿיינט פֿון דער מענטשהייט. זעסט דאָך, אסתּר, אַז דער אָנהויב איז שוין געמאַכט געוואָרן. געגנאַסע בלום איז דאָך דער פֿאַרטרעטער פֿון די פֿאַראייניקטע פֿאָלקס־כּוחות, וואָס שליסן איין ביידע פּאַרטייען, די קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. וואַרט, אסתּר, וועסט זען ווי דאָס רעדל פֿון דער געשיכטע וועט זיך אַ דריי טאָן".

„ווי לאַנג, שאַיקע, אַ שטייגער, דאַרף מען וואַרטן? דערווייל ווערן די לאָיאַליסטן געמאָרדעט, און דיין גרויסער פירער גענאָסע בלום רירט זיך ניט".

„אַי, אסתּר, דו ביסט איינזייטיק, ווי אַלע קאָמוניסטן. ביסט אויך אומגעדולדיק, ווי אַלע חברים. געשיכטע מאַכט מען ניט אַזוי־אַ איינס־צוויי. די געשיכטע נעמט זיך צייט, און רעכנט זיך ניט מיט מענטשלעכע קרבנות. געוויס איז שלעכט, וואָס די לאָיאַליסטן ווערן אויסגעהרגעט פון די פאַשיסטישע מערדער. אָבער וואַרט, וועסט זען, ווי אַזוי גענאָסע בלום וועט פאַרציען די שטריק אַרום די פאַשיסטישע העלדזער. אַפילו אַ בלינדער קען זען, ווי פאַרזיכטיק און קלוג ער פלעכט די שטריק".

„רעד זיך איין, שאַיקע, רעד זיך איין זיסע חלומות. אָבער זיי פאַרזיכטיק, אַז ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף, זאָלסטו ניט קריגן קיין האַרץ־שלאַג", האָט אים אסתּר געוואָרנט.

„אָבער זעסט דאָך, אסתּר, אַז די ניט־אַריינמישונג פּאָליסי איז געצילט קעגן היטלערן און מוסאָלינין", האָט שאַיקע געקנעלט מיט זיין ווייב. „עס איז קלאָר, אויב היטלער און מוסאָליני וועלן ניט העלפן פראַנקאָן, וועלן די לאָיאַליסטן געווינען".

„און אויב זיי וועלן יאָ העלפן פראַנקאָן, וואָס וועט דעמאָלט פּאַסירן?" האָט אים אסתּר איבערגעשלאָגן.

„אָט וועגן דעם רעד איך דאָך", האָט שאַיקע טריאומפירנדיק אויסגעשריגן. „דעמאָלט וועט פראַנקרייך, ענגלאַנד און סאָוועטן־פאַרבאַנד"...

„אַך, לאָז מיך צורו מיט דיינע טעאָריעס!" — האָט אסתּר אומגעדולדיק אָפּגעהאַקט דאָס געשפּרעך מיט שאַיקען. „דו וועסט שוין אַזוי אויסלעבן דיינע יאָרן מיט דיינע נאַרישע אילוזיעס".

ווען מאַדריד איז געפאַלן, און די לאָיאַליסטן זענען דערשטיקט געוואָרן אין בלוט, איז שאַיקע געוואָרן שרעקלעך פאַרצווייפלט.

די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן פון אים געשונדן די הויט.

„גרויסע אויטאָריטעט מיינע!" — האָט פייוויש דער פּרעסער חוזק געמאַכט פון שאַיקען. „נו, וואו איז דיין קלוגער שטאַטסמאַן גענאָסע בלום? האָסט שוין אפשר אַ נייע טעאָריע צו פאַרטיידיקן דעם בלוטיקן פאַרראַט פון דיינע גענאָסן? האָסט נאָך אַלץ ניט פאַרלוירן דיין האָפנונג?"

שאַיקע האָט פּרובירט קעמפן קעגן די שטעכיקע רייד פון די אַרבעטער.

„וואָס האָט איר געוואָלט, אַז בלום זאָל טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכ־

קייט פֿאַר אָנצינדן אַ וועלט־מלחמה?״ — האָט שאַיקע פּרובירט ענטפֿערן די אַרבעטער.

אָבער מער האָט מען אים ניט געלאָזט רעדן.

„הערסט אַ צעדרייטע לאָגיק?!״ — האָט פֿייוויש געדונערט אויף זיין באַסאָווער שטים. „פּונקט קאַפּויר, ערשט איצט וועלן היטלער און מוסאָליני צעפֿירן זייערע בלוטיקע לאַפּעס. איצט זענען זיי די זיגער. זייער בלוטיקע משפּחה וואַקסט. זיי באַפֿעסטיקן זיך. די דעמאָקראַטיעס גיבן נאָך, פּונקט ווי דיינע סאָציאַליסטן האָבן נאָכגעגעבן אין דייטשלאַנד״.

„ביי מיר ביסטו שוין אויס אויטאָריטעט, גענאָסע שאַיקע״, האָט זעליג דער גאַליציאַנער געזאָגט. „אפֿשר אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איידער לענין איז געבוירן געוואָרן, האָבן די גענאָסן געהאַט דעם מאָנאָפּאָל איבער דעם מאַרקסיזם, אַז־אַך־און־וויי, אָבער ניט איצט ברודער־לעבן״.

אַפֿילו זעלדע די פֿינישערין, וואָס פֿלעגט שטענדיק פּאַרטיידיקן שאַיקען, האָט אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל:

„שאַיקע, עפּעס ביסטו מיר קאַליע געוואָרן״...

אסתּר האָט אָנגעהויבן צווייפֿלען, צי איר שאַיקע איז אין דער ווירקלעכקייט אַ פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, ווי זי האָט געדענקט. זי האָט אָנגעהויבן צווייפֿלען צי עס זענען אמת די געשיכטעס, וואָס שאַיקעס פֿריינט פֿלעגן ביי יעדער געלעגנהייט דערציילן מיט איבערטריבענער באַגייסטערונג וועגן זיין מוט און אויסגעהאַלטנקייט אין דער יוניאָן און אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און אין צייט פֿון די גענעראַל סטרייקס — אויף דער פּיקעט־ליין. אפֿשר, האָט אסתּר געטראַכט, האָבן די פֿיל אַרעסטן און די טורמעס געבראָכן זיין גייסט, און זיינע איבערצייגונגען זענען אויסגערונען געוואָרן דורך זיינע ביטערע אַנטוישונגען.

אַ געפֿיל פֿון רחמנות האָט זיך פּלוצים דערוועקט ביי אסתּרן אויף איר שאַיקען, וואָס ראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות אַרויסצורייסן זיך פֿון זיין באַנקראָטירטער וועלט, און האָט ניט גענוג כּוחות אָפּצושניידן איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זיינע גייסטיקע פֿאַרבינדונגען מיט יענע פֿאַלשע טעאָריעס און פֿירער, וואָס האַלטן אים אַ געפּענטעטן אין זייער נעץ.

שאַיקעס וואַקלעניש האָט זי געקרענקט. זי איז ניט געווען גרייט אים צו פֿאַראורטיילן אַלס האָפֿנונגסלאָזן שוואַכלינג. זי האָט דעריבער באַשלאָסן מער מיט אים ניט צו דיסקוטירן וועגן פּאָליטישע געשעענישן, און מער ניט צושטיין ער זאָל ווערן אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער האָט גרויס רעספּעקט פֿאַר דער פּאַרטיי, פֿאַר אירע פּראָגראַמען און פֿירער.

שאַיקע האָט דערפילט די ענדערונג אין זיין אסתּרס באַציאונג צו אים. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי הויבט אים אָן פאַרדעכטיקן אין פּאָ־ליטישער אומערלעכקייט, און ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיך פּרובירט פאַרענטפערן פאַר אסתּרן.

„דו מוזט מיך פאַרשטיין, אסתּר!" — פלעגט שאַיקע אַפּעלירן צו זיין ווייב, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און רעספּעקטירט פאַר איר געזונטן און קלאָרן פאַרשטאַנד, פאַר אירע ענערגישע טעטיקייטן און איבערגעבנקייט צו אירע איבערצייגונגען. „איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנדערער פּאָליטישער שול. עס איז מיר ניט אַזוי גרינג זיך צו באַפרייען פון יענעם צוגאַנג צו פאַרשיידענע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. דאָס ערגסטע איז, וואָס איך באַטראַכט יעדע נייע אַנטוויקלונג פון ביידע שטאַנדפּונקטן, און איך פּלאָנטער זיך צווישן זיי".

„פּלאָנטער זיך געזונטערהייט, שאַיקע!" — פלעגט אסתּר אים אָפּ־שניידן קורץ און שאַרף. „מען וועט שוין מוזן אויסקומען אָן דיר. עס זענען פאַראַן אַזוי פיל מענטשן, וואָס פּלאָנטערן זיך אין זייערע אייגענע געדאַנקען, איז נאָך איינער, מילא".

שאַיקע האָט פאַרשטאַנען דעם שטאָך. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע רייד האָבן ניט קיין ווירקונג אויף אסתּרן. דאָך פלעגט ער ביי יעדער גע־לעגנהייט פאַרציען מיט איר אַ געשפּרעך וועגן זיין וואַקלעניש.

* * *

ווען עס האָט זיך אונטערגערוקט דער מינכען־פאַראַט, האָט שאַיקע דערפילט אַ מאָדנע ענדערונג אין זיך. ער האָט צום ערשטן מאָל פּלוצים דערפילט אַ ברענענדיקן צאָרן קעגן די פאַררעטערישע שטאַטס־מענער, וואָס זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם מינכען־אָפּמאַך מיט היטלערן. ער האָט דערפילט, אַז זיי האָבן אים די גאַנצע צייט גע־נאַרט, און ער האָט ענדלעך דערזען דעם אמת.

ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער מיט אסתּרן אַפילו ניט פּרובירט פאַרפירן אַ געשפּרעך וועגן דעם פאַרראַט. אסתּר האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס עס מאַטערט אים. אָבער אויך זי האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם ענין מינכען.

שאַיקע האָט ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַוועקגעלייגט די צייטונג, וואָס ער האָט געלייענט, און האָט מיט אַנטשלאָסנקייט אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף:

„נו, אסתּר, איך בין שוין פאַרטיק מיט זיי!"

אסתּר האָט אים פאַרשנדיק אָנגעקוקט. כאָטש זי האָט געוואוסט, וואָס ער מיינט, האָט זי דאָך אים איבערגעפרעגט:

„מיט וועמען ביסטו פּאַרטיק, שאַיקע?"

„פּאַרטיק און פּטור", האָט שאַיקע בייז געענטפּערט. „נאָך היינטיקע וואָך וועל איך זיי אַלעמען לאָזן וויסן. אַלעמען אָן אויסנאַם — אין דער יוניאָן, אין שאַפּ, אין מיין ברענטש פון אַרבעטער־רינג. זאָלן זיי וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַ גרענעץ"...

אסתּר האָט רואיק אַ פרעג געטאָן:

„אפשר וואָלסטו מיר געזאָגט, וואָס דו האָסט זיך פּלוצים אַזוי צעקאָכט, שאַיקע?"

„קעגן וועמען איך האָב זיך צעקאָכט? ווילסט טאַקע וויסן? וועל איך דיר דערקלערן מיט קלאָרע דיבורים. מאָרגן, אסתּר, זאָלסטו מיר ברענגען אַן אַפּליקאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מאָרגן אָוונט שרייב איך אונטער מיין נאָמען און פאַרטיק".

אסתּר האָט איינגעהאַלטן איר פרייד. זי האָט אַרויסגענומען אַן אַפּליקאַציע פון אירע פּאַפּירן און רואיק געזאָגט:

„איך האַלט שוין די אַפּליקאַציע אָנגעגרייט פאַר דיר אַ לאַנגע צייט. נאַ, שאַיקע, שרייב אונטער. לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן".

שאַיקע האָט באַקוקט די אַפּליקאַציע, זי אַריינגעשטעקט אין קעשענע און געזאָגט מיט אַ פעסטן און פריילעכן טאָן: „מאָרגן, חברטע", און האָט אַ גרינגן פּאַטש געטאָן איבער דער קעשענע, וואו עס איז געלעגן די אַפּליקאַציע.

עס איז אַוועק דער מאָרגן און דער איבערמאָרגן און די אַפּליקאַציע איז געלעגן אין קעשענע ביי שאַיקען.

ווען אסתּר האָט פאַרלוירן איר געדולד, האָט זי ענדלעך אַ פרעג געטאָן שאַיקען:

„וואָס איז געוואָרן וועגן דיין באַשלוס אונטערצושרייבן די אַפּלי־קאַציע?"

שאַיקע האָט אַ שולדיקער געקוקט אויף אסתּרן און געזאָגט אין אַ טרוקענעם טאָן:

„וועסט מיך ניט פאַרשטיין, אסתּר. דו קענסט ניט באַגרייפן, וואָס עס קומט פאַר אין קאָפּ ביי אַזאַ אַרבעטער ווי איך. ווען איך טרעט אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מוז איך זיין פולשטענדיק איבערצייגט, אַז דאָרט איז מיין איינציקער פּלאַץ".

„האָסט זיך, הייסט עס, נאָך אַלץ ניט איבערצייגט?" — האָט אסתּר שפּאָטיש אַ פרעג געטאָן שאַיקען.

שאַיקע האָט געקוקט אויף אסתּרן ווי אַ פאַראורטיילטער.

„אָט גיב אַ קוק", האָט ער ענדלעך געזאָגט. „טשעמבערלעין איז

באַגעגנט געוואָרן אויף דער באַן־סטאַנציע פֿון מאָסן ענגלענדער, און זיי האָבן אים באַגריסט מיט אויסגעשרייען פֿון פֿרייד. פֿרידן! פֿרידן, אסתּר, ניט קיין מלחמה — דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג. אָט פֿאַרוואָס איך בין ניט גרייט צו פֿאַרדאַמען יענע, וואָס האָבן אונטערגעשריבן מיט היט־לערן דעם שענדלעכן אָפּמאַך אין מינכען".

„איך האָב צו דיר גאָרניט", האָט אסתּר מיט רחמנות געזאָגט. „ביסט אַ קראַנקער מענטש, נעבעך. דו ליידסט פֿון וואַקלעניש. ביי דיר, ווי ביי די אַנדערע געניאַסן ווי דו, איז די קראַנקהייט אומהיילבאַר. מער דיס־קוטיר איך מיט דיר ניט וועגן פּאָליטיק".

* * *

אין 1939, ווען סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט אונטערגעשריבן דעם ניט־אָנגריף אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד, און עס האָבן אָנגעהויבן האָגלען די אָנ־פֿאַלן אויף סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און אויף קאָמוניסטן, האָט אסתּר פּרובירט אַ רעד טאָן מיט שאַיקען וועגן דעם. אָבער ער האָט פֿאַרביסן געשוויגן און זיך ניט געלאָזט אַריינציען אין קיין געשפּרעך.

אסתּר האָט געליטן. זי האָט מורא געהאַט, אַז שאַיקעס גלויבן אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווערט אָפּגעשוואַכט. דאָס איז פֿאַר איר געווען דער גרעסטער קלאַפּ.

אסתּר האָט באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיטן פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר פֿון איר סעקציע.

ווען זי איז אַריינגעקומען צו דער וועכנטלעכער פֿאַרזאַמלונג פֿון איר ברענטש, האָט זי דאָרט געטראָפֿן שאַיקען. זי איז נאָך מער איבערראַשט געוואָרן, ווען זי האָט אויסגעפֿונען, אַז שאַיקע איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי.

אסתּר האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז די פֿאַרזאַמלונג זאָל זיך ענדיקן. ווען דער פֿאָרזיצער האָט ענדלעך געשלאָסן דעם מיטינג, האָט אסתּר אַריינגערופֿן שאַיקען צום אָרגאַניזאַטאָר אין אָפֿיס.

„חבר ב.", האָט אסתּר זיך געווענדט צום אָרגאַניזאַטאָר. „איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז עס איז אַ טעות אַריינצונעמען מיין מאַן אין דער פּאַרטיי. ער איז ניט קיין לאָיאַלער קאָמוניסט".

„פֿאַרוואָס", האָט דער אָרגאַניזאַטאָר געפֿרעגט.

„ווייל ער איז אַ כראָנישער, אומקורירבאַרער וואַקלער. ער זעט יעדע זאַך פֿון צוויי שטאַנדפּונקטן, און ער פּלאָנטערט זיך שטענדיק צווישן רעכטס און לינקס. ער קען קיינמאָל ניט אָפּמאַכן זיין מיינונג".

שאַיקע האָט געשוויגן.

„מיר וויסן וועגן דעם", האָט דער אָרגאַניזאַטאָר געזאָגט.

„פֿון וואַנען ווייסט איר?" — האָט אסתּר געפֿרעגט מיט דערשטוינונג.

„אייער מאַן, אסתּר, איז געקומען צו מיר נעכטן. ער האָט מיר דער־קלערט וועגן זיינע שוואַכקייטן, צווייפֿלען און וואַקלענישן. ער איז ניט דער ערשטער און וועט זיכער ניט זיין דער לעצטער, וואָס ליידט פֿון אָט דער קראַנקהייט. אָבער די פּאַרטיי קען אים העלפֿן. צוליב דעם האָבן מיר אַ שול, לעקציעס, אויפֿקלער־ליטעראַטור. ניט געזאָרגט, אסתּר. איר מעגט זיין זיכער, אַז אייער מאַן וועט זיין אַן אויסגעהאַלטענער קאָמוניסט ווי מיר אַלע".

אין גאַס האָט שאַיקע אַ זאָג געטאָן צו אסתּרן:

„איך האָב ניט קיין טענות צו דיר, וואָס דו האָסט דערציילט דעם חבר וועגן מיינע שוואַכקייטן. פֿאַרקערט, איך האַלט, אַז אַן ערלעכער קאָמו־ניסט דאַרף און מוז אַזוי האַנדלען. פֿונדעסטוועגן, אָבער, ביסטו דאָך עפּעס מיין ווייב, טאָ ווי אַזוי האָסטו געקענט אַזוי ברוטאַל מיך אויספּאַטשן אין דער געגנוואַרט פֿון דעם חבר. דו פֿאַרשטייסט, אסתּר, איך קוק אויף דיין האַנדלונג פֿון צוויי שטאַנדפּונקטן"...

„שאַיקע!" — האָט אסתּר אַ געשריי געטאָן. „שוין ווידער צוויי שטאַנדפּונקטן"...

שאַיקע האָט זיך האַרציק צעלאַכט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אסתּרן אין זיינע אָרעמס.

„סקעבקע"

איך האָב ניט געגלויבט מײנע אויגן. צאַדיק סקעבקע איז געקומען אין דער יוניאָן. די אַרבעטער, וואָס זענען יענעם אָוונט, ווי אַלע אָוונטן, געווען פאַרזאַמלט אין דער יוניאָן, זענען ניט ווייניקער געווען איבערראַשט פון סקעבקעס באַזוך.

„עס איז משיחס צײטן", האָט אײנער פון די אַרבעטער באַמערקט. „ווען מען וואָלט מיר דערציילט, אַז סקעבקע איז געווען אין דער יוניאָן, וואָלט איך פאַר קײן פאַל ניט געגלויבט".

„און איך גלויב נאָך אַלץ ניט", האָט אַ צווייטער געזאָגט. „סקעבקע אין דער יוניאָן? עס קען ניט זײן. עס איז אַ חלום".

„ביי די לינקע קען אַלץ פאַסירן", האָט אַן אַנדער אַרבעטער געערדט הויך געגנוג, אַז אַלע האָבן געהערט. „עס האָט זיך מיר געלוינט צו לעבן און צו דערלעבן און צו זען, אַז צאַדיק סקעבקע זאָל קומען אין דער יוניאָן".

צאַדיק איז געשטאַנען לעבן דער טיר און ניט געוואָגט צו מאַכן אַ טריט ווייטער פון דער שוועל. ער איז געווען שרעקלעך צעטומלט.

ער האָט אויסגעזען בלאַס. זיין דינער, איינגעבויגענער קערפּער האָט זיך נאָך מער איינגעקאַרטשעט. זײן דינע, לאַנגע, האַרבאַטע און שפּיציקע נאָז איז געוואָרן אויסגעצויגענער און שפּיציקער.

ער האָט געפינטלט מיט די קליינע און רויטע אויגעלעך. דערביי האָבן זיינע שטאַלצע אַקסלען זיך אַ רוק געטאָן אַרויף, און זיין קאָפּ האָט אַ זינק געטאָן נידעריקער צווישן זיינע אויפגעהויבענע אַקסלען.

„אוי־וואַ! וואָס פאַר אַ גאַסט!" — האָב איך מיט פאַרוואונדערונג געזאָגט. „קום נענטער, זעץ זיך אַוועק און דערצייל, וואָס פלוצים האָט דיך אַהערגעבראַכט".

סקעבקע איז מיט אומזיכערע טריט צוגעקומען צום שרייב־טיש, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל און מיט אַ הכנעהדיקער שטים געזאָגט: „איך האָב געמוזט קומען צו דיר".

„איך פֿאַרשטיי, אַז מסתּמא האָסטו געמוזט", האָב איך געזאָגט מיט אַ שמייכל. „ביסט אַמאָל געווען אין דער יוניאָן?"

צאַדיק האָט ניט געענטפֿערט אויף מיין פֿראַגע. ער האָט זיך גענומען פֿאַרטיידיקן, פֿאַרוואָס ער איז געקומען אין דער יוניאָן.

„ניט צוליב זיך בין איך געקומען".

„ניט צוליב זיך? וואָס דען, צוליב עמעצן אַנדערש?" — האָב איך אים ניט־גלויבנדיק געפֿרעגט. „פֿון ווען אָן זאָרגסטו זיך פֿאַר אַנדערע מענטשן?"

„אַז מען וויל, איז דאָס אויך צוליב מיין טובה ווענגן", האָט זיך צאַדיק געדרייט, „נאָר עס איז ניט אינגאַנצן צוליב זיך".

„נו, לאָמיך הערן, וואָס אַשטייגער, ווילסטו פֿון דער יוניאָן?" האָב איך מיט אַ היפּש ביסל שפּאָט אים אַ פֿרעג געטאָן.

סקעבקעס אויגעלעך האָבן זיך צעפֿינקלט. זיינע אַקסלען און זיין קאָפּ האָבן זיך באַוואויגן אַרויף און אַראָפּ.

„איין זאַך", האָט ער גיך און שטיל אַרויסגערעדט. „אַ ביכל פֿאַר מיין זון", האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, פּונקט ווי דאָס וואָרט וואָלט אים געוואָרגן.

„האַ, אַ יוניאָן־ביכל פֿאַר דיין זון", האָב איך פֿאַמעלעך געזאָגט, „דערפֿאַר ביסטו דאָ?"

„די עקזעקוטיוו באָארד", האָט צאַדיק גערעדט מיט געבעט, „וויל אים ניט געבן קיין יוניאָן ביכל".

„פֿאַרוואָס וויל אים די עקזעקוטיוו באָארד ניט געבן קיין ביכל?" — האָב איך אים געפֿרעגט, כאָטש איך האָב זייער גוט געוואוסט די אורזאַך.

„איך ווייס ניט", האָט צאַדיק געענטפֿערט, און ער איז געוואָרן בלאָס ווי דער טויט.

„אַזוי, ווייסט ניט? איז אפֿשר מעגלעך, אַז דערפֿאַר, וואָס דיין זונס טאַטע איז דער ערגסטער סקעב אין טרעיד, און די עקזעקוטיווע האָט מורא, אַז דיין זון איז געראָטן אין טאַטן. האַ, צאַדיק?"

„מען האָט מיך געקרוינט מיטן נאָמען 'סקעב' אומזיסט און אומגישט", האָט צדיק געזאָגט אַ באַליידיקטער.

„אַזוי, אומזיסט, נעבעך, האַ? אַנו, לאָמיר זען. אין דעם גענעראַל־סטרייק פֿון יאָר 1907 האָסטו געסטרייקט, צי דו האָסט געסקעבט?"

„דעמאָלט", האָט צאַדיק געזאָגט מיט אַ קרום שמייכעלע, „איז ניט געווען קיין יוניאָן. אַלע האָבן געסקעבט, האָב איך אויך געסקעבט. עס איז דען געווען אַ סטרייק?"

„נו, און אין 1912 ? דעמאָלט האָבן דאָך אַלע געסטרייקט, פאַרוואָס האָסטו געסקעבט ?"

צאַדיק האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און גענומען שטאַמלען :

„אין 1912 ? כ'ווייס ? איך וועל דיר זאָגן דעם אמת... כ'האָב זיך ניט געקענט גלויבן, אַז די פאַריער אַרבעטער וועלן אויספירן. איך האָב ניט געגלויבט, אַז זיי וועלן קענען אויסהאַלטן, פאַרשטייסט ? כ'האָב פשוט ניט געקענט גלויבן, אַז מען וועט געווינען, און מען וועט האָבן אַ יוניאָן".

„נו", האָט סקעבקע אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט, „האָב איך געמאַכט אַ טעות. נו, איז וואָס, בין איך דעריבער דער ערגסטער אין טרעיד ? ס'זענען דאָ ערגערע פון מיר".

„נו, און אין דעם גענעראַל־סטרייק פון 1920, פאַרוואָס האָסטו געסקעבט ?"

„לאָז מיך געמאַך, איך בעט דיך", האָט צאַדיק נערוועז געזאָגט. „וואָס נעמסטו מיך אויף אַ קרייץ־פאַרהער, ווי אַ דיסטריקט אַטורני ? איך בין געקומען בעטן אַ טובה פאַר מיין זון. דאַרף מען מיך ניט נעמען אויף אַ קרייץ־פאַרהער".

„אָבער פאַרוואָס האָסטו טאַקע געסקעבט אין דעם גענעראַל־סטרייק פון יאָר 1920 ?" — בין איך צוגעשטאַנען צו אים.

„נו, אויב דו ווילסט דווקא וויסן, וועל איך דיר זאָגן", האָט סקעבקע געענטפערט, און אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע רויטע שטעכיקע אויגעלעך.

„יאָ, איך וויל טאַקע וויסן".

„ווייל, ערשטנס", האָט סקעבקע געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, „האָב איך געקראָגן צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך. פאַרשטייסט : צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך מיט עסן ? ווייל געדענקסט דאָך, אַז איך בין געשלאָפן אין שאָפ, האָט דער באָלעבאָס געמוזט קויפן עסנווארג".

„נו, און צווייטנס, סקעבקע ?"

„און צווייטנס ווילסטו וויסן, האַ ?" — האָט סקעבקע מיך אָנגעקוקט מיט אַ שפּאָטיקן שמייכל. „און צווייטנס", האָט סקעבקע גערעדט ווי אַ זיגער, „האָבן סטרייק־פירער מיך באַשיצט".

„סטרייק־פירער, צאַדיק ? זאָגסט ליגן !" — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

„ביי מיר הייסן זיי סטרייק־פירער", האָט סקעבקע געזאָגט. „די סטרייקערס האָבן זיי געררופן די געדונגענע 'שטאַרקע' פון דער 'פּיקעטינג קאָמיטע', אָבער מיך אַרט ניט ווי אַזוי מען רופט זיי, אַבי זיי האָבן מיך באַשיצט. דער באַלעבאָס האָט זיי גוט באַצאָלט דערפאַר".

„נו, און פֿאַרוואָס האָסטו געסקעבט אין גענעראַל־סטרייק פֿון 1926 ?"

„ווייל אין 1926 האָט דער ,פֿאָרווערטס' געהייסן סקעבן. דו ווייסט עס זייער גוט", האָט סקעבקע געענטפֿערט.

„בקיצור, האָסט אַ גוטן תּירוץ פֿאַר יעדעס מאָל, וואָס דו האָסט געסקעבט. נו, און דיין זון וועט מסתּמא אויך האָבן תּירוצים ווי דו ?"

„ביין, מיין זון איז אַ גאַנץ אַנדערער מענטש. איך וויל", האָט ער פֿאַרגעזעצט, „ער זאָל לערנען, אָבער ער וויל ניט, זאָגט ער, מיין טריפֿהן געלט. ער וויל אַליין פֿאַרדינען זיין ברויט. זעסטו דאָך, אַז ער איז אַנדערש ווי איך", האָט סקעבקע ערנסט גערעדט. „גיט אים אַ ביכל, איך בעט אייך".

סקעבקעס זון איז ווירקלעך געווען אַנדערש, ווי זיין טאַטע. מיט זיין רואיקער און אינטעליגענטער אויפֿפֿירונג אין שאַפּ האָט סקעבקעס זון געוואונען די פּריינטשאַפֿט פֿון די אַרבעטער.

ער האָט שטרענג אָפּגעהיט אַלע יוניאָן־רעגולאַציעס, האָט פּינקטלעך געצאָלט זיינע „דיוס" און שטייערן און פֿלעגט באַזוכן אַלע יוניאָן־פֿאַרזאַמלונגען.

„ווייס איך וואָס", האָבן די אַרבעטער גערעדט צווישן זיך, „ס'איז גאַרניט סקעבקעס זון. סקעבקע מעג די כּפּרה ווערן פֿאַר זיין זון. ער האָט פֿיינט זיין טאַטן, ווי זיין טאַטע האָט פֿיינט די יוניאָן".

דורכדעם וואָס די אַרבעטער האָבן זיך באַפֿריינדעט מיט סקעבקעס זון און האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַן אויפֿגעקלערטן און געטרייען יוניאָן־מיטגליד, און האָבן אים אַזוי אַרום דערוויטערט און אָפּגעפֿרעמדט פֿון זיין טאַטן, דעם סקעב, האָבן זיי גענומען נקמה אין צאַדיק סקעבקע, וועמען זיי האָבן שרעקלעך פֿיינט געהאַט.

פֿלוצים האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין פֿאַריער־מאַרק.

סקעבקע האָט ווידער געסקעבט. אָבער זיין זון איז געווען אַ געטרייער סטרייקער. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּוחות אָפּצוהאַלטן זיין טאַטן פֿון זיין סקעבעריי. אָבער אָן דערפֿאָלג. דאָס האָט אים מוראדיק וויי געטאָן.

„איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן", האָט ער זיך באַקלאָגט פֿאַר זיינע אינטימע פֿריינט. „אויב איך וועל ניט אַנטלויפֿן פֿון ניו־יאָרק וועל איך קראַנק ווערן פֿאַר ווייטאָג", האָט סקעבקעס זון אויסגערעדט זיין צעווייטיקט האַרץ פֿאַר זיינע פֿריינט.

„זאָרג זיך ניט, נעם זיך ניט צום האַרצן", האָבן זיינע פֿריינט, די סטרייקערס אים געטרייסט. „קיינער האָט צו דיר קיין טענות ניט צוליב דיין טאַטן. מיר ווייסן, אַז דו האָסט זיך ניט אומישנע אויסגעקליבן אַזאַ טאַטן".

ווען דער סטרייק איז פֿאַרענדיקט געוואָרן, זענען ביידע, סקעבקע און זיין זון, פֿאַרשוואונדן געוואָרן. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זיי געפֿינען זיך.

פּלוצים האָבן די אַרבעטער אויסגעפֿונען, אַז סקעבקע מיט זיין זון האָבן בשותּפֿות אויפֿגעעפֿנט אַ פֿאַבריק.

עס האָט געקאָכט צווישן די אַרבעטער.

„גיי ווייס", האָבן די אַרבעטער גערעדט מיט ווייטאָג, „אַזאַ שטילער, וואוילער בחור. פֿינף יאָר אַן ערלעכער מיטגליד אין דער יוניאָן און צום סוף פֿאַרבינדט ער זיך מיט זיין שיינעם טאַטן".

„סקעבעריי איז אַ בלוט־קראַנקהייט. עס גייט איבער בירושה", האָבן זיינע געוועזענע פֿריינט געזוכט צו געפֿינען דעם ענטפֿער אויף דער רע־טעניש.

„ווייס איך וואָס", האָבן אַנדערע געטענהט. „ער איז שטענדיק געווען ווי זיין טאַטע. דאָס עפּעלע פֿאַלט ניט ווייט פֿון בוימעלע".

„אַ זון איז אַ זון", פֿלעגט סקעבקע רעדן מיט די אַרבעטער. „די יוניאָן האָט ער טאַקע ליב, אָבער איך, זיין טאַטע, בין אים נענטער ווי די יוניאָן".

די אַרבעטער פֿלעגן מיט עקל זיך אָפּקערן פֿון סקעבקען.

„וואַרג זיך מיט דיין זון", האָבן איניקע אַרבעטער מיט צאָרן, קורץ און שאַרף אָפּגעשניטן דעם געשפּרעך מיט סקעבקען.

„איצט בין איך אַ פֿרייער מענטש", האָט סקעבקע זיך געפֿרייט. „איצט וועט מיר די יוניאָן ניט זאָגן מער קיין דעות וויפֿל שטונדן און וויפֿל טעג אַ וואָך איך מעג אַרבעטן. מיין זון האָט מיך אויסגעלייזט פֿון דער יוניאָן", האָט ער זיך געריבן די הענט פֿאַר פֿרייד.

דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, וואָס סקעבקע האָט אָנגעזאַמלט פֿון שווערער האָרעוואַניע און סקעבעריי, האָט זיין זון אַריינגעבראַקט אין דער פֿאַבריק. ער האָט איינגעקויפֿט די בעסטע מאַשינען, די בעסטע טישן און די בעסטע סחורה צו דער אַרבעט.

„מיר מוזן, טאַטע, האָבן אַ גרויסן ליכטיקן און באַקוועמען שאַפּ, ווייל אונדז וועט זיין שווער צו קריגן אַרבעטער. מיר מוזן קויפֿן די בעסטע סחורה, כּדי די אַרבעטער, וואָס מיר וועלן אָנשטעלן, זאָלן אונדז ניט פֿאַרלאָזן".

סקעבקע האָט איינגעשטימט מיט זיין זון מיטן באַדינג, אַז אויב ביים אָנהויב איז דאָס אפֿשר נויטיק, זאָל מען אָבער שפּעטער, ווען אַלץ וועט זיך איינשטעלן, אויפֿהערן פֿאַרשווענדן געלט צוליב באַקוועמלעכקייטן פֿאַר די אַרבעטער.

ענדלעך, ווען אַלץ איז איינגעשטעלט געוואָרן און סקעבקע האָט אָנגעהויבן צו שניידן מאַנטלען, האָט דער זון געזאָגט:

„טאַטע, איך גיי אַראָפּ אין גאַס אַרויפֿברענגען עטלעכע אַרבעטער, וואָס איך האָב אָנגעשטעלט. וואַרט אויף מיר. גיי ניט אַוועק, ביז איך וועל צוריקקומען".

סקעבקע האָט געוויינט פֿאַר פֿרייד.

אָבער סקעבקעס זון איז ניט צוריקגעקומען. אין גאַס האָט סקעבקעס זון אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ ווייס שטיק לייוונט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבן:

„צאַדיק סקעבקעס אַרבעטער סטרייקן! איצט, טאַטע, קענסטו סקעבן געזעצלעך דיין גאַנץ לעבן!"

צענדליקער אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום סקעבקעס זון. זיי האָבן אים געדריקט די האַנט, געפּאַטשט אין פּלייצע, און אים געהאָלפֿן פּיקעטן זיין טאַטנס שאַפּ.

סקעבקע האָט זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס. אויפֿן דריטן טאָג האָט מען געמוזט אויפֿברעכן די טיר און אים אַרויסנעמען פֿון שאַפּ. וואָכן־לאַנג איז ער אַ קראַנקער געלעגן אין בעט. מער האָט ער שוין ניט געסקעבט.

מלחמה־קרבנות

ביידע ברידער, מאָריס און היימי, זענען געווען אַזוי שטאַרק ענלעך איינער צום צווייטן, אַז אַפילו די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט מיט זיי אין איין שאַפּ שוין עטלעכע יאָר, האָבן געהאַט שוועריקייטן צו אונטערשיידן איינעם פונעם צווייטן. די אַרבעטער אין שאַפּ פלעגן אויסנוצן די ענלעכקייט פון ביידע ברידער אויף צו מאַכן גוטמוטיקן שפּאַס. ווען אַ נייער אַרבעטער פלעגט אַרויפקומען אין שאַפּ אַרבעטן, פלעגט דער שאַפּ קלינגען מיט געלעכטער צוליב דער צעטומלטקייט פונם נייעם אַרבעטער, וואָס פלעגט ניט קענען דערקענען, ווער איז מאָריס און ווער איז היימי.

צוליב זייער ענלעכקייט האָבן די אַרבעטער אין שאַפּ, און אויך אין דער יוניאָן, גערופן ביידע ברידער: „דער צווילינג".

ביידע ברידער זענען געווען פאַרבונדן מיט פעסטע פעדים פון די זעלבע אינטערעסן, שטרעבונגען, געטריישאַפט און אויפריכטיקער ליבע.

שטענדיק האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען אין איין שאַפּ. זיי האָבן געוואוינט צוזאַמען. ביידע זענען זיי געווען איבערגעגעבענע יוניאָן־מיטגלידער. ביידע פלעגן שטענדיק קומען צו די יוניאָן־פאַרזאַמלונגען און פלעגן צוזאַמען אַהיימגיין. אין צייט פון אַ סטרייק, פלעגן זיי ביידע פיקעטן צוזאַמען. דאָרט וואו מאָריס איז געווען איז אויך היימי געווען.

ביידע ברידער זענען געווען באַהערשט פון איין שטרעבונג און ליכטיקער האָפנונג — צו ברענגען קיין אַמעריקע זייערע טאַטע־מאַמע און זייערע דריי איינגערע שוועסטערלעך, וועמען זיי האָבן ליב געהאַט מער ווי אַלץ אין דער וועלט.

זיי האָבן געלעבט עקאָנאָמיש און האָבן געשפּאָרט יעדן סענט צו קענען פאַרווירקלעכן זייער טרוים. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם גליקלעכן טאָג, ווען זייער גאַנצע פאַמיליע וועט זיין פאַראייניקט אין אַמעריקע.

אין אָנהויב פון 1938 איז דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט פון דעם צווילינג

געווען פונקט געגנוג פֿאַר די שיפֿסקאַרטן און אַנדערע נויטיקע הוצאות צו ברענגען זייער פֿאַמיליע קיין אַמעריקע. אָבער די פֿאַריער־באָסעס האָבן צעשטערט זייערע פּלענער. די באָסעס האָבן אַרויפֿגעצוואונגען אַ גענעראַל־סטרייק אויף די פֿאַריער־אַרבעטער פֿון ניו־יאָרק. דער סטרייק האָט געדויערט עטלעכע חדשים. די ברידער האָבן דעריבער באַשלאָסן אָפּצולייגן זייער באַשלוס וועגן ברענגען זייער פֿאַמיליע קיין אַמעריקע.

אין 1939 האָבן די ברידער ווידער געהאָט אָפּגעשפּאָרט די נויטיקע סומע געלט דורכצופֿירן זייער פּלאַן, אָבער עס האָט פּלוצים אויסגעבראָכן די מלחמה, און ווידער איז זייער פּלאַן צעשטערט געוואָרן.

די זאָרג וועגן זייער טאַטע־מאַמע און שוועסטער האָט געפּייניקט די ברידער. די שרעקלעכע ידיעות וועגן די מערדערייען, וואָס די נאַציס פֿירן דורך אויף די אידן אין אייראָפּע, האָבן פֿאַרפּינצטערט זייערע לעבנס.

זייער פּיינלעכע שרעק איז ניט געווען אומזיסט. אין אַ שוואַרצן טאָג האָבן זיי דערהאַלטן די טרויעריקע נייעס, אַז אַלע — זייער טאַטע און מאַמע און אַלע דריי שוועסטערלעך — זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד זענען ביידע ברידער ניט אַרויס פֿון זייער הויז, וואָס איז געוואָרן איינגעהילט אין טיפֿן טרויער. אַלע באַמיאונגען פֿון זייערע פֿריינט זיי צו טרייסטן, האָבן ניט געהאָלפֿן. אַ טיפֿער ווייטאָג האָט צעשטערט זייערע לעבנס און האָפֿענונגען.

אין אַ פֿרימאָרגן איז מאָריס געקומען צו מיר אויף אַ באַזוך. עס איז געווען שווער אים צו דערקענען. זיינע רויטע פֿולע באַקן, וואָס פֿלעגן אָטעמען מיט פֿרישקייט, זענען געווען איינגעפֿאַלן און בלאַס. פֿון זיינע לעבעדיקע אויגן האָט דער פּיין אַרויסגעקוקט. זיינע פּעך־שוואַרצע האָר זענען אין משך פֿון די עטלעכע וואָכן געמישט געוואָרן מיט גרוי.

שטיל, פֿאַרלוירן און פֿאַרשעמט האָט ער ווי אַ חולה־מסוכן זיך אַריינגעשאַרט אין מיין צימער.

„זעץ זיך, מאָריס", האָב איך מיט געמאַכטער מונטערקייט זיך געווענדט צו אים, און צוגערוקט אַ בענקל האַרט לעבן מיין שרייב־טיש.

ער האָט זיך אַ מידער אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בענקל.

„גוט וואָס דו ביסט געקומען", האָב איך מיט דעם זעלבן מונטערן טאָן גערעדט צו אים. „איך האָב שוין געטראַכט וועגן אָפּשטעקן אייך אַ וויזיט. וואָס טוסטו, און וואָס מאַכט היימי? פֿאַרוואָס האָסטו אים ניט מיטגענומען?" האָב איך אים פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן, כּדי אים אַרויס־צופֿירן פֿון זיין פֿאַרלוירנקייט.

„היימי? וואָס היימי טוט?" — האָט מאָריס גערעדט מיט שרעק אין

זיין שטים. „טאַקע וועגן אים, וועגן מיין היימין, בין איך געקומען צו דיר", האָט ער שטיל און טרויעריק געזאָגט.

„וועגן היימין? וואָס איז וועגן היימין?"

„איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי איך זאָל עס דיר דערקלערן", האָט מאָריס אַרויסגעזיפּצט.

ער האָט שטיל־שווייגנדיק געקוקט אויף מיר. זיינע גרויסע, שוואַרצע מיט טיפן טרויער אָנגעפּילטע אויגן האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

„עפּעס האָט פּאַסירט מיט אים?"

„איך האָב מורא, אַז עפּעס זייער שלעכטס וועט מיט אים געשען", האָט מאָריס גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטים.

„פאַרוואָס דענקסטו אַזוי?"

„ווייל איך דענק אַזוי", האָט מאָריס געזאָגט און זיין שטים איז פאַר־שטיקט געוואָרן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט אַ ביסל אין דער זייט, ער האָט געווישט זיינע פייכטע אויגן.

„מוזט מיר אַנטשולדיקן", האָט ער זיך געבעטן ביי מיר, „דער אומ־גליק איז אַזוי גרויס... נאָך אַ קלאַפּ וועל איך ניט קענען אויסהאַלטן".

טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן.

„פאַרשטייסט", האָט ער פאָרגעזעצט, „פאַר זיך אַרט מיך ניט. זאָל זיין, וואָס עס וועט זיין... אָבער מיין היימין... איך שרעק זיך פאַר אים. ער עסט ניט, ער שלאָפט ניט גאַנצע נעכט... דאָס ערגסטע איז זיין שווייגן. איך האָב מורא... וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איך האָב מורא, אַז ער זאָל חלילה ניט צוזאַמענברעכן. פאַרשטייסט, וואָס איך מיין?"

„מאָריס, אייער אומגליק איז נאָך פריש", האָב איך אים פּרובירט טרייסטן. „ווייסט דאָך, אַז היימי האָט זיך שטענדיק געגוטיקט אין דיין הילף. דו ביסט דאָך דער עלטערער. מוזט אים העלפן".

„פאַרשטייסט" האָט מאָריס פאָרגעזעצט, „איך וויל אים אַרויס־נעמען פון הויז, וואָס איז אָנגעפּילט מיט אונדזער אומגליק; בעט איך זיך ביי אים, מיר זאָלן אַוועקפאָרן ערגעץ אויף עטלעכע וואָכן. קום, בעט איך אים, לאָמיר פאָרן קיין קאַליפאָרניע; מיר האָבן דאָרט אַ קרוב. לאָמיר פאָרן, בעט איך אים, וואוהין דו ווילסט אַליין, אַבי ניט זיצן דאָ און זיך קרענקען. מיר וועלן דען מיט דעם זיי לעבעדיק מאַכן?"

„נו, וואָס זאָגט היימי?"

„וואָס זאָגט ער? ער דענקט, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען. איך בין געקומען צו דיר", האָט מאָריס גערעדט, „שיק אים רופן, רעד צו אים. אפשר וועט ער דיך פאָלגן".

נאָך איידער איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו שיקן רופֿן היימין, איז ער געקומען צו מיר.

אויפֿן ערשטן בליק האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער זעט אויס וויניקער דערשלאָגן און אַ סך לעבעדיקער ווי מאָריס. עס האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס באַלד ביים אָנהויב פֿון אונדזער קורצן געשפּרעך, האָט ער מונטער אַ לאַך געטאָן. איך בין געווען זיכער, אַז אָדער מאָריס האָט איבערגעטריבן וועגן היימיס געזונט־צושטאַנד, אָדער, אַז היימין איז ענדלעך געלונגען זיך אַרויסצורייסן פֿון זיין שרעקלעכן טרויער, וואָס האָט אים איבערוועלטיקט.

אָבער אינגיכן האָב איך איינגעזען מיין טעות. היימי האָט צופֿיל, צו הילכיק און צו אָפֿט געלאַכט. איך האָב באַמערקט, אַז כמעט אין איין מינוט האָט זיך זיין שטימונג שאַרף געענדערט. אָט האָט ער געלאַכט, און פּלוצים איז ער אינגאַנצן איינגעהילט געוואָרן אין פֿינצטערן טרויער. זיין אומרואיקייט, זיין אויפֿציטערן, ווען דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען, און זיין אָפֿט אַרומקוקן זיך, ווי ער וואָלט זיך געהיט פֿאַר אַן אָנפֿאַל, האָט מיך געשראָקן.

באַלד נאָך עטלעכע קורצע באַמערקונגען, וואָס איך האָב געמאַכט, איז היימי דרייסט צוגעטראָטן צום ענין, וואָס האָט אים געבראַכט צו מיר.

„שיק רופֿן מיין מאָריסן", האָט היימי געזאָגט, „און דערלאַנג אים אַ ריכטיקן פּסק".

„פֿאַרוואָס ?"

„עס האָט זיך אים פּלוצים פֿאַרוואָלט לעבן אַ גוטן טאָג. הוליען ווילט זיך אים", האָט זיך היימי צעלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער. „עס איז אים באַפֿאַלן די וואַנדער־לוסט".

„טרייבסט מסתּמא איבער, היימי".

„איך טרייב שוין גאָרניט איבער. אָפּט", האָט ער געזאָגט, כמעט ווי מיט אַ שמייכל, „דאַכט זיך מיר אויס, אַז מיין מאָריס איז אַראָפּ פֿון זינען".

„עס דאַכט זיך דיר בלויז אויס, היימי. איר זענטביידע מיד און צעבראָכן", האָב איך פֿריינטלעך געערעדט צו אים. „עס וואָלט אפֿשר גוט געווען, ווען איר זאָלט ביידע אַוועקפֿאָרן אויף וואַקאַציע און זיך אויסרוען".

היימי האָט זיך צעלאַכט.

„רעדסט דאָך שוין ווי מאָריס. דאַכט זיך, אַז איר זענט ביידע משוגע. מיין מאָריסן ווילט זיך אויך פֿאָרן. ער וויל פֿאָרן קיין קאַליפֿאָרניע, קיין פֿלאָרידע. אַ לעב טאָן ווילט זיך אים. אַ גליק האָט אונדז געטראָפֿן. די בעסטיעס האָבן אויסגעקוילעט"...

היימי איז שטיל געבליבן. אַ טויטע בלאַסקייט האָט זיך פּלוצים

אויסגעגאָסן אויף זיין שיין אָבער אויסגעצערט פּנים. זיין קערפּער האָט עטלעכע מאָל לייכט אַ ציטער געטאָן. אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך געצונדן מאָדנע פייערלעך.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט זיך היטן פאַר עמיצן, און דערנאָך זיך שטיל אָוועקגעזעצט.

„אַ שוידערלעכער אומגליק האָט אונדז געטראָפן. בלויז איך און מיין מאָריס זענען געבליבן. אויסער מאָריסן האָב איך קיינעם ניט אויף דער וועלט. ווען דו רעדסט זיך דורך מיט אים, וואָלט עס אים געשטאַרקט. ער וואָלט אויפגעהערט טראַכטן וועגן אַרומפאָרן, וועגן לעבן אַ גוטן טאָג, און מיר וואָלטן ביסלעכווייז געקומען צו זיך".

איך האָב היימין צוגעזאָגט, אַז איך וועל זיך זען מיט מאָריסן, און זיך דורכרעדן מיט אים.

„אָבער טו דאָס וואָס גיכער", האָט ער כמעט ווי זיך געבעטן ביי מיר. „ער קען נאָך ערגעץ אָוועקפאָרן", האָט ער זיך פּלוצים צעלאַכט.

— —

איך האָב זיך געטראָפן מיט מאָריסן. ער איז געווען זייער פאַר־צווייפלט. נאָכדעם ווי איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל קיינעם ניט דערציילן וועגן זיין סוד, וואָס ער טראָגט ביי זיך, האָט ער מיר פאַר־טרויט אַ מאָדנע און שרעקלעכע געשיכטע.

„היימי האָט געמאַכט צוויי גרויסע בילדער פון דעם טאָטן מיט דער מאַמען", האָט ער שטיל געזאָגט. „איין בילד האָט ער אויפגעהאָנגען ביי זיך אין שלאָפצימער, און דאָס צווייטע בילד האָט ער אויפגעהאָנגען אין מיין שלאָפצימער. שטונדן לאַנג קוקט ער אויפן בילד", האָט מאָריס געזיפצט.

„מיט אַ וואָך צוריק", האָט מאָריס פאָרגעזעצט מיט אומרואיקייט, „האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס קיינער, קיינער וועט ניט גלויבן".

מאָריס איז שטיל געוואָרן.

„נו, דערצייל, וואָס ס'האָט פּאַסירט", האָב איך אים דערמוטיקט.

„אָבער געדענק", האָט ער מיך פריינטלעך געוואָרנט, „עס מוז בלייבן צווישן אונדזביידע".

ווידער האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז איך וועל אָפּהיטן זיין סוד און וועל קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם.

„מיט אַ וואָך צוריק", האָט מיר מאָריס פאַרטרויט, „שפּעט אין דער נאַכט, בין איך פּלוצים אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף. היימי איז גע־שטאַנען לעבן מיין בעט און געשריגן היסטעריש: 'מאָריס, די מאַמע לעבט! די מאַמע לעבט!'

„ער איז געווען אָפּגעגאָסן מיט שווייס", האָט מאָריס פֿאַרגעזעצט. „ער האָט זיך געטרייסלט ווי פֿון הויכן פֿיבער. טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זיינע אויגן. ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט גערעדט מיט דער מאַמען.

„וואָס רעדסטו, היימי? — האָב איך אים פּרובירט אויפֿקלערן. — ווייסט דאָך, אַז די נאַצישע מערדער האָבן...

„אָבער ער האָט מיך ניט געלאָזט רעדן", האָט מיר מאָריס שטיל פֿאַרטרויט.

„'איך זאָג דיר, אַז איך האָב גערעדט מיט דער מאַמען', האָט מיך האָט מיך היימי פֿאַרזיכערט. 'זי לעבט!' — האָט ער געשריגן. 'זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז געבליבן לעבן!'"

„היימיס נערוון זענען צעטרייסלט!"— האָב איך מאָריסן איבערגעשלאָגן.

„איך האָב אויך אַזוי געדענקט", האָט מאָריס אַ זאָג געטאָן, „אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך עפּעס אַנדערש".

„וואָס מיינסטו?"

„איך שלאָף ניט. גאַנצע נעכט ליג איך אין בעט און מאַטער זיך ניט איינצושלאָפֿן".

„פֿאַרוואָס, מאָריס?"

זיינע אויגן האָבן אויפֿגעפֿלאַמט. ער האָט אַ רוק געטאָן זיין בענקל נענטער צו מיר, האָט זיך צוגעבויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינרעדן אין מיין אויער. רויטע פֿלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף זיינע בלאַסע באַקן. זיינע ליפּן זענען געווען שטאַרק טרוקן, און זיינע הענט האָבן געציטערט.

„נאָר דיר, נאָר דיר וועל איך דערציילן?" — האָט מאָריס אָנגעהויבן רעדן גיך. „צוערשט האָב איך ניט געקענט איינשלאָפֿן, ווייל איך האָב זיך געזאָרגט וועגן היימין. איך האָב געטראַכט, אַז אפֿשר חלומט זיך אים וועגן דער מאַמען. איצט שלאָף איך שוין ניט צוליב גאָר עפּעס אַנדערש... איינמאָל, אינמיטן נאַכט, בין איך געלעגן אין בעט, און זיך מיט אַלע חושים איינגעהערט צי היימי שלאָפֿט. פּלוצים הער איך, ווי היימי רעדט... ער רעדט מיט דער מאַמען!... און די מאַמע רעדט צו אים"...

„מאָריס?!"

„איך זאָג דיר, אַז איך האָב געהערט דער מאַמעס שטים! גלויבסט מיר ניט? געוויס וועסטו מיר ניט גלויבן. אָבער איך זאָג דיר: איך האָב געהערט איר קול. איך האָב ניט געקענט הערן, וואָס זי האָט געזאָגט צו היימין, אָבער איך האָב אַליין געהערט דער מאַמעס וואַרעמע, האַרציקע שטים, אַזוי קלאָר און דייטלעך, פּונקט ווי זי וואָלט גערעדט צו מיר...

„מיינסט, אַז היימי האָט מיר דערציילט אַ וואָרט וועגן דעם? אַ וואָרט ניט", האָט מאָריס געזאָגט מיט פֿאַרדרוס. „אינדערפֿרי האָב איך פּרובירט רעדן מיט אים, פֿאַרציען אַ געשפּרעך מיט אים וועגן דער מאַמען, אָבער ער האָט געשוויגן ווי אַ פֿיש. אָט־דאָס קרענקט מיך", האָט מאָריס געזאָגט מיט ווייטאָג און צאָרן. „פֿאַרשטייסט, היימי באַהאַלט פֿון מיר, פֿון זיין אייגענעם ברודער, פֿאַרשטייסט? עס איז דאָך מיין מאַמע אויך. אפֿשר ניט?

„עס קרענקט מיך, פֿאַרוואָס ער היט זיך פֿאַר מיר", האָט מאָריס איבערגעחזרט. „מיין היימי איז שטענדיק אַזוי געווען", האָט מאָריס אַרויסגעזיפֿצט. „מיין מאַמע האָט אים צעפּעסטשעט פֿון קינדווייז־אָן. אַלץ האָט די מאַמע אַריינגעשטופּט אין היימין. עס איז אמת, אַז היימי איז ניט געווען קיין געזונט קינד. ער האָט געפּאָקט און געמאָזלט, און געליטן פֿון קייך־הוסט און פֿון אַלערליי אַנדערע קראַנקהייטן. איך בין געווען געזונט. צו מיר האָט זיך קיין קראַנקהייט ניט גענומען. נו, האָט די מאַמע געציטערט איבער היימין. אַפֿילו ווען ער איז שוין געווען אויסגעוואַקסן אַ געזונטער און שטאַרקער בחור, האָט אים די מאַמע נאָך אַלץ געפּעסטשעט. וואָס דאַרפֿסטו מער, ווען מיר זענען געפֿאָרן קיין אַמעריקע, האָט די מאַמע מיך באַשוואוירן, אַז איך זאָל אָפּהיטן היימין. אין יעדן בריוו פֿלעגט מיר די מאַמע דערמאָנען, אַז איך זאָל אָפּהיטן היימין. היימי, היימי — איך האָב געלעבט בלויז צוליב היימיס וועגן. איצט איז דאָס זעלבע. די מאַמע רעדט צו היימין, ניט צו מיר. און ער, היימי, היט זיך פֿאַר מיר, ווען ער רעדט מיט דער מאַמען. גלייך ווי איך וואָלט אים געווען אַ ווילד־פֿרעמדער.

„איך זאָג דיר, אַז דאָס וועל איך ניט פֿאַרשווייגן", האָט מאָריס פּלוצים אָנגעהויבן רעדן מיט כּעס. „דאָס וועל איך ניט פֿאַרשווייגן! ער באַהאַנדלט מיך ווי אַ פֿרעמדן, ווי אַ שונא! ער איז מער ניט מיין ברודער", האָט מאָריס אָנגעהויבן שרייען. „אַזעלכעס וועל איך ניט דערלאָזן!"

מאָריס איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל.

„פֿאַרשטייסט ווי איך פֿיל?" — האָט ער מיך געפֿרעגט מיט פֿאַרצווייפֿלונג. „איך קען דאָס מער ניט אויסהאַלטן. איך וויל מיט אים מער ניט וואוינען אונטער איין דאַך. אויס מיט היימין! איך האָב מער ניט קיין ברודער!"

„מאָריס!"

„ניין, ניין, זאָג מיר גאָרניט! איך וויל ניט הערן וועגן אים. מיך וואָלט ניט געאַרט ווען איך פֿאַרליר אים אַפֿילו!"

„וואָס רעדסטו, מאָריס?"



„אַט וואָס דו הערסט! ער איז מיינער אַ שונא!"

מאָריס האָט זיך ביטער צעוויינט.

דערנאָך האָט ער אַ בּאַרואיקטער שטיל געזאָגט:

„ווייסט, איך טראַכט, אַז אפשר בין איך קראַנק. אָפּט בעט איך אויף זיך דעם טויט. אַלעמען האָב איך פאַרלוירן. היימין אויך. איצט בין איך אַליין. איינער אַליין... צוליב וואָס דאַרף איך אַזאַ לעבן?"

עס האָט זיך מיר בלויז אויסגעדאַכט, אַז ס׳איז מיר געלונגען אים צו בּאַרואיקן און דערמוטיקן. עס האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן, אַז מאָריס וועט שוין מער ניט רעדן אַזעלכע רייד. איך האָב געמאַכט אַ טעות. אַ שרעקלעכן טעות.

אין איין טאָג האָט מען ביידע ברידער, מאָריסן און היימין, געפונען טויט אין זייער וואוינונג, דערשטיקט פון גאַז.

היימי איז געלעגן טויט אין בעט. מאָריס איז געלעגן אויפן דיל. דאָס בילד פון זיין טאַטע און מאַמע איז געווען איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט, צוגעדריקט צו זיין האַרץ.

פֿינצטערניש

אַ ווייל האָט ער אײַנגעצן ניט געוואוסט, וואו ער געפֿינט זיך. די שטילקייט האָט אים איבערגעשראָקן. ער האָט זיך איינגעהערט מיט אַלע זיינע חושים... שטיל... אַ טויטע שטילקייט.

די געדיכטע פֿינצטערניש האָט אויף אים אַנגעוואָרפֿן אַ פּחד. ער האָט פּרובירט אויפֿהויבן זיין קאָפּ. אַ שניידנדיקער ווייטאָג האָט אים אַ וויג געטאָן. ער האָט מיט זיין האַנט געוואָלט אַרומכאַפּן זיין ברענענ־דיקן שטערן. זיין האַנט איז אָבער געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. ער האָט זי ניט געקענט באַוועגן. אַ טויטע האַנט. זיינע ליפּן זענען געווען טרוקן. ער האָט מיט זיין צונג געוואָלט באַנעצן זיינע ליפּן. שווער איז אים אָנגעקומען צו באַוועגן זיין צונג. ווי אַ טרוקן שפּענדל האָט זיין צונג ענדלעך אַ רייב געטאָן זיינע ברענענדיקע ליפּן. עס האָט זיך אים אויס־געוויזן, אַז זיין קערפּער איז אָפּגעזונדערט פֿון זיין קאָפּ. זיינע הענט און פֿיס באַוועגן זיך ניט לויט זיינע וואונטשן. ער פֿילט גאָרניט, חוץ זיין קאָפּ־ווייטאָג און אַ טריקעניש אין מויל.

זיין מורא פֿאַר דער טויטער שטילקייט, וואָס איז איינגעהילט אין דער שוואַרצער פֿינצטערניש, האָט אים שוין איצט הנאה געטאָן. הייסט עס, אַז ער איז ניט טויט. ער לעבט...

ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן קומען צו זיך. ער ווייסט, וואו ער געפֿינט זיך. ביי זיך אינדערהיים איז ער. אין זיין אייגן בעט ליגט ער. עס האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט... מסתּמא געשמאַקער איינגעש־לאָפֿן. ער האָט דערפֿילט, אַז זיין קערפּער הויבט זיך אָן באַהעפֿטן מיט זיין קאָפּ.

איצט איז ער שוין זיכער. ער געדענקט, וואָס עס האָט פּאַסירט. אַלץ געדענקט ער זייער קלאָר. ער האָט באַגלייט זיין ווייב און טאָכטער צום וואָקזאַל. זיי זענען אַוועקגעפֿאָרן צו־גאַסט צו איר שוועסטער. ער האָט אויסגעפּלאַנעוועט זייער רייזע. וואָכן־לאַנג האָט ער דאָס פּלאַנירט.

דערנאָך איז ער אַהיימגעקומען, און האָט געבראַכט זײַנע פּאַפּירן אין אָרדענונג. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַם קלײנעם טישל אין זײַן שלאָפֿצימער. אויפֿן טיש האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ קלײן פֿלעשעלע, אַ בלױ פֿלעשעלע, גרויס ווי זײַן פֿינגער, און די גרויסע פֿלאַש. אַלץ לויט אַ פּלאַן, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט ביז דער מינסטער קלײניקײט. אָבער ער האָט, ווי עס ווײַזט אויס, אַרײַנגעזשליאָקעט צו פֿיל פֿון דער גרויסער פֿלאַש...

ער האָט פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן זײַן פֿאַרחלשטע האַנט און אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל אין דער וואַנט איבער זײַן בעט. אַ שטראָם ליכט האָט אָנגעפֿילט דאָס גערוימע צימער. ער האָט געמוזט פֿאַרמאַכן זײַנע אויגן, ווײַל דאָס ליכט האָט זײ ווי מיט אַ שאַרף מעסער אַ שניט געטאָן. דערנאָך האָט ער פֿאָרזיכטיק געעפֿנט אַ ביסל אײן אויג. דערנאָך האָט ער געעפֿנט דאָס צווײטע אויג. צוערשט האָבן רויטע פֿונקען געטאַנצט אַרויף־און־אַראָפּ איבערן צימער. דערנאָך האָבן געלע און גרינע פּינטעלעך געטאַנצט אַרום די רויטע פֿונקען. דערנאָך האָבן שוואַרצע פּינטעלעך אַרײַנגעריסן זיך צווישן די רויטע, געלע, גרינע פּינטעלעך, וואָס זענען געוואָרן גרעסער און גרעסער. דערנאָך איז געוואָרן אַ ווילדער און אימפּעטיקער געלויף. רויטע פֿלעקן זענען געלאָפֿן אַרום די געלע און די געלע האָבן זיך געיאָגט אַרום די גרינע פֿלעקן, און די שוואַרצע פּינטעלעך אָן אַ שיעור, מיליאָנען און מיליאָנען, האָבן גערעגנט אָן אַן אויפֿהער.

מיטאַמאָל איז פֿון די שוואַרצע פּינטעלעך געוואָרן אײן לאַנגער, שוואַרצער פּאַס ווי אַ האַנטוך. אַ שוואַרצער האַנטוך האָט זיך געשלענגלט צווישן די געלע, רויטע און גרינע פֿלעקן, וואָס זענען געהאָנגען ווי פֿאַרפֿרוירענע אין צימער.

„איך בין בלינד געוואָרן", איז אים דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק מיט דער שנעלקײט פֿון אַ בליץ. אַ קאַלטער שווייס האָט באַשלאָגן זײַן פּנים. ער האָט פֿאַרמאַכט זײַנע אויגן. דאָס בעט האָט זיך געוויגט מיט אים. דערנאָך האָט זיך דאָס גאַנצע צימער געוויגט הין־און־צוריק. דערנאָך האָט זיך דאָס וויגן אָפּגעשטעלט. ער האָט ווידער געעפֿנט די אויגן. איצט איז דאָס צימער געווען אָנגעפֿילט מיט אַ בלויען טומאַן. דערנאָך איז די בלויקייט פֿאַרשוואונדן, און דער טומאַן איז געוואָרן גרוי און דורכזיכטיק. דערנאָך האָט ער דערזען אַ וואַנט, אַ טישל, דאָס בענקל, און ענדלעך דאָס גאַנצע צימער.

ביסלעכווײַז האָט ער זיך אַרונטערגערוקט פֿון בעט. ער איז געווען פֿאַרמאַטערט ווי נאָך אַן ערנסטער קראַנקהײט. זײַנע קני האָבן געציטערט.

מיט שוואַכע טריט האָט ער זיך צוגערוקט צום בענקל. ער האָט דערפּילט אַ שטייפקייט אין זיינע פיס. עס איז אים אָנגעקומען שווער זיך אַרונטער־צולאָזן אויפן בענקל. ער האָט אָנגעגאָסן בראָנפן אין גלאָז. די האַלב־אויסגעליידיקטע פלאַש האָט געציטערט אין זיין האַנט און האָט געפּייקלט איבערן גלאָז. ער האָט אָפּגערוקט די פלאַש, צוגערוקט דאָס קליינע בלויע פלעשעלע צום גלאָז בראָנפן און האָט שטיל געמורמלט:

„נו, איצט, פּחדן!”

ער האָט אַרויסגעצויגן דעם צעקנייטשטן בריוו פון זיין קעשענע און ווידער געלייענט דעם לעצטן פּאַראַגראַף, כאָטש ער האָט שוין געוואוסט אויף אויסנווייניק, וואָס עס איז געשריבן אין דעם בריוו. אין דער פאַר־גאַנגענער וואָך האָט ער געלייענט דעם בריוו יעדן טאָג, און אָפט — עטלעכע מאָל אין טאָג. איבערהויפּט האָט ער געלייענט דאָס לעצטע בלעטל, וואָס האָט אים געשמיסן ווי מיט אַ בייטש. וואָס מער די געשרי־בענע ווערטער האָבן אים ווײ־געטאָן, אַלץ מער האָט עס אים געצויגן צו לייענען. עס איז אים ניט גענוג בלויז איבערצוטראַכטן, אָדער אַפילו איבערצוזאָגן שטיל די זאַצן פון לעצטן בלעטל. ער האָט דווקא געמוזט זען די געשריבענע ווערטער.

איצט האָט ער ווידער געקוקט אויף די ווערטער און געלייענט וואָרט־ביי־וואָרט. ווי ער וואָלט געציילט רענדלעך. יעדעס וואָרט האָט אים געשטיקט, געבריט ווי אַן אָנגעגליט אייזן.

„צום לעצטן מאָל רוף איך דיך, טאַטע. אויף אייביק רייס איך איבער מיט דיר. פאַרגעס, אַז דו האָסט ווען־עס־איז געהאַט אַ זון. הלוואי וואָלט איך געשטאָרבן איידער איך האָב אויסגעפונען, אַז דו ביסט אַ פּראָוואָ־קאַטאָר, אַן עקלהאַפטער פּראָוואָקאַטאָר.

„ווען איינער סקעבט צוליב אומוויסנקייט, צוליב נויט, קען מען אים פאַרגעבן. אָבער וואָס פאַר אַ באַרעכטיקונג קענסטו האָבן? ביסט דאָך אַ סאָציאַליסט. האָסט דאָך דיין גאַנץ לעבן זיך געגרויסט מיט דיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. ווי אַזוי האָסטו געקענט זינקען אַזוי נידעריק... ביסט דאָך אַמאָל געווען אַן אַרבעטער־פירער. ווי אַזוי קענסטו פאַרראַטן דיין קלאַס?”

ער האָט צוריק אַריינגעשטופּט דעם בריוו אין קעשענע. שוין עטלעכע יאָר, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיין זון, — פאַר זיין איינ־ציקן זון, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק ליב. עפּעס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס לעצטע מאָל, ווען זיין זון איז געקומען אַהיים, אַ גראַדואירטער פון אוניווערסיטעט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער, זיין זון, אים

משפטן, און וועט אים פֿאַרמשפּטן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין זון איז אַ קאָמוניסט, און פֿריער אָדער שפּעטער וועט ער אויסגעפֿינען.

„איך בין שולדיק! שולדיק! מיין זון איז גערעכט!" — ער האָט אויסגעליידיקט דאָס גלאָז, און דאָס ווידער אָנגעגאָסן.

ניין, זיין זון וועט ניט פֿאַרשטיין. ער אַליין קען דאָך דאָס אויך ניט ריכטיק באַנעמען. אים איז געגאַנגען אין לעבן צו ראַטעווען דאָס פּוילישע פֿאָלק און דאָס דייטשישע פֿאָלק פֿון אַ קאָמוניסטישער הערשאַפֿט. האָט ער געהאָלפֿן פּילסודסקין, און שיידעמאַנען, און נאָסקען, דערשטיקן די קאָמוניסטן, איצט האָבן די פֿאַשיסטן אים אָפּגעדינט. אַי, האָבן זיי אים אָפּגעדינט. זיי האָבן אויסגעקוילעט אַלע זיינע קרובים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין פּוילן און אין דייטשלאַנד. בלויז איין ברודער זיינער האָט זיך געראַטעוועט, ווייל אים איז געלונגען צו אַנטלויפֿן קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. וואָס פֿאַר אַ בלוטיקער שפּאַס! סטאַלין, וועמען ער באַטראַכט פֿאַר איינעם פֿון זיינע ערגסטע שונאים, האָט געראַטעוועט זיין ברודער פֿון אַ זיכערן טויט.

וואָס האָט אים געצוואונגען צו קעמפֿן אַזוי עקשנותדיק קעגן די קאָמוניסטן? וואָס איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז דייטשלאַנד זאָל דווקא גיין מיט די סאָציאַליסטן און מיט הינדענבורגן, וואָס האָט איבערגעגעבן היטלערן דאָס גאַנצע לאַנד? וואָלט דען ניט געווען בעסער, ווען דייטש־לאַנד גייט מיט די קאָמוניסטן? צווישן די גענאָסן רעדט מען ניט וועגן דעם. אָבער דער אמת לאָזט זיך ניט באַגראָבן. וואָס פֿאַר אַ קראַנקהייט האָט זיך באַזעצט אין זיין בלוט, וואָס יאָגט אים צו פֿאַרפֿאָלגן קאָמו־ניסטן? איז דאָס צוליב דעם, וואָס זיינע שיינע סאָציאַליסטישע האָפֿנונגען זענען אויסגערונען געוואָרן, און ניט וועלנדיק צוגעבן זיין אייגענעם באַנקראָט, זוכט ער ווי די אַנדערע אַרויפֿצוּוואַרפֿן די שולד אויף די קאָמוניסטן?

וואָס איז דער אמת? אָט איז ענגלאַנד באַגליקט געוואָרן מיט אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג. די קאָמוניסטן זענען דאָרט אַ קליינע מינ־דערהייט. נו, וואָס איז געוואָרן פֿון דעם שיינעם נאָבעלן סאָציאַליזם אין די הענט פֿון בעווין, אַטלי און מאָריסאָן? זיי פֿאָגראָמירן אידן פּונקט ווי די צעיושעטע נאַצים. ווען ער וואָלט מיט יאָרן צוריק געוואוסט, וואָס ער ווייסט איצט, וואָלט זיין איינציקער זון אים ניט אָנגערופֿן פּראָוואָקאַטאָר.

איצט איז דאָך אים אַלץ איינס. סיי־ווי־סיי איז אַלצדינג פֿאַרפֿאַלן. ער ווייסט, אַז זיין זון וועט צו אים שוין ניט צוריקקומען. ער ווייסט, אַז פֿון דאָרטן גייען אָוועק בלויז די שוואַכע אָדער די אומערלעכע. זיין זון —

איז ער זיכער — איז ערלעך און אויפֿריכטיק, און מוטיק ווי אַ יונגער לייב. זיין זון איז אַ פֿאַרלוירענער.

אָבער... דאָס איז דאָך ביי אים ניט די הויפּט־פּראָבלעם... צוליב זיין זון וועט ער קיין זעלבסמאָרד ניט באַגיין. אַזאַ אייזל איז ער ניט. און צוליב זיין באַנקראָטירטן סאָציאַליזם וועט ער קיין סם געוויס ניט איינשלינגען.

די הויפּט־פּראָבלעם איז זיינע געשעפֿטן, וואָס האָבן זיך לעצטנס דערקייקלט צום אָפּגרונט. די געפֿעלשטע ביכער. די פֿאַלשע טשעקן, וואָס ער האָט אונטערגעשריבן. אַז מען זוכט געפֿינט מען. מען וועט שוין זוכן, און מען וועט שוין געפֿינען וועגן דער געשמוגלטער סחורה. ער קען דאָס געזעץ. טורמע! לאַנגע יאָרן טורמע! און פֿון דעם גאַנצן שווינדל וועט ער אַרויס אָן אַ העמד.

אַך, וואו נעמט מען אַ טראָפּן מוט צו מאַכן אַ סוף?! בלויז איין טראָפּן מוט. שטענדיק איז ער געווען אַ פּחדן. אַלץ איז דאָך פּינקטלעך אויסגעאַרבעט. זיין זונס בריוו, וואָס ליגט ביי אים אין קעשענע, וואָלט דאָך אַלץ פֿאַרדעקט. אַלץ וואָלט געווען קלאָר. זיין זון האָט אים געטריבן צום טויט. איין זופּ פֿון דעם קליינעם פֿלעשעלע. בלויז איין זופּ, און ער איז געראַטעוועט.

ער האָט געקוקט אויפֿן קליינעם, בלויען פֿלעשעלע, און דערווייל אויסגעליידיקט דאָס גלאָז בראַנפֿן. ווידער אָנגעגאָסן, און ווידער אַריינגעגאָסן. זיין קאָפּ איז געוואָרן שווערער און שווערער. דאָס צימער האָט זיך געוויגט.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט. אַ פֿרעמדע האַנט האָט אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל. פֿון ערגעץ איז אָנגעלאָפֿן אַ ריזיקע כוואַליע פֿינצטערניש און האָט אים איינגעשלונגען. ער האָט זיך ניט געוועקט.

IV

גרשון האַנדלמאַן

„ווען, זאָגט איר, קען איך צוקומען צו אייך?" — האָט ער אַרייַנגעשריגן אין טרייבל פֿון טעלעפֿאָן.

„ווען איר ווילט, קענט איר קומען!" — האָב איך אים געענטפֿערט.

„איך קען צוקומען שוין, באַלד, די מינוט. ווער מען מיך צולאָזן צו אייך? מיין נאָמען איז גרשון האַנדלמאַן. איך בין אייערער אַ יוניאָן־מיטגליד, בין איך".

„יאָ, איך ווייס דאָס. איר האָט מיר דאָס שוין געזאָגט עטלעכע מאָל פֿריער".

„קען איך, הייסט עס, צוקומען?"

„יאָ, געוויס, געוויס!" — בין איך געוואָרן אַ ביסל אומגעדולדיק.

„וועט איר וואַרטן אויף מיר?"

„יאָ, זיכער".

„איר וועט געדענקען מיין נאָמען? האַנדלמאַן איז מיין נאָמען, האַנדלמאַן".

„יאָ, איך ווייס, און איך וועל וואַרטן אויף אייך".

„נו, גוט, קום איך שוין צו, טאַקע באַלד, די מינוט. עס וועט ניט נעמען לאַנג. איך בין ניט ווייט פֿון אייך".

— —

„דאָס בין איך האַנדלמאַן. איך האָב מיט אייך גערעדט אויפֿן טעלעפֿאָן".

„יאָ, איך ווייס. זעצט זיך".

ער איז געבליבן שטיין און האָט מיך אויפֿמערקזאַם באַטראַכט. זיין אויסזען, וואָס איז אינגאַנצן געווען אַנדערש ווי פֿון אַלע אַנדערע יוניאָן־מיטגלידער, און זיין קוקן אויף מיר, ווי ער וואָלט פּרובירט עפּעס אַרויסלייענען פֿון מיין פּנים, האָבן מיך אַ ביסל צעטומלט.

ער איז געווען פֿון מיטעלן וואוקס, און האָט אויסגעזען שטאַרק אויסגעצערט. זיין קורץ בערדל, זיין שוואַרצער, ברייטער, סאַמעטענער קאַפּע־

ליוש, און זיין לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע האָבן אים געמאַכט אויסזען אַ סך עלטער, ווי ער איז אין דערווירקלעכקייט געווען.

„פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט?"

לאַנגזאַם און אומזיכער האָט ער זיך אַרונטערגעזעצט אויפן בענקל, ווי ער וואָלט דערוואַרט עפּעס שלעכטס.

„דאָס זענט איר, הייסט עס, דער פּרעזידענט?"

„יאָ".

„פון דער גאַנצער יוניאָן זענט איר, הייסט עס, דער פּרעזידענט?"

„יאָ".

„טאָקע מיט אייך האָב איך געוואָלט רעדן. איך בין אַ מיטגליד אין אייער יוניאָן. איך בין שוין אַ מיטגליד אַ קימאַ־לן פון אַכט חדשים. ניין, ניין, זיבן חדשים. יאָ, זיבן חדשים. ריכטיק. זיבן חדשים".

„צו וועלכן לאָקאַל באַלאַנגט איר?"

„וואָס הייסט צו וועלכן לאָקאַל? איך באַלאַנג צו דער יוניאָן", האָט ער באַטאָנט זיינע לעצטע ווערטער.

„איר אַרבעט אין אַ שאָפּ?"

„ניין, אין אַ קראָם אַרבעט איך. אין איינער פון די קראָמען, וואָס קויפן און פאַרקויפן פוטערוואַרג, פעלכלעך".

„ווי לאַנג אַרבעט איר דאָרטן?"

„פון זינט איך בין אַ יוניאָן־מיטגליד. דאָס הייסט, איך בין אַ יוניאָן־מיטגליד זינט איך אַרבעט דאָרט".

„וואָס פאַר אַ סאָרט אַרבעט טוט איר אין דער קראָם?"

„אַלץ טו איך! וואָס דענקט איר, איך בין עפּעס אַ נעכטיקער אין געשעפט?" — האָט ער געזאָגט אין אַ טאָן, ווי איך וואָלט חלילה גע־צווייפלט אין זיינע פעאיקייטן. „וואָס איך פאַרשטיי אין פוטערוואַרג, פאַרשטייען ניט אַפילו די גאָר־גאָר גרויסע סוחרים אין אַמעריקע", האָט ער זיך באַרימט. „איך האָב מיינע צייט אויפגעגעסן אין די דאָזיקע גע־שעפטן. פוטערוואַרג און אייער זענען געווען די הויפּט־סחורות, מיט וועלכע איך האָב מיין גאַנץ לעבן געהאַנדלט אין דער היים".

„פון וואַנען קומט איר?"

„איך קום פון עסטרייך. מיין גאַנצע פאַמיליע, מיין ווייב און אַכט קינדער, זאָלן געזונט זיין, זענען נאָך איצט דאָרט. פון וואַנען, דענקט איר, האָב איך געצויגן פּרנסה? — און נאָך ווי פּרנסה, אויף אַלע אונדזערע פריינט געזאָגט געוואָרן! — פון פוטערוואַרג מיט אייער. וואָס דענקט איר, עס איז עפּעס אַ שפּילעכל אויפצוהאָדעווען אַכט קינדער און זיי באַ־זאָרגן מיט אַלדאָס גוטס, פון הערן און געדענקען? איך בין חלילה צו

קיינעם ניט אָנגעקומען. פֿוטערוואַרג און אייער, אייער און פֿוטערוואַרג, און דאַנקען גאָט, איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו שעמען אַפֿילו פֿאַר די רייכסטע סוחרים, וואָס טוען גאַר גרויסע געשעפֿטן מיט אייער און פֿו־טערוואַרג", האָט האַנדלמאַן געזאָגט מיט גרויס שטאָלץ. „ניט מער, איצט אַרבעט איך ביי יענעם. נו, איז וואָס, אַז ביי יענעם?" האָט האַנדלמאַן אַריינגענומען זיין בערדל אין זיין רעכטער האַנט און האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף מיר, גלייך ווי איך וואָלט געהאַט טענות צו אים, וואָס ער אַרבעט ביי יענעם.

„עס איז זיכער ניט קיין שאַנדע", האָב איך אינדערגיך אַריינגע־וואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער.

„אַ שאַנדע? ווייס איך וואָס. וואָס מיר שאַנדע, ווער מיר שאַנדע?" האָט ער געקוועטשט מיט די פּלייצעס. „איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איר פֿאַרשטייט, איך ווייס ניט, ווי איר קוקט אויף דעם, וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט. אָבער ביי מיר איז עס ווי ביי אייך, למשל, קאַרל מאַרקס, לענין, סטאַלין. און די חכמים האָבן געזאָגט: 'פּשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות'. אין פּשוטן מאַמע לשון מיינט עס, אַז בעסער צו אַרבעטן פֿאַר יענעם איידער אָנצוקומען צו יענעם.

„מאָלט איך אויס", האָט ער פֿאַרגעזעצט מיט אַ גמרא־ניגון, „אַז ווען ניט דער ימח שמו וזכרו, דער היטלער, וואָלט איך ביי יענעם ניט געאַרבעט. איך וואָלט אינגאַנצן ניט געווען אין אייער אַמעריקע, כאָטש צו אייער אַמעריקע האָב איך ניט קיין טענות. פֿאַרקערט, אַמעריקע איז גראָד אַ פֿיינע מדינה, זאָל איך שוין האָבן אַזאַ מזל. ניט מער", האָט ער אַ דריי געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופֿט. „פֿאַראַן צווישן די אַמעריקאַנער סוחרים, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ סך חזירים. אַז איר וועט האָבן געדולד אויף איין מינוטקעלע, וועל איך אייך דערציילן אַ קליינע, אָבער שיינע מעשה".

„קיין סך צייט האָב איך ניט; אָבער מילא, דערציילט", האָב איך אים פֿאַרזיכטיק געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל עס מאַכן בקיצור.

„מיט אַ צען חדשים צוריק בין איך געקומען קיין אַמעריקע, גע־קומען הויל און בלויז! איך האָב געדענקט, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל זיך דאָ איינאָרדענען, וועל איך שיקן נאָך מיין פֿאַמיליע. נו, האָט דאָך אָבער דער, וואָס לעבט אייביק, אַנדערש געוואָלט, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה.

„איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן", האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט זיין לאַנגן דינעם פֿינגער, „אַז איך בין חלילה ניט פֿון די מענטשן, וואָס האָבן טענות צום רבונו של עולם. ניין, ניט איך! ביי מיר, וואָס זיין ליבער נאָמען טוט, איז הייליק. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער ענין.

„בין איך, הייסט עס, געבליבן שטעקן אינמיטן דערינען. מיין ווייב מיט מיינע אַכט קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זיין, אין עסטרייך, און איך — אין אַמעריקע.

„נו, טאָ זאָל זיין אַמעריקע. אָבער צו וואָס נעמט מען זיך? פֿאַרשטייט זיך, צו מיין פֿאַך: פֿוטערוואַרג און אייער!

„איצט קום איך צום שפּיץ פֿון דער מעשה, און איך פֿאַרזיכער אייך, אַז איר וועט הנאה האָבן, ווען איר וועט הערן, וואָס אייערער אַ יוניאָן־מיטגליד טוט אויף. איצט הערט.

„ויהי היום, קריג איך אַ רעקאָמענדאַציע פֿון מיינעם אַ לאַנדסמאַן צו אַ רייכן סוחר אין נואַרק.

„׳׳פֿאַר אַריבער׳, זאָגט מיר מיין לאַנדסמאַן, ׳קיין נואַרק. וועסט דאָרטן זיכער אָנגעשטעלט ווערן, און מיט גאָטס הילף, וועסטו מאַכן אַ לעבן׳.

„פֿאַר איך, וואָס דען, איך פֿאָר ניט?״ האָט האַנדלמאַן ווידער גערעדט אין אַ טאָן, ווי איך וואָלט געצווייפֿלט, צי ער וואָלט געוואָגט אונטערנעמען די רייזע פֿון ניו־יאָרק קיין נואַרק.

„איך קום קיין נואַרק, און איך הויב זיך אָן נאָכפֿרעגן וואוהין איך זאָל גיין. איר דאַרפֿט ניט פֿאַרגעסן, אַז אַזאַ איד ווי איך, כאָטש איך בין פּונקט אַזוי ערלעך ווי אַנדערע, אָבער איך טראָג דאָך פֿאָרט אַ בערדל, מיט אַ קאַפּאָטע, מיט אַ זיידענעם קאַפּעליוש, און אַלע מענטשן אויף די גאַסן זענען אָפּגעגאָלטע, און טראָגן ניט קיין קאַפּאָטעס — איר פֿאַרשטייט, צי ניט; איך בין ניט פֿון די אידן, וואָס פֿאַרשטייען ניט, וואו דער שוך קוועטשט. וועט איר דאָך מיך פֿרעגן: ׳וואָרום, גרשון, טוסטו טאָקע ניט אַ גאָל אָפּ די באָרד, און טוסט ניט אויס די קאַפּאָטע? — איז דאָס אַ באַזונדערע זאַך, וואָס האָט ניט צו טאָן מיטן ענין. חוץ דעם איז ביי מיר די באָרד אַ באָרד, און איך בין אַ ייד מיט אַ באָרד און געענדיקט. יענער מעג זיך זיין אַ איד אָן אַ באָרד, און אָן אַ קאַפּאָטע, איז דאָס יענעמס זאַך, און מיין באָרד איז מיין זאַך.

„בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? מען האָט מיך גראָד פֿיין באַהאַנדלט. פֿאַרקערט, די מענטשן, וואָס איך האָב אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס און זיי געוויזן דעם אַדרעס, האָבן מיר זייער פֿריינטלעך אויסגעמאָלן וואוהין און ווי אַזוי צו גיין.

„מאָלט איך אויס, אַז ווען איך וויל״, האָט שוין האַנדלמאַן ווידער געהאָלטן זיין בערדל אין זיין האַנט, און ווידער זיך צעלאָזט מיט אַ גמרא־ניגון, „וואָלט איך געקענט זאָגן, אַז טאָקע גראָד דערפֿאַר, ווייל איך בין אַ איד מיט אַ באָרד און מיט אַ קאַפּאָטע, האָבן די מענטשן זיך באַ־

צויגן צו מיר מיט דרך־ארץ. אָבער דאָס האָט שוין ווידער ניט צו טאָן מיט אונדזער ענין, און איך האָב גאָרניט צו אייך, אויב איר גלויבט ניט אין דעם. ווילט איר — גלויבט, און אויב ניט — איז אויך ניט קיין אומגליק.

„בקיצור, איך האָב זיך דערשלאָגן צו דער קראָם פֿון דעם רייכן אייער־סוחר. וואָס אמת איז אמת. אַ שיינע קראָם מיט אַ סך סחורה,

קאַסטן אויף קאַסטן. הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן. מיך, פֿאַרשטייט איר, נאַרט מען ניט אָפּ. מיין אויג איז אַ געניט אויג. איין קוק, און איך ווייס וואָס איך זע, וואָס איך דאַרף און וויל זען. איר פֿאַרשטייט?

„הכלל, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? איך שטיי אין קראָם און וואַרט. דער סוחר איז פֿאַרנומען. קונים, קונים. איינער גייט, אַ צווייטער קומט. וואַרט איך. אַ ברירה האָב איך? דערנאָך, ווען עס זענען קיין קונים ניטאָ, גייט דער אייגנטימער אַרויס פֿון קראָם און קומט אַריין שפּעטער. פֿאַרשטיי איך, אַז מסתּמא האָט ער געהאַט עפּעס וויכטיקעס איבערדרויסן. הכלל, איך וואַרט אַ שעה, איך וואַרט צוויי, — עס הויבט מיך שוין אָן אַ ביסל צו פֿאַרדריסן. נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַ מענטש. אָבער איך וואַרט. ערשט ער קומט צו און גיט מיר אַ זאָג: 'פֿעטער, איך בין היינט זייער פֿאַרנומען. קומט מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן'.

„איר הערט אַ געשיכטע? מיר דאַרף מען קיין פֿינגער ניט אַריינלייגן אין מויל אַריין. איך האָב באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער סוחר האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אַ איד מיט אַ באָרד, מיט אַ קאַפּאָטע און מיט אַ זיידענעם קאַפּעליוש, איז מסתּמא געקומען נאָך אַ נדבה פֿאַר אַ בית־יתומים, צי פֿאַר אַ תּלמוד־תּורה. בין איך שוין געוואָרן אָן אויפֿגעקאָכטער. 'יושר', — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. — 'רעד אויס אַ וואָרט צו מיר. פֿרעג מיך: וואָס ווילסטו, רב איד... איך האָב דאָך פֿאַרט געוואַרט איבער צוויי שעה...

„וואָס מיינט איר, טו איך?

„איך גיב אַ זאָג: 'מאָרגן איז מאָרגן, אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין ניט לאַנג אין לאַנד. איך האָב געבראַכט מיט זיך פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלער, און איך זוך אַ געשעפֿט. האָט מען מיך רעקאָמענדירט צו אייך'.

„דערהערט פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלער", האָט האַנדלמאַן שוין ווידער אַריינגענומען זיין האַנט אין זיין בערדל און איז שוין ווידער פֿאַרפֿאַרן אין אַ ניגון, „איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש.

„'קומט אַריין אין הויז', — האָט ער מיך פֿריינטלעך געבעטן. — 'אייער נאָמען איז, דאַכט זיך — —'

„'האַנדלמאַן איז מיין נאָמען, גרשון האַנדלמאַן', האָב איך אַרויסגעהאַלפֿן.

„בקיצור מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. ער האָט געשטעלט בראָנפֿן מיט לעקעך. איצט האָט ער שוין געהאַט צייט. די פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט האָבן אים אין איין מינוט איבערגעאַנדערשט. איר שפּילט זיך מיט געלט?"

„נו, וואָס־זשע איז געוואָרן? ווי אַזוי האָט איר זיך אַרויסגעדרייט פֿון דער געשיכטע?״ — בין איך נייגעריק געוואָרן.

„ווי אַזוי? וואָס הייסט ווי אַזוי? גאָר פּשוט״, האָט ער געענטפֿערט און די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט פֿון הנאה. „איך האָב געמאַכט אַ ׳לחיים׳, האָב פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל לעקעך, און דערנאָך האָב איך געזאָגט״, האָט האַנדלמאַן געצויגן די ווערטער, „רעב איד, איך בין זייער שטאַרק מיד פֿון וואַרטן אויף אייך איבער צוויי שעה, ווּעלן מיר היינט ניט רעדן וועגן געשעפֿט. מאָרגן, אפֿשר איבערמאָרגן, אַז גאָט וועט מיר שענקען דאָס לעבן, וועלן מיר כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם. חוץ דעם, מעגט איר וויסן, אַז איך פֿאַרמאָג ניט קיין פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט גראַצערס, און געקומען בין איך צו אייך וועגן אַרבעט. איר פֿאַרשטייט? און האָט מיר אַ גוטן. און יאָ, לאָזט ניט אַ מענטשן וואַרטן אויף אייך איבער צוויי שעה, ווייל אַזוי טוט איר דאָך. איר לאַכט זיך נאָך דערנאָך אויס פֿון אים און הייסט אים קומען מאָרגן. פֿע, עס איז ניט שיין, זאָג איך, און פֿאַרטיק.

„ווי איר זעט״, האָט האַנדלמאַן גערעדט מיט אַ טאָן פֿון אַ גענעראַל, וואָס האָט געוואונען אַ גרויסע שלאַכט, „בין איך ניט פֿון די מענטשן, וואָס לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע. איר פֿאַרשטייט?״

„יאָ, איך פֿאַרשטיי, ברודער האַנדלמאַן, אָבער״...

„און איצט ווילט איר דאָך וויסן, ווי אַזוי איך קום צו אַרבעטן אין אַ פֿוטערוואַרג־געשעפֿט? וועל איך אייך אין איין אויגנבליק אויפֿקלערן די געשיכטע.

„ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך געהאַנדלט מיט אייערע אַמעריקאַנער סוחרים, ווען איך בין נאָך געווען אינדערהיים. נו, האָב איך פֿאַרבינדונגען מיט מענטשן. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, אַז פֿון די אייער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ נעכטיקער טאָג, האָב איך זיך אַ וואַרף געטאָן צום פֿוטערוואַרג. נו, האָט מען מיך געשיקט אַהער און אַהין. דאָ האָט מען מיר צוגעזאָגט, און דאָרט האָט מען מיר אָפּגעזאָגט. אין איין פּלאַץ בין איך געקומען צו פֿרי, אין אַ צווייטן האָב איך זיך אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט. איך דאַרף אייך דען דערציילן, ווי אַזוי מען זוכט אַ שטעלע און מען געפֿינט ניט? איר הערט זיך אָן מסתמא מיט אָט די מעשיות איבערגענוג.

„זייער גוט איז מיר, ווי איר קענט זיך פֿאַרשטעלן, ניט געווען. לעבן דאַרף מען, און אַהיימשיקן מוז מען. עס איז דאָך עפּעס אַ פֿאַמיליע פֿון ניין פֿאַרשוין, קיין עין־הרע.

„מאַלט אייך, אַז פֿאַרשטאַנען האָב איך״, האָט האַנדלמאַן ווידעראַמאָל פֿאַרצויגן אַ גמרא־ניגון, „אַז מיין בערדל האָט עפּעס צו טאָן מיט דעם,

וואָס מיר קומט אַן אַזוי שווער צו קריגן אַרבעט. אָבער ווידעראַמאָל דאָס אייגענע: איך וועל זיך אָפּשניידן די באָרד צוליב דעם, וואָס מיר קומט אַן שווערער דאָס, וואָס אַ צווייטן אַן אַ באָרד קומט אַן גרינגער? ניין. איך בין ניט פֿון דעם סאָרט מענטשן. איך האָב אַזוי פֿיל יאָרן געלעבט מיט אַ באָרד, וועל איך ווייטער לעבן מיט דער אייגענער באָרד. דער, וואָס לעבט אייביק, האָט מיך ביז איצט ניט פֿאַרלאָזן, און ער וועט מיך ווייטער ניט פֿאַרלאָזן.

„הכלל, איך בין ביי זיך ניט אַרונטערגעפֿאַלן חלילה, און איך האָב צו מיין באָרד חלילה קיין טענות ניט. איר זעט די באָרד?" — האָט האַנדלמאַן געזאָגט מיט איבערטריבענער זיכערקייט און שטאָלץ, „אָט־די באָרד האָט פֿאַרשטעקט אין גאָרטל גאָר גרויסע און חשובע וועלט־סוחרים מיט נאַקעטע מאָרדעס, און אַ סך פֿון אייערע אַמעריקאַנער סוח־רים אויך. יאָ, יאָ, און איך האָב זיך גאָרניט מיט וואָס צו שעמען.

„הקיצור המעשה, איך האָב, דאַנקען גאָט, געקראָגן אַ שטעלע. וואָס דען, ניט? און אַ פֿיינע שטעלע דערצו. און איך קריג גאַנץ פֿיין געהאַלט אויך. אויב דאָס איז ווייניק, מעגט איר וויסן, אַז מיין באַלעבאָס וועט פֿאַר מיר קיין זאַך באַרשט ניט אָוועקגעבן. איר מעגט אָפּרופֿן דעם ביזנעס־אַגענט פֿון דער יוניאָן, וועט איר הערן.

„אַ גאַנצן טאָג, פֿון אינדערפֿרי ביז אויפֿדערנאַכט, איז 'מיסטער האַנדלמאַן און מיסטער האַנדלמאַן! מיסטער האַנדלמאַן דאָס און מיסטער האַנדלמאַן יענץ'. מיט מיסטער האַנדלמאַן האַלט מען זיך אַן עצה, צי מען זאָל קויפֿן, צי מען זאָל פֿאַרקויפֿן. אָט אַזוי ווי איך דערצייל אייך. קיין איין וואָרט ניט איבערגעטריבן, און קיין איין זאַך ניט איבערגעזאָלצן.

„וואָס מיינט איר עפּעס, ער טוט מיר אַ טובה, מיין באַלעבאָס? עס הויבט זיך גאָרניט אָן. ער ווייסט, מיין באַלעבאָס, זאָל געזונט זיין, אַז האַנדלמאַן ווייסט און פֿאַרשטייט פֿוטערוואַרג. ער ווייסט אויך, אַז איך וועל אים, חלילה, ניט פֿאַרפֿירן. מיט מיר קען מען זיך האַלטן אַן עצה. אויף מיין וואָרט מעג מען זיך איינשטעלן.

איר מיינט, אַז מיין באַלעבאָס ווייסט דאָס ניט? ער ווייסט דאָס, אוי ווייסט ער דאָס! פֿון זינט איך אַרבעט ביי אים האָט ער זיך שוין אי־בערצייגט, אַז מען קען זיך אויף מיין וואָרט פֿאַרלאָזן. ער האָט נאָך דערוויילע ניט פֿאַרלוירן, ווען ער באַראַט זיך מיט מיר. פֿאַרקערט, הלוואי פֿאַרדין איך דאָס אַלע יאָר, וואָס ער האָט שוין, דאַנקען גאָט, פֿאַרדינט, זינט איך אַרבעט ביי אים.

„פֿון וואַנען ווייס איך דאָס? זאָלט איר מיר געזונט זיין, וואָס הייסט פֿון וואַנען איך ווייס? ווייל איך ווייס, פֿאַר וויפֿל מיר קויפֿן און פֿאַר וויפֿל

מיר פֿאַרקויפֿן. וואָס דענקט איר עפּעס, אַז איך בין פֿון יענע אַרבעטער, וואָר אַרבעטן ווייל זיי זענען אַרבעטער? איך, אַז איך אַרבעט ערגעץ, אַרבעט איך מיט קאָפּ און מיט האַרץ, און איך האַלט מיינע אויגן אָפֿן.

„הכּלל, איך זע דאָך, אַז איר ווערט שוין אומגעדולדיק. וועל איך ביי איך קיין סך צייט מער ניט פֿאַרנעמען.

„יאָ, יאָ, געוויס פֿאַרשטיי איך, אַז איר זענט אַ פֿאַרנומענער מענטש. וואָס דען, איך פֿאַרשטיי ניט? אַ קלייניקייט, אַזאַ גרויסע יוניאָן, אַזאַ וויכטיק געשעפֿט, מיט הונדערטער פֿאַרפּלאָנטערטע ענינים. עפּעס אַ קלייניקייט! איך וואָלט אייער קאָפּ־דרייעניש ניט געוואָלט האָבן, אַפֿילו ווען מען גיט מיר גאָלד".

„נו, אויב אַזוי, ברודער האַנדלמאַן, טאָ זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר, וואָס אייגנטלעך האָט איך געבראַכט צו מיר. איר האָט עפּעס אַ קריוודע?"

„צי איך האָב קריוודעס? גאָט באַהיט! וואָס פֿאַר אַ קריוודעס קען איך האָבן? איך בין צופֿרידן מיט מיין שטעלע און מיט מיינע שכירות. יעדן חודש קריג איך אַ העכערונג. ניט ווייל מיין באַלעבאָס איז אַזאַ גוטער מענטש, נאָר ווייל דער ביזנעס־אַגענט — אויף קיין שלעכט אָרט זאָל ער ניט טרעטן — דערמאָנט מיין באַלעבאָס וועגן דעם. און אַז די יוניאָן זאָגט, איז געזאָגט. מיין באַלעבאָס פֿאַרשטייט דאָס זייער גוט. האָב איך לעצטן חודש געקראָגן אַ פֿינפֿערל, און קומענדיקן חודש וועל איך ווידער קריגן אַ פֿינפֿערל. אַזוי האָט שוין די יוניאָן אָפּגערעדט מיט מיין באָס. טאָ וואָס פֿאַר אַ קריוודעס קען איך האָבן? דאָס טעלערל פֿון הימל קען דאָך מיר די יוניאָן ניט געבן. איך פֿאַרלאַנג דאָס ניט פֿון דער יוניאָן".

„טאָ וואָס, ברודער האַנדלמאַן, ווילט איר?..."

„וואָס איך בין געקומען צו אייך, ווילט איר וויסן? האַ, דאָס? גאַנץ איינפֿאַך. איך בין דאָך אייערער אַ יוניאָן־מיטגליד. איך באַלאַנג דאָך אין אייער יוניאָן. נו, מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. איר פֿאַר־שטייט? קען דאָך טרעפֿן, אַז איך זאָל אַמאָל האָבן אַ קריוודע און זאָל זיך נויטיקן אין אייער הילף, בין איך געקומען זיך באַקענען מיט אייך. דאָס אַלץ. ווייטער גאָרניט.

„נו, און איצט אַ דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיך אויסגעהערט, האָט מיר אַ גוטן און מיר זאָלן דערלעבן היטלערס מפּלה, אָמן".

אַ טעות

„דערקענסט מיך טאַקע ניט", האָט ער געפֿרעגט מיט אַ צעקרימט שמייכעלע. „האָסט געקראָגן אַ שוואַכן זכרון?"

ווי אַזוי האָב איך אים געקענט דערקענען? עס איז גאַרניט געווען דער חיים, וועלכן איך האָב געקענט מיט פֿופֿצן יאָר צוריק, ווען ער איז געווען אַן אַרבעטער און אַ מיטגליד פֿון דער יוניאָן.

יענער חיים איז געווען אַ הויכער, געזונטער און שיינער יונג. זיינע טונקל־בלאָנדע און געדיכט־געקרייזלטע האָר, זיין שיינער קיילעכדיקער שטערן, זיינע ליכטיקע בלויע אויגן, זיין נאָז, מויל און מאָרדע זענען געווען ווי אויסגעשניצט פֿון אַ געניטן קינסטלער. אַחוץ זיין שיינעם אויסזען איז חיים געווען אַ לעבעדיקער, פֿריילעכער יונג.

„חיים־איך־לעב־אַ־טאָג" — האָבן די אַרבעטער אים גערופֿן. ער איז געווען פֿאַרליבט אין לעבן. ער איז געווען פֿאַרקאָכט אין אַלע פֿאַר־געניגנס, וואָס ער האָט געשעפּט הויפּנוויז פֿון לעבן.

חיים פֿלעגט ניט באַזוכן די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער יוניאָן. אין צייט פֿון אַ גענעראַל־סטרייק, פֿלעגן די אַרבעטער שטענדיק האָבן צרות מיט חיימען. ער פֿלעגט קומען שפּעט אין זאַל, וואו די סטרייקערס זענען געווען פֿאַרזאַמלט, און פֿלעגט אַוועקגיין פֿריער פֿון אַלעמען. ער פֿלעגט פֿאַרנאַכלעסיקן זיינע סטרייק־פֿליכטן. ניט איינמאָל פֿלעגט ער גערופֿן ווערן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דער יוניאָן, דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט זיינע יוניאָן־פֿליכטן. „אַ וואוילער יונג", פֿלעגן די אַר־בעטער רעדן וועגן אים, „אָבער אומפֿאַראַנטוואָרטלעך".

אויף אַלע טענות און קלאָגעס פֿלעגט חיים שטענדיק ענטפֿערן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

„איר ווייסט מיינע שוואַכקייטן", פֿלעגט ער זיך בעטן ביי די אַרבעטער. „איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַן אָנשטענדיקער יוניאָן־מיטגליד. איך פֿאַרפֿעל מיינע פֿליכטן, ניט, חלילה, ווייל איך בין ניט געטריי דער יוניאָן, נאָר ווייל איך בין צו פֿיל פֿאַרנומען. איך לעב אַ טאָג"...

דער חיים, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט אויסגעזען אין גאַנצן אַנדערש, ווי יענער חיים, וואָס איך האָב געקענט.

ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער, אויסגעלעבטער מענטש, כאָטש ער איז אַלט געווען אַ יאָר פֿערציק. פֿון זיינע שיינע געקרייזלטע האָר איז ניט פֿאַרבליבן אַפֿילו קיין סימן. בלויז עטלעכע לאַנגע, עלנטע האָר האָבן פֿאַרדעקט זיין פּליך. זיינע אויגן זענען געווען אינגאַנצן אויסגע־לאָשן, אָן אַ פֿונק לעבן. ער איז געווען בלאַס און אויסגעדאַרט. איך האָב באַמערקט, אַז זיינע הענט טרייסלען זיך.

„ביסט געווען קראַנק?"

„ניין", האָט ער געענטפֿערט. „נאָר אפֿשר ביסטו גערעכט, אַז איך בין געווען קראַנק".

„וואָס איז דאָס פֿאַר אַן ענטפֿער?"

„איך בין ערשט אַרויס פֿון פּריזאָן", האָט חיים געזאָגט און אַ טיפֿער זיפֿץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זיין ברוסט.

„פֿון פּריזאָן? ביסט דאָך געווען אַ פֿאַבריקאַנט!"

„עס איז אַ לאַנגע געשיכטע. אויב דו האָסט צייט, און אויב דו ווילסט מיר טאָן אַ טובֿה, וואָלט איך דיך געבעטן, זאָלסט מיך אויסהערן. פֿאַרשטייסט?" — האָט חיים זיך געבעטן ביי מיר, כמעט אונטערטעניק. „איך מוז רעדן פֿאַר עמעצן. איך מוז אויסרעדן. איך קען מער ניט טראָגן די געשיכטע אין מיין האַרץ. אפֿשר, ווען איך וועל עמעצן דערציילן די גאַנצע געשיכטע, וועל איך פֿאַרגעסן און איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פֿון מיין פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס פֿאַרפֿאָלגט מיך און לאָזט מיך ניט אָנהויבן פֿונדאַסניי.

„פֿאַרשטייסט", האָט ער זיך געבעטן ביי מיר. „איך מוז אָנהויבן פֿון סאַמע אָנהויב, אויב ניט וועל איך אונטערגיין".

„נו, רעד, דערצייל, גיס אויס דיין האַרץ", האָב איך איינגעווילִיקט, ניט מיט צו פֿיל חשק.

„ווייסט דאָך, אַז איך בין געווען אַ געשעפֿטסמאַן", האָט חיים אָנ־געהויבן דערציילן זיין געשיכטע. „אָבער דו ווייסט ניט, ווי אַזוי איך בין אַריינגעקראָכן אין געשעפֿט. פֿאַרשטייסט?" — האָט ער פֿאַרגעזעצט מיט פֿאַרדרוס. „אַזאַ געשיכטע טרעפֿט זיך איינמאָל אין טויזנט יאָר. עס איז פּשוט אוממעגלעך צו גלויבן, אַז אַזאַ געשיכטע זאָלווירקלעך פֿאָרקומען אין לעבן".

„חיים, הער אויף צו פֿילאָזאָפֿירן", האָב איך אים שאַרף איבערגע־שלאָגן. „דערצייל די געשיכטע אָן פֿילאָזאָפֿיע".

„ביסט גערעכט", האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמייכל. „פֿון איין זייט

ווײל איך פֿאַרגעסן אין דעם פֿינצטערן חלום, און פֿון דער צווייטער זייט, טראַג איך זיך אַרום מיט אַ ווייטאַג, און אַז איך הויב אָן רעדן וועגן דעם, ווער איך אַן אויפֿגעקאָכטער״.

„איז אפֿשר געזינטער, אַז דו זאָלסט ניט רעדן וועגן דעם און פֿאַרגעסן ?״

„ביין, דאָס האָב איך שוין פּרובירט, נאָר עס אַרבעט ניט. איך וועל יאָ רעדן ; אויב ניט, וועל איך דערוואָרגן ווערן״.

„נו, הויב אָן״.

„מיט אַ יאָר צען צוריק האָב איך פֿאַרבראַכט אין די בערג״, האָט חיים אָנגעהויבן זיין געשיכטע. „ווייסט דאָך, אויב דו געדענקסט מיך פֿון אַמאָל, אַז איך בין ניט געווען פֿון יענע אַרבעטער, וואָס יאָגן זיך נאָך אַרבעט... איך פֿלעג זיך יאָגן נאָך לעבן אַ טאָג.

„נו״, האָט ער פֿאַרגעזעצט, „ווען עס פֿלעגן אָנקומען די שיינע זומער־טעג, האָב איך ניט געקענט איינזיצן. איך פֿלעג איינפּאַקן מיינע זאַכן און — הײדאַ! אין די בערג!

„אין יענעם מזלדיקן זומער האָב איך זיך באַגעגענט מיט דעם מיסטער ד., קענסט דאָך אים, דעם אָנגעבלאָזענעם פּאָס, מיט דער גראָ־בער נאָז, מיט קורצזיכטיקע קלייניקע אייגעלעך ? ער איז שוין דעמאָלט, מיט צען יאָר צוריק, געווען אַן אַלטער און צעבראָכענער מענטש. אין די בערג איז ער געקומען, ניט ווי איך, צוליב לעבן אַ טאָג ; מיסטער ד. לאָזט ניט איבער זיין פֿאַבריק צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי פֿאַר־געניגן. ביי אים איז געלט־מאַכן דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן.

„געקומען איז ער אין די בערג, ווייל דאָקטוירים האָבן אים שטרענג אָנגעזאָגט צו פֿאָרן אויסרוען זיך אויף דעם לאַנד, אויב ער וויל לעבן.

„האָסט אים באַדאַרפֿט אָנקוקן... ער איז געווען שרעקלעך דער־שלאָגן. מיט קיינעם האָט ער אַ וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט אַלע־מען אויסגעמיטן. זיין פּנים איז געווען געל ווי וואַקס. זיין אונטערשטע גראָבע ליפּ איז אים נאָכגעהאָנגען. ער האָט גערעדט צו זיך אַליין. אַן איינזאַמער, אַ פֿאַרלוירענער, פֿלעגט ער איינער אַליין זיך אַרומשלעפּן איבער די וועגן. קיין זאַך האָט אים ניט פֿאַראינטערעסירט. אויף קיינעם האָט ער זיך ניט אומגעקוקט.

„עס האָט מיר וויי געטאָן פֿאַר דעם עלנטן מענטשן. איך האָב ניט געוואוסט ווער ער איז, און פֿון וואַנען ער קומט, און וואָס עס קוועטשט אים. איך האָב בלויז געפֿילט אַ מאָדנעם מיטלייד מיט אים.

„האָט מיך דער טייוול געשטופּט און איך בין געוואָרן פֿריינט מיט אים. מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש״, האָט זיך חיים ווי פֿאַרטיידיקט פֿאַר

מיר. „מען זעט, יענער גייט אַרום אוןליידט, פֿאַרשטייסט, ווילט זיך אים טרייסטן, אויפֿמונטערן. מען איז דאָך פֿאָרט אַ מענטש!

„אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר געוואָרן פֿריינט. קענסט אים, דעם מיסטער ד.? אוי, איז ער אַ כיטרער נפֿש! שוין איינמאָל אַ פֿויגל!

„׳חיים׳, זאָגט ער צו מיר אויפֿן דריטן טאָג פֿון אונדזער פֿריינטשאַפֿט, ׳דו ביסט אַ גאָלדענער מענטש. אַזאַ מענטש ווי דו קען מען ניט געפֿינען היינטיקע צייטן, ווען מען זאָל אויספֿאָרן די גאַנצע וועלט. ביסט אַן אמתער מענטש, אַן אמתער פֿריינט׳.

„און איך, חיים נאַר, גלויב אים. פֿאַרוואָס ניט? אינמיטן פֿון אַזאַ האַרציקן געשפּרעך גיב איך אים אַ פֿרעג, דעם מיסטער ד.:

„— זאָגט מיר, — זאָג איך אים, — מיין ליבער פֿריינט, וואָס קוועטשט אייך? וואָס גייט איר אַרום אַזוי פֿאַרזאָרגט און צעטראָגן, גלייך ווי די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין?

„דער נפֿש האָט זיך ניט געלאָזט קיין סך בעטן. ער האָט גענומען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פֿאַר מיר.

„— קיין אַנדערן, — זאָגט צו מיר מיסטער ד., — וואָלט איך זיכער ניט דערציילט. איך, — זאָגט ער צו מיר, — האָב פֿיינט, אַז פֿרעמדע מישן זיך אין מיינע געשעפֿטן. אָבער דו, חיים, — זאָגט ער צו מיר מיט אַ העכסט־פֿריינטלעכער מינע, — ביסט גאָר אַן אַנדער מענטש. ניטאָ אַזעלכע מענטשן ווי דו, — באַשיט ער מיך מיט קאָמפּלימענטן — איך פֿיל, אַז דו ביסט מיין פֿריינט, מיין איינציקער פֿריינט. דיר וועל איך דער־ציילן. דיר וועל איך אַלץ דערציילן.

„— איך שלעפּ זיך אַרום פֿון איין דאָקטער צום צווייטן, — פֿאַרטרויט מיר מיסטער ד. — איינער זאָגט מיר: נערוועז, אַ צווייטער זאָגט מיר: מיד פֿון אָנשטרענגונג; אַ דריטער זאָגט מיר: ס׳געזונט איז קאַפּוט. איך ווער שוואַכער יעדן טאָג. איך שלאָף ניט. איך פֿאַרליר דעם אַפּעטיט צום עסן. יעדע קלייניקייט רעגט מיך אויף.

„— מיינסט אפֿשר, מיין פֿריינט, — זאָגט מיר מיסטער ד., — אַז איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געשען? געוויס ווייס איך.

„איך האָב אויף אים אויסגעגלאָצט מיינע אויגן.

„— איר ווייסט, מיסטער ד., וואָס עס איז אייך? דאַרפֿט איר דאָך די דאָקטוירים אויף ניינציק כּפּרות. וואָס טאַקע קוועטשט אייך?

„— דיר וועל איך טאַקע דערציילן, חיים.

„אָט דאָ הויבן זיך אָן מיינע צרות", האָט חיים געזאָגט מיט ווייטאָג. „הלוואַי וואָלט איך יענעם טאָג געלעגן אין שפּיטאָל, וואָלט איך ניט געליטן אַזוי פֿיל ווייטאָג און שאַנדע.

„— איך גיי אַראָפּ פון זינען, — קלאָגט ער זיך פאַר מיר, דער כיט־רער מיסטער ד.„ — בלויז דו, מיין פריינט חיים, וועסט מיך אפשר פאַרשטיין.

„איך האָב געהאַט אַזוי פיל מיטלייד מיט אים. ווער האָט זיך גערינכט, אַז... נאָר לאָמיר דאָס איבערלאָזן אויף שפּעטער.

„— שוין פינף יאָר, — פאַרטרויט מיר מיסטער ד.„ — אַז איך וואוין אין אַ דירה אויפן דריטן שטאָק. ביז ניט לאַנג איז מיר די דירה געווען אַזוי ליב און טייער, אַז איך קען דאָס קיינעם ניט אויסמאָלן. אויבן אויפן פערטן שטאָק האָט געוואוינט אַ פרוי. אירע פוס־טריט זענען ביי מיר געווען ווי די זיסטע מוזיק אין דער וועלט. פאַרשטייסט, חיים ? פאַרטאָג פלעג איך אויפוואַכן, און איך פלעג דערהערן אירע פוס־טריט. איך פלעג גיין שלאָפן, ווען איך פלעג מער ניט הערן אירע פוס־טריט אויפן דיל, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פרוי ליגט שוין אין בעט.

„— חיים, מיין פריינט, — האָט מיסטער ד. גערעדט מיט געפיל, — אירע פוס־טריט זענען געווען אַ טייל פון מיין לעבן, פונקט ווי מיינע אייגענע פוס־טריט זענען געווען אַ טייל פון מיר. איך פלעג גיין אַהיים, ניין, איך פלעג לויפן אַהיים, ווייל עס האָט מיך געצויגן אַהין. איך פלעג בענקען נאָך אירע ריטמישע פוס־טריט. עס איז מיר געווען גוט, חיים, זייער גוט. אינדערפרי פלעג איך גיין צו דער אַרבעט אַ פריילעכער, אָפּאַרבעטן דעם טאָג אין מיין געשעפט, און אין אָוונט פלעג איך לויפן אַהיים... איך האָב געוואוסט, אַז מיינע פוס־טריט, דאָס הייסט אירע פוס־טריט, וועלן מיך הילכיק באַגריסן. מיט אַ שמייכל אויף מיינע ליפן פלעג איך גיין שלאָפן. איך האָב געוואוסט, אַז זי וועט מיך אויפוועקן, דאָס הייסט, אירע פוס־טריט וועלן מיך אויפוועקן.

„— און זי אַליין האָט איר אַמאָל באַגעגנט? —האָב איך געפרעגט דעם מיסטער ד.

„— געוויס, געוויס האָב איך זי געקענט. און נאָך ווי געקענט ! — האָט ער אַ פריילעכער געענטפערט. — ווי אַזוי האָב איך זי ניט געקענט קענען — די שיינע, שלאַנקע ברונעטקע, מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע ברענענדיגע אויגן? זי איז געווען פאַרהייראַט צו מיר. פיר יאָר האָבן מיר דאָך געלעבט צוזאַמען.

„— איר האָט זיך צעשיידט ? — האָב איך געפרעגט.

„— זי האָט ניט געוואָלט וואוינען מיט מיר, —האָט מיסטער ד.„ אַ דערשלאָגענער, דערקלערט. — זי איז געווען אַזאַ שיינע און אינטעליגענטע יונגע פרוי. ווי אַזוי האָט זי געקענט אָפּ'פטר'ן איר לעבן מיט אַזאַ פאַרשוין ווי איך ?

„— אַחוץ מיין אויסזען, — האָט מיסטער ד. געזיפֿצט, — בין איך אויך ניט פֿון די געבילדעטע מענטשן, וואָס קענען פֿאַראינטערעסירן אַזאַ פֿרוי. איך וועל זיך פֿאַר דיר מודה זיין, חיים, — האָט מיסטער ד. געעפֿנט זיין האַרץ פֿאַר מיר, — אַז איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי אָפּצושאַצן מיין גליק. ווייסט דאָך, מען איז אין געשעפֿט, מוז מען קאַרגן... אויף קאָרטן איז דאָ, אָבער פֿאַרן ווייב קאַרגט מען... און מען שקלאַפֿט טאָג און נאַכט, מען וויל רייך ווערן. מען וויל זיך אַרויפֿאַרבעטן... מען ווערט מיד און נערוועז פֿון זאָרג און אָנשטרענגונג, און מען כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס מיט אַ ניט־פּאַסיק וואָרט צום ווייב... האָט זי מיך איבערגעלאָזט.

„— שלעכט איז מיר געווען, חיים, זייער, זייער שלעכט. איך בין געבליבן אַליין ווי אויפֿן וואַסער. איך האָב געפֿילט, אַז איך טרינק זיך. ביז איך בין באַגליקט געוואָרן. איך האָב זיך אַריינגעצויגן אין דער דירה, וואו איך וואוין איצט. איך בין אויפֿן דריטן שטאָק, און זי אויפֿן פֿערטן. איך האָב געמיינט, אַז מיט דער צייט וועלן מיר זיך איבערבעטן... אָבער עס איז אַוועק אַ יאָר... נאָך אַ יאָר...

„— איצט, אָבער, חיים, איז שוין אוממעגלעך, — האָט מיסטער ד. געוויינט פֿאַר מיר. — זי האָט זיך אַרויסגעצויגן פֿון איר דירה. אַלץ איז פּלוצים פּוסט געוואָרן. אין די לאַנגע אָוונטן זיץ איך אין הויז, און איך הער ניט מער אירע פֿוס־טריט... די פֿרימאָרגנס זענען מיר פֿינצטער. מיין גאַנץ לעבן האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. פֿאַרשטייסט, חיים? — האָט ער גערעדט צו מיר מיט טרערן אין די אויגן. — וואָס קענען מיר דאָקטוירים העלפֿן?

„עס האָט מיך פֿאַרקלעמט ביים האַרצן”, האָט חיים געזאָגט. „איך האָב ניט געקענט צוקוקן, ווי דער אָרעמער מענטש ליידט נעבעך. דער טייוול האָט מיך געשטופּט איך זאָל אים העלפֿן”.

„ווי אַזוי האָסטו אים געקענט העלפֿן”, האָב איך געפֿרעגט חיימען.

„איי, איי, וואָס פֿרעגסטו שאלות, ברודער־לעבן?” — האָט חיים געזיפֿצט. „אַז עס איז באַשערט אַ צרה לייגט זי זיך אויס, ווי מען האָט זי באַשטעלט”.

„— מיסטער ד., — גיב איך אים אַ פֿרעג, — אייער געוועזענע... די מיט די פֿוס־טריט, איר נאָמען איז פֿרידע, פֿרידע ביילים?

„— יאָ, חיים, פֿון וואַנען ווייסטו? — האָט ער מיך אַ פֿרעג געטאָן.

„— ביי מיר אין הויז, — זאָג איך אים, — וואו איך וואוין האָט זיך אַריינגעצויגן אַ נייער שכן. — אַזוי רעד איך צו אים. — אין דעם ליידיקן קעסטעלע אין קאָרידאָר איז דערשינען איר נאָמען. זי וואוינט, — זאָג איך

אים, — אויפֿן דריטן שטאָק, און איך, — זאָג איך אים, — וואוין אויפֿן צווייטן שטאָק פּונקט אונטער איר.

„— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיסטער ד., איך ווער טויב פֿון אירע פֿוסטריט. זיי לעכערן מיין קאָפּ. דאָס ערגסטע, — זאָג איך אים, — איז וואָס זי גייט שלאָפֿן שפּעט און שטייט אויף זייער פֿרי... און צוליב איר שלאָף איך ניט גאַנצע נעכט... אויב איר, מיסטער ד., — זאָג איך אים, — אויב איר בענקט אַזוי שטאַרק נאָך אירע פֿוסטריט, קענען מיר זיך בייטן מיט די דירות.

„האָסטו געזאָלט זען, וואָס פֿאַר אַ דראַמע ער האָט עס אָפּגעשפּילט!" האָט חיים געזאָגט. „ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און מיך געטוליעט ווי אַ פֿאַרלוירענעם ברודער, וואָס ער האָט פּלוצים געפֿונען".

„— וועסט זען, חיים, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיר אָפּדינען... איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די גרויסע טובה, וואָס דו טוסט מיר... ראַטעוועסט מיין לעבן, חיים... אַ דאַנק דיר, — האָט ער איבערגעזאָגט אפֿשר צוואַנציק מאָל.

„אוי, האָט ער מיר אָפּגעדינט!" — האָט חיים געזיפֿצט. „אָבער אָפּ־געדינט, אַזוי ריכטיק!

„ער האָט זיך גענומען צו מיר, דער מיסטער ד., ווי אַ נאַסע שמאַטע האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו מיר, און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן. ער פֿלעגט קומען צו מיר צוגאַסט אומגעבעטענערהייט. „חיים, דאַרפֿסט אפֿשר געלט? חיים, ווילסט אפֿשר אַ גוטן דזשאָב? חיים, קום צו מיר אין פֿאַבריק אַר־בעטן, חיים דאָס, חיים יענץ".

„מיטאָמאָל האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו מיר. „חיים, גיי און ווער אַ געשעפֿטס־מענטש... גענוג געאַרבעט פֿאַר יענעם... חיים, איך וועל דיר באַזאָרגן געלט... וועסט ווערן רייך... וועסט לעבן אַ טאָג. וועסט זיך אונטערפֿלאַגן בלויז די ערשטע פּאָר יאָר, און דערנאָך, חיים, איז געלעבט! די גאַנצע וועלט וועט זיין דיינע".

„אַזוי האָט ער זיך צוגעבונדן צו מיר, און מיך ניט געלאָזט רוען. טאָג און נאַכט האָט ער מיך געמאַטערט און אַריינגערעדט אין מיר.

„— ווער וויל ווערן אַ געשעפֿטסמאַן? — האָב איך געטענהט. — ווער דאַרף האָבן קאָפּ־דרייעניש? מיר איז גוט — וואָס דאַרף איך האָבן גע־שעפֿטן אויף מיין קאָפּ? — האָב איך מיט אים אַרגומענטירט.

„אָבער ער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט.

„— איך מיין בלויז דיין טובה, — פֿלעגט ער זיך ממש בעטן ביי מיר. „איך וויל דיר אָפּדינען. איך בין דיר שולדיק. וועסט זען, וועסט מיר

דאַנקען... — אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין מיר, אין איין אַריינהאַמערן אין מיין קאָפּ.

„איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן, ברודער־לעבן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: ווער ווייסט? אפשר איז ער טאַקע גערעכט? עס איז עפּעס גוט צו אַרבעטן ביי די פּיאַוועס? דו ווייסט דאָך. אפשר, האָב איך גע־טראַכט, וועל איך טאַקע ווערן אויס קבצן. אויב מיסטער ד. האָט געקענט ווערן אַ רייכער מאַן, פאַרוואָס זאָל איך ניט קענען?

„דער געדאַנק האָט זיך אַריינגעגראָבן ביי מיר אין מאַרך. איך האָב מיר אַ טראַכט געטאָן: ווען איך פאַרמאָג זיין געלט, וואָלט איך אַ לעב געטאָן! איך וואָלט זיי געוויזן ווי אַזוי מען לעבט, האָב איך געטראַכט ביי זיך. לאָמיך נאָר אַריינקריגן די ערשטע עטלעכע טויזנטער, וועל איך זיי ווייזן, די נאַרישע גבירים, וואָס ווייסן בלויז פון איין זאַך: געלט, געלט, געלט און ווידער געלט. און צערייבן זייערע לעבנס איידער זיי קוקן זיך אַרום.

„נו, האָב איך געהאַט אַ געשעפט. שוין איינמאָל אַ געשעפט! הלוואי וואָלט איך בעסער קראַנק געווען און געמוזט ליגן אין שפּיטאָל, איידער איך בין אַריין אין געשעפט", האָט חיים געקלאָגט.

„געוויס, האָט מיסטער ד. געהאַלטן וואָרט און מיר געגעבן געלט. ער האָט געהאַלטן אין איין שטופּן מיר געלט. ׳חיים, נאָ דיר אויף מאַשינען. אָט האָסטו אויף סחורה. און דאָ האָסטו אויף שכירות פאַר די אַרבעטער, און אָט האָסטו פאַר זיך... זשאַלעווע ניט... זאָרג זיך ניט... נעם, איך וועל דיר אָפּדינען ווי עס באַדאַרף צו זיין. מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר׳.

„און איך האָב גענומען. אונטערגעשריבן וועקסלען און גענומען. גענומען און ווידער אונטערגעשריבן וועקסלען. און ער, מיסטער ד., האָט געהאַלטן אין איין שטופּן.

„און געאַרבעט האָב איך מיט די זייטן... ווי אַן אָקס האָב איך געשקלאַפט! ביי טאָג און ביינאַכט, אויך שבתים און זונטאָגס. דאָס גע־שעפט האָט מיך איינגעשלונגען. איך האָב אויפגעהערט צו עקזיסטירן. ווער האָט געטראַכט פון זיך? איך האָב בלויז געטראַכט פון מיין געשעפט. מען דאַרף צאָלן רענט. מען דאַרף צאָלן וועקסלען... מען דאַרף צאָלן שכירות...

„— נאָר ניט געזאָרגט, — פלעגט ער מיך טרייסטן, דער מיסטער ד., — די ערשטע פאַר יאָר זענען די שווערסטע. בלויז די ערשטע פאַר יאָר. וועסט זען.

„איך האָב געשקלאָפּט און געהאָפּט, אַז אַט, אַט... נישקשה, האָב איך געטראַכט ביי זיך, לאָמיך נאָר איין מאָך טאָן די ערשטע עטלעכע טויזנט! לאָמיך נאָר אָפּצאָלן מיינע חובות! וועל איך שוין אַ לעב טאָן... איך וועל אָפּנעמען מיינס, האָב איך זיך געטראַכט.

„ווייס איך וואָס!... וואָס זאָל איך דיר דערציילן?... ווי אַזוי קען איך דיר אויסמאָלן, ווי אַזוי איך האָב זיך געפּלאָגט?... איך האָב זיך אַריינ־גערדרייט אין חובות, אַז עס איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער אַט האָב איך פֿאַרקויפֿט און זיך ווידער אַרויסגעדרייט. אַזוי צוועלף חדשים אין יאָר. אַזוי יאָר־איין, יאָר־אויס... אַריינגעדרייט און אַרויסגעדרייט און ווידער אַריינגעדרייט... אַ גוט יאָר, דערנאָך אַ שלעכט יאָר, און שוין ווידער אַ גוט יאָר... און אַט האָב איך געמאַכט פּראָפֿיט און אַט האָב איך פֿאַרלוירן. וויי, וויי, וואָס איך בין זיך די יאָרן אויסגעשטאַנען! גע־ליען, געבאָרגט, געדרייט און אויסגעריסן געוואָרן. יאָ, דער מיסטער ד. האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט מיר געליען און האָט געבעטן אַנדערע זיי זאָלן מיר געבן אויף באָרג. ער האָט מיר אָפּגעדינט. איי, האָט ער מיר אָפּגעדינט!...

„בקיצור, איך האָב זיך געהאַלטן אין איין דרייען, ביז איך האָב זיך איינמאָל אַזוי אַריינגעדרייט, אַז איך האָב שוין מער ניט געקענט אַרויס. איך בין געבליבן שטיין מיט סחורה און מיט חובות ביז איבערן קאָפּ. קיינער האָט ניט געקויפֿט. מען האָט ניט געוואָלט מיין סחורה, אַפֿילו ווען איך וואָלט זי אָוועקגעגעבן אומזיסט. אוי, איז מיר געווען ביטער!

„מער האָט קיינער ניט געוואָלט לייען".

„נו, און דיין מיסטער ד.?"

„ער אויך ניט. 'עס גייט דיר ניט גוט', האָט ער געזאָגט. 'דו מוזט מאַכן אַ סוף', האָט ער מיך געראָטן.

„— ווי אַזוי? — האָב איך אים געפֿרעגט.

„— גאַנץ פּשוט, דו מוזט באַנקראָטירן, — האָט ער רואיק ווי אַ גזלן מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין.

„אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב סיי־ווי־סיי ניט געקענט באַ־צאָלן מיינע חובות. אַ סוף, האָב איך געטראַכט, צו מיין זאָרג און אַנ־שטרענגונג.

„האָב איך געפֿאָלגט מיין פֿריינט מיסטער ד.. ער איז דאָך עפּעס אַן עלטערער און דערפֿאַרענער געשעפֿטסמאַן. האָט ער מיך מסתמא געראָטן ווי אַן אייגענעם.

„— באַזאָרג זיך, — האָט ער אַריינגערעדט אין מיר, — אַז דו זאָלסט ניט דאַרפֿן הונגערן. צוערשט האָב ז י ך אין זינען. האָסט גע־

שקלאַפּט אַזוי פיל יאָרן, און עס איז ניט מער ווי יושר, אַז דו זאָלסט אַרויס פון דיין געשעפט מיט עפּעס.

„האָב איך אים געפאָלגט. נאָך אַלעמען, איז ער דאָך געווען גערעכט. איך בין וויניק אויסגעריסן געוואָרן? וואו שטייט עס געשריבן, אַז אַלע־מען מוז איך באַצאָלן פּינקטלעך יעדן סענט, און איך אַליין זאָל אַרויס אָן שיך?

„האָב איך אים געפאָלגט. הלוואי וואָלט איך אים ניט געפאָלגט. הלוואי וואָלט איך בעסער אַרויס אָן אַ העמד, איידער פאָלגן מיין פריינט, מיסטער ד.

„וואָס ווייסטו, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען”, האָט חיים געזאָגט. „יעדן טאָג האָט מען מיך געשלעפּט אין געריכט. די באַנק, ד ע ר סוחר, י ע נ ע ר סוחר, דער אייגנטימער פון דער פאַבריק פאַר דירה־געלט, דער אייגנטימער פון די מאַשינען... אַלע טאָג האָט מיך אַן אַנדערער אַדוואָקאַט געמוטשעט מיט טויזנטערליי פראַגן... ווײַ, ווײַ, האָב איך געליטן!

„דער סוף איז געווען, אַז דאָס געריכט האָט מיך געפונען שולדיק אין פעלשן מיינע ביכער און פאַר גנבענען סחורה, וואָס האָט ניט באַלאַנגט צו מיר, און איך האָב אַריינגעכאַפּט צוויי יאָר פּריזאָן.

„איצט פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס דו דערקענסט מיך ניט? פאַר־שטייסט שוין, וואָס איך האָב איבערגעלעבט?

„וואַרט אויס, איצט הער דעם שפּיץ פון דער געשיכטע”, האָט ער געזאָגט מיט ביטערקייט.

„איך קום אַרויס פון פּריזאָן. וואוהין זאָל איך גיין? נו, יאָ, צו מיין פריינט מיסטער ד.

„איך קום אַריין צו אים. זיין געשעפט איז גרעסער און ער איז אַ רייכער מאַן; באַגעגנט ער מיך מיט אַ פּראַקטיקער גלייכגילטיקייט, גלייך ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער. נאָך איידער וואָס, ווען; נאָך איידער איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט מיט אים אַ שמועס צו טאָן, דער־לאַנגט ער מיר אַ זאָג:

„— חיים, אונדזערע חשבונות זענען ענדלעך אויסגעגליכט געוואָרן! איך, — זאָגט ער צו מיר מיט גזלנישער קאַלטקייט, — האָב דיר אָפּ־געדינט ווי דו האָסט פאַרדינט, און פאַרטיק. מער, זאָגט ער צו מיר, — האָב איך מיט דיר ניט צו טאָן, און זיי מיר געזונט.

„איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פריטשמעליעטער. ׳יאָ, יאָ׳, האָב איך געשטאַמלט. ׳איך האָב, חלילה, ניט קיין טענות צו אייך”.

„— טענות צו מיר? — האָט מיסטער ד. זיך צעלאַכט, און זיין פעטער

בויך האָט זיך געוויגט. — וואָס פֿאַר אַ טענות קענסטו האָבן? וואָס איז געווען איז געווען. איצט איז עפּעס אַנדערש. אויב דו ווילסט גאָר, — זאָגט ער צו מיר, — קענסטו זיך נעמען די מציאה... איך פֿאַרגין זי דיר מיטן גאַנצן האַרצן.

„— וואָס מיינט איר, מיסטער ד.? — האָב איך אים געפֿרעגט אַ דערשטוינטער.

„— קענסט זיך נעמען די מציאה, — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט דאָס זעלבע. — זי איז שוין ניט וואָס געווען, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אויס מיט אירע שוואַרצע האָר און ברענענדיקע אויגן, און אויס מיט איר שיינער שלאַנקער פֿיגור. היינט איז זי אַן אַלטע פּעטע אידענע מיט גרויע האָר און מיט אַ צעקנייטשט פּנים. קיין סימן פֿון איר אַמאָליקער שיינקייט.

„— איר מיינט?... אייער ווייב?...

„— יאָ, געוויס, געוויס מיין איך זי. געוויס, געוויס. וועמען דען מיין איך?

„— וואָס האָט זי צו טאָן מיט מיר?

„— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט מיסטער ד. זיך צעהירזשעט אויפֿן קול. — וואָס מיינסטו, חיים, עס איז געווען אַ צופֿאַל, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט אין די בערג? דו נאַר, — האָט ער זיך צעלאַכט, — איך בין אַהין געפֿאָרן דיך טרעפֿן דאָרטן. אַלץ איז געווען פּינקטלעך אויסגעפּלאַנירט. פֿאַרשטייסט, חיים? און אין געשעפֿט האָב איך דיך אַריינגעדרייט אויך לויט מיין פּלאַן.

„— נו, און אין באַנקראָט האָט איר מיך אויך אַריינגעדרייט לויט אייער פּלאַן?

„— זיכער, — האָט מיסטער ד. געלאַכט מיט טיפֿן פֿאַרגעניגן, — זיכער, זיכער, זיכער! געדענקסט ניט, אַז איך האָב דיר געשוואוירן, אַז איך וועל דיר אָפּדינען?

„— און דאָס אַלץ צוליב איר? — האָב איך מיט פֿאַרגליווערטער דערשטוינונג געפֿרעגט. — אַלץ דערפֿאַר, וואָס איר האָט געמיינט אַז איך און זי...

„— יאָ, יאָ, מיין פֿריינט חיים, איצט הויבסטו שוין אָן צו פֿאַרשטיין?

„— אָבער מיסטער ד. — האָב איך אויסגעשריגן. עס איז אינגאַנצן אַ טעות. איך שווער אייך, עס איז אַ טעות. איך קען זי ניט. איך האָב זי אויף מיין לעבן ניט באַגעגנט, איך האָב זי קיינמאָל אַפֿילו ניט געזען... עס איז אַ טעות, זאָג איך אייך!...

„מיסטער ד. איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער. ׳עס איז אַ טעות, זאָגסטו?׳

„— איך שווער איך, עס איז אַ טעות!
„ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע קורצזיכטיקע אייגעלעך, און קאָלט אַ זאָג געטאָן:
„— נו, מילא, אַ טעות, איז אַ טעות! פֿאַרפֿאַלן! אַבי איך האָב געמיינט... נו, מילא, פֿאַרפֿאַלן. אַ טעות איז אַ טעות".
„נו, ווי געפֿעלט דיר עפּעס די געשיכטע?"

דער מינק־מאַנטל

„איך מוז דיך זען, אָבער טאַקע באַלד. עס קען ניט אָפּגעלייגט ווערן. עס איז אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט. מעג איך קומען צו דיר אין אָפֿיס? איך מוז דיך זען שוין... יאָ? גוט! איך וועל זיין ביי דיר אין פֿינף מינוט אַרום".

דאָס האָט מיסטער ש., אַ פֿוטער־פֿאַבריקאַנט, גערעדט צו מיר דורכן טעלעפֿאָן. עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „ער האָט גערעדט"... דער אמת איז, אַז ער האָט געשריגן, פֿאַרצווייפֿלט געשריגן און געפֿאָדערט, איך זאָל אים זען, פּונקט ווי עס וואָלט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן עמעצנס לעבן און טויט.

מיסטער ש. און איך זענען געווען אַלטע באַקאַנטע. איידער ער איז געוואָרן אַ פֿאַבריקאַנט, איז ער געווען אַ גוטער יוניאָן־מיטגליד, און ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין עטלעכע וויכטיקע סטרייקס, וואָס די יוניאָן האָט אָנגעפֿירט.

זיין שאַפּ איז געווען איינער פֿון די בעסטע יוניאָן־שעפּער. ער האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט אַרויסצודרייען זיך פֿון די פֿאַרפּליכטונגען פֿונם יוניאָן־קאָנטראַקט, און זיינע באַציאונגען צו די אַרבעטער און צו דער יוניאָן זענען געווען אָנשטענדיק און דרך־ארצדיק.

אין דער יוניאָן האָבן די אַרבעטער אים געקרוינט מיטן צונאָמען „אוי־אַן־אומגליק", ווייל מיסטער ש. האָט געהאַט אַ געוואוינהייט צו דערשרעקן זיך פֿאַר די שוועריקייטן, וואָס זענען געווען אַן אָפּטע דער־שיינונג אין דער יוניאָן, און זיינע ערשטע ווערטער, וואָס ער פֿלעגט אַרויס־רעדן וועגן די שוועריקייטן, זענען געווען: „אוי, אַן אומגליק"

מיסטער ש. איז אַריין אין אָפֿיס. אויף זיין אָרעם איז געהאָנגען אַ מענערישער פֿוטער־מאַנטל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר און האָט אַרויסגעזיפֿצט: „אוי, אַן אומגליק!"

„לאַך ניט, איך בעט דיך", האָט מיסטער ש. געזאָגט מיט אַ טרויערי־

קער שטים. „אַ גרויסער אומגליק האָט זיך אַנגערוקט אויף מיר. אוי, אַן אומגליק!"

„זעץ זיך אַוועק, כאַפּ אָפּ דעם אָטעם, הער־אויף זיפּצן, און דער־צייל, וואָס עס האָט פּאַסירט", האָב איך געזאָגט צו מיסטער ש.

„דיר איז גרינג צו רעדן", האָט ער גיך געענטפֿערט. „עס איז דיר גרינג צו זאָגן: ‚זעץ זיך, זיפֿץ ניט, כאַפּ־אָפּ דעם אָטעם'... וואַרט, וועסט הערן, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, ווען מיר זען, וואָס דו וועסט דעמאָלט זאָגן".

ווי צו זיך אַליין האָט ש. גערעדט: „האָסט געזען, נאָך איידער וואָס־ווען, זאָגט ער מיר שוין, אַז איך זאָל ניט זיפֿצן, איך זאָל אָפּכאַפּן דעם אָטעם"...

„איך זאָג דיר", האָט מיסטער ש. זיך נעענטער צוגעבויגן צו מיר, „ווען איך זאָל ניט זיפֿצן, וואָלט איך צעזעצט געוואָרן. פֿאַרשטייסט, וואָס איך רעד צו דיר: צעטראָסקעט געוואָרן וואָלט איך, ווען איך זיפֿץ ניט"...

„אָבער וואָס האָט פּאַסירט?" — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

„איך וועל דיר דערציילן, אָבער שלאָג מיר ניט איבער. לאָז מיך רעדן. איך ווייס, אַז דו האָסט אַ טבע יענעם איבערצושלאָגן די רייד. בעט איך דיך: לאָז מיך רעדן. איך בין ניט געקומען צו דיר זיפֿצן. פֿאַרשטייסט?"

„נו, רעד, דערצייל, וואָס האָט פּאַסירט?"

„וואָס ס'האָט פּאַסירט, פֿרעגסטו? אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק איז מיך באַפֿאַלן, און ער לאָזט מיך ניט אָפּ, דער אומגליק... ער פֿאַר־פֿאָלגט מיך... איך קען פֿון אים ניט פּטור ווערן... פֿאַרשטייסט שוין איצט, צי באַגרייפֿסט נאָך אַלץ ניט?"

„אָבער זאָג מיר, וואָס האָט פּאַסירט?" — בין איך שוין געוואָרן אַ ביסל אומגעדולדיק.

„האָ!" — האָט מיסטער ש. אויסגעשריגן, „האָסט שוין פֿאַרלוירן דיין געדולד בלויז פֿון עטלעכע ווערטער? וואָס זאָל איך שוין זאָגן, ווען איך לייד שוין פֿון דעם אומגליק וואָכן און חדשים?... וואָס זאָל איך שוין זאָגן, אַז איך קען זיך פֿון דעם אומגליק ניט אָפּטשעפּען?... איך טרייב אים פֿון זיך, מיט שטעקנס יאָג איך אים און ער קומט צוריק".

„הער זיך איין", האָב איך שאַרף געזאָגט, „אויב דו דערציילסט מיר ניט, וואָס עס האָט פּאַסירט, גיי איך אַרויס פֿון אָפֿיס און קענסט רעדן צו די ווענט און זיפֿצן וויפֿל דו ווילסט.

„נו, גוט!" — האָט מיסטער ש. געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן. „וועל

איך דערציילן, און איך בעט דיך, הער מיך אויס! דו זעסט דעם מאַנטל?" — האָט ער אָנגעוויזן אויפֿן מענערישן מאַנטל, וואָס איז געלעגן אויף אַ בענקל, ניט ווייט פֿון אים. „זעסט, גיב אַ קוק!"" — ער האָט צעשפּרייט די פּאָלעס פֿונם מאַנטל, און האָט פֿאַרגעזעצט: „זעסט, אַ מינק־אונ־טערשלאַק, פֿון די בעסטע שוואַרצע מינקס. זעסט? אַט־דער מאַנטל איז מיין אומגליק!..."

איך האָב אים באַטראַכט. ער האָט פֿאַרגעזעצט:

„ווילסט דאָך וויסן, ווי קומט צו מיר אַזאַ טייערער מאַנטל. וואָס בין איך אַ מיליאָנער, אַ ראַקעפֿעלער?... איז הער נאָר אויס די געשיכטע, שוין איינמאָל אַ געשיכטע, אַן אַנשיקעניש... ווייסט דאָך, אַז ביי מיר אין שאַפּ מאַכט מען מאַנטלען, וואָס ווערן פֿאַרקויפֿט צו די אָרעמע אַרבעטער און פֿאַרמערס. מיינער אַ מאַנטל באַטרעפֿט ניט קיין סך, און די פֿאַרדינסטן זענען אויך קליינע. כאָטש איך האָב זיך, חלילה, ניט וואָס צו באַקלאָגן. איך דערלייג ניט צו די באַלמעלאָכעס. זיי אַר־בעטן און איך מאַך אַ שיין לעבן, פֿאַרמאָג אַן אייגן הויז, אַ גוטן אויטאָ־מאָביל, אַ זומער־היים אין די בערג, און אַחוץ דעם, וואָס מיין קאַפּיטאַל וואַקסט יעדעס יאָר, איז מיין קרעדיט אין מאַרק גאָר גוט".

„איז דאָך גוט", האָב איך איבערגעשלאָגן, „טאָ וואָס זיפֿצסטו?"

„אַט, אָט, טאַקע דאָ הויבן זיך אָן מיינע צרות", האָט ער אַ דער־שלאָגענער, אָנגעהויבן צוטרעטן צום ענין.

„פֿאַרגלוסט זיך מיר פּלוצים", האָט ער פֿאַרגעזעצט, צו פּראָדוצירן טייערע מאַנטלען פֿאַר די רייכע קונדן. עס האָט זיך מיר געגלוסט אַריינקריגן אַ גאָר הויכן פּראָפֿיט. אַז דו הויבסט ניט אָן צו פֿאַרשטיין דעם פֿינצטערן כוח פֿון געשעפֿט", האָט ער גענומען פֿילאָזאָפֿירן. „אַט נעם מיך, צום ביישפּיל. איך האָב זיך קיינמאָל ניט געיאָגט נאָך געלט. געלט־שמעלט, איך האָב דאָס שטענדיק געהאַט אין דר'ערד. אָבער איצט בין איך דאָך אַ געשעפֿטסמאַן, איז הימל און ערד און געלט און פּראָפֿיט, און ווידער דאָס אייגענע און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע. אַלע טאָג, אַלע וואָך, אַלע יאָר. איך זאָג דיר: מען קען אַרונטער פֿון זינען. אַ קללה, זאָג איך דיר".

„גלויב מיר, איך ווייס וועגן דער קללה", האָב איך זיך אַריינגעמישן אין זיינע רייד. „דו בעסער קום צום פּונקט!"

„וואָס יאָגסטו מיך?" — האָט מיסטער ש. זיך געבעטן ביי מיר. „איינמאָל אין פֿינף יאָר בין איך געקומען צו דיר, טאָ לאָז מיך אָפּרעדן פֿון האַרצן. אויב דאָ קען איך אויך ניט רעדן, איז דאָך שוין אויס וועלט".

די עטלעכע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פֿיל געבעט אין זיין שטים, אַז איך האָב אָנגעהויבן רחמנות האָבן אויף אים.

„נו, גוט, נו. רעד זיך אָרונטער פֿון האַרצן”, האָב איך ווי אַ פֿאַר־משפּטער איינגעשטימט.

„בקיצור”, האָט מר. ש. פֿאַרגעזעצט, — איך בין געגאַנגען און גע־קויפֿט אַ בינטל פֿיינע מינק־פֿעל, האָב פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ גוטער באַלמעלאָכע, — און איך האָב גענומען צושניידן אַ מינק־מאַנטל, דעם ערשטן מאַנטל, אַ סעמפּל. איך האָב זיך געשפּיגלט אין דער אַרבעט. איך בין געווען זיכער, אַז מיין סעמפּל וועט אויסנעמען. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל אַריין אין די פֿעדערן... אַז כ'וועל שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס. איז זעסטו, אָט דאָ הויבט זיך אָן מיין אומ־גליק!... אויף ווע‌מען האָב איך געקענט אָנפּאַסן מיין מינק־מאַנטל, האָ? אויף די מיידלעך, וואָס אַרבעטן ביי מיר אין שאַפּ? ווייסט דאָך אַז מיידלעך, וואָס אַרבעטן שווער און ביטער און ווערן אויסגעריסן אין די שעפּער און אויף די פּיקעט־ליינס, און האָבן ניט קיין צייט און קיין מעגלעכקייט אָפּצוהיטן זייער פֿיגור, — אַזעלכע מיידלעך קען מען ניט באַשולדיקן, וואָס אויף זייערע פֿיגורן קען מען זיך ניט פֿאַרלאָזן. נו, האָב איך געמוזט אָנקומען צו מיין מאָדעל־מיידל. אַ יונגע, אַ חנעווודיקע, מיט אַ בויגזאַמען און רירעוודיקן קערפּער, וואָס איז ווי אויסגעטאָקט. איך שווער דיר אויף מיין ערן־וואָרט, אַז זי ליגט מיר ניט אין דער לינקער פּאה. גלויבסט מיר?”

„נו, טאָ וואָס איז געוואָרן?”

„וואָס ס'איז געוואָרן, פֿרעגסטו? ס'איז געוואָרן אַן אומגליק. אָט דאָס איז געוואָרן. די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן דאָך ניט געוואוסט, אַז איך וויל אָנהויבן פּראָדוצירן מינק־מאַנטלען. זיי ווייסן, אַז איך אַרבעט אַ וואָלוול אַרטיקל. נו, אַז זיי האָבן געזען, אַז איך שנייד אַ מינק־מאַנטל, און אַז איך רוף אַלעמאָל אַריין אין שאַפּ מיין יונגע, חנעוודיק מאָדעל־מיידל, און מעסט אָן אויף איר די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דעם נאָך־ניט־פֿאַרטיקן מאַנטל, און איך פֿרעג זי: ׳עס געפֿעלט דיר, מוירטל?...׳ מער האָבן זיי ניט באַדאַרפֿט”...

ער האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין:

„איצט פֿאַרשטייסטו שוין מיין אומגליק? ניין, פֿאַרשטייסט נאָך אַלץ ניט? וועל איך דיר דערקלערן. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן רעדן צווישן זיך, אַז איך מאַך אַ מינק־מאַנטל פֿאַר איר, פֿאַר מיין מאָדעל... צוערשט האָבן זיי גערעדט אינדערשטיל. דערנאָך אַ ביסל העכער. מיין

ווייב האָט דערהערט... איצט פֿאַרשטייסטו שוין, האַ? אוי, ברודער־לעבן, האָב איך געהאַט צרות", האָט מיסטער ש. געזאָגט מיט אַ טרויעריקער שטים. „איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי איך האָב דאָס איבערגעטראָגן. זי האָט געוויינט און געקלאָגט, מיין ווייב, און מיטאַמאָל האָט זי אָנגעהויבן רעדן פֿון זעלבסטמאָרד... דאָס האָט מיך שוין גאָר פֿריטשמעליעט. איך האָב ניט געקענט אַרבעטן. דער קאָפּ איז מיר ניט געלעגן ביי מיין געשעפֿט. אינמיטן טאָג פֿלעגט זיך מיר פּלוצים אויסווייזן, אַז מיין ווייב איז באַגאַנגען זעלבסמאָרד, פֿלעג איך לויפֿן אַהיים".

טרערן האָבן אָנגעפֿילט זיינע אויגן. עס האָט מיר פֿאַרקלעמט ביים האַרצן, זעענדיק ווי דער מענטש ליידט. איך האָב ניט געוואַגט אים איבערצושלאָגן די רייד און האָב אים געלאָזט רעדן.

ער האָט אויסגעווישט די טרערן פֿון זיינע אויגן, האָט אַ כליפּע געטאָן אינדערשטיל, און מיט אָפּגעריסענע ווערטער געזאָגט:

„ווייסט, איך ווינטש דאָס ניט מיין ערגסטן שונא, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. צוליב דעם מינק־מאַנטל בין איך שיער ניט אַרונטער פֿון זינען. ווען איך האָב אָוועקגעשיקט מוירטלען, איז מיין ווייב געוואָרן אַ ביסל רואיקער. גלויב מיר, עס האָט מיר ווי געטאָן, וואָס דאָס אָרעמע מאָדעל־מיידל האָט פֿאַרלוירן איר דזשאָב צוליב מיין ווייבס נאַרישן פֿאַרדאַכט. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? מיינסט דאָך, אַז דערמיט האָט זיך געענדיקט מיין אומגליק? מאַכסטו אַ טעות. מיין ווייב האָט געריסן פֿון מיר שטיקער, איך זאָל פֿאַרקויפֿן דעם מינק־מאַנטל. אַזוי לאַנג ווי דער מאַנטל וועט זיך געפֿינען אין מיין שאַפּ, וועט זי זיך ניט קענען באַרואיקן, — האָט מיין ווייב געטענהט. אָבער איך האָב דעם אומגליק ניט געקענט פֿאַרקויפֿן. איך בין געווען גרייט צו פֿאַרלירן געלט אין דעם מאַנטל, אָבער ווי אויף צו־להכעיס האָט זיך אַ דריי געטאָן דאָס רעדל, און מען האָט פּלוצים אויפֿגעהערט קויפֿן מינק־מאַנטלען. וואָס זאָל איך דיר דערציילן, ברודער־לעבן? מיינע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן פֿונדאָסניי. וואָס לענגער איך האָב זיך געהאַלטן מיטן מאַנטל, אַלץ נערוועזער איז מיין ווייב געוואָרן".

ער האָט גענומען זיפֿצן.

„ווייסטו אין וואָס זי האָט מיך פֿאַרדעכטיקט?" — האָט ער זיך געוועגדט צו מיר. „אַי, אַי, וואָס פֿרויען קענען זיך אַריינעמען אין קאָפּ אַריין! זי האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך קען דעם מאַנטל פֿאַרקויפֿן און איך וויל אים ניט פֿאַרקויפֿן, ווייל דער מאַנטל באַלאַנגט צו מיין מאָדעל... פֿאַרשטייסט?... האָב איך דאָך געזען, אַז דער מינק־מאַנטל וועט רואינירן מיין פֿאַמיליע־לעבן און וועט מיך טרייבן צו משוגעת.

האָב איך באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור צו ווערן פונם אומגליק. אַפילו ווען איך דאַרף אים פאַרקויפן פאַר אַ העלפט פּרייז. אָבער עס האָט מיך פאַרדראָסן אַוועקצושענקען אַזאַ שיינעם מאַנטל צו פרעמדע. דערצו וואָלטן דאָך די קונים געדענקט, אַז אָדער איך בין טאַקע משוגע, אָדער, אַז איך פאַרקויף גנבישע סחורה. אַנדערש, ווי אַזוי פאַרקויפט מען דאָס אַזאַ טייערן מאַנטל אַזוי ביליק? פאַרשטייסט?"

„וואָס־זשע האָסטו געטאָן?" — האָב איך אים געפרעגט.

„געטאָן האָב איך גראַד גוט, נאָר אַרויסגעקומען איז זייער ביטער", האָט ער אַ פאַרצווייפלטער פאַרגעזעצט. „איך האָב פאַרקויפט דעם מאַנטל צו מיין בוכהאַלטערין פאַר פינף הונדערט דאָלער, כאָטש ער האָט מיך אַליין געקאָסט טויזנט, ניט רעכענענדיק דאָס אַרבעט־געלט. מעגסט מיר גלויבן, אַז דער מאַנטל איז ווערט געווען צוויי טויזנט דאָלער".

„פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?"

„פאַרוואָס האָב איך דאָס געטאָן? ווייל, כ'האָב געטראַכט: אויב שוין יאָ אַוועקגעבן דעם מאַנטל האַלב אומזיסט, טאָ זאָל אַן אַרבעטער־מיידל, מיין בוכהאַלטערין, וואָס דינט מיר געטריי שוין צען יאָר, אַריינכאַפּן אַ מציאה. צי מיין בוכהאַלטערין האָט זיך געפרייט, פרעגסטו? איך פרעג דיך. ווען וואָלט זי אַפילו געוואָגט טרוימען וועגן אַ מינק־מאַנטל? דאָס אָרעמע מיידל האָט געציטערט פון פרייד. אָבער אין אַ וואָך אַרום האָט זי מיר צוריקגעבראַכט דעם מאַנטל, און האָט מיך פאַרלאָזט... פאַרוואָס, פרעגסטו? ווייל מיין בוכהאַלטערין האָט אַ חתן. ריכטיקער, זי האָט געהאַט אַ חתן. ווייסטו, וואָס דער חתן האָט געזאָגט, — און איך האָב צו אים גאָרניט, — ער האָט געזאָגט, אַז אים געפעלט ניט די געשיכטע... וואָס הייסט עפעס, — האָט ער געזאָגט, — איך גיב אַוועק מיין בוכהאַלטערין אַ מינק־מאַנטל אומזיסט?... פאַרשטייסט? ער האָט זי פאַרדעכטיקט, פונקט ווי מיין ווייב האָט פאַרדעכטיקט, אַז איך האָב געמאַכט דעם מאַנטל פאַר מוירטלען... איצט זעסטו שוין, וואָס פאַר אַן אומגליקלעכער מאַנטל דאָס איז?"

„וואָס־זשע האָסטו געטאָן?"

„וואָס איך האָב געטאָן, פרעגסטו? ביסט שוין אויך פאַראינטערעסירט, ווי איך זע, אין מיין אומגליק... איך בין אַזוי בייז געוואָרן אויפן מאַנטל, וואָס מאַכט אומגליקלעך מענטשן, אַז איך האָב אים צעשניטן און געמאַכט פאַר זיך אַ ווינטער־מאַנטל. איך האָב געטראַכט: שוין, פאַרטיק, פּטור געוואָרן פון אַן אַנשיקעניש... אָבער ניין, ער לאָזט מיך ניט אָפּ, דער אומגליק", האָט מיסטער ש. געזיפצט. „ער פאַרפאָלגט מיך... איך קען זיך ניט אָפּטשעפּען פון אים. מיט צוויי וואָכן צוריק קומט אַריין דער

אייגנטימער פֿון דער געביידע, וואו איך האָב מיין שאָפּ, און ער לאָזט מיר וויסן, אַז ער העכערט מיין דירה־געלט. סטייטש, פֿרעג איך אים, פֿאַרוואָס? איר האָט דאָך מיר ערשט ניט לאַנג געהעכערט דאָס דירה־געלט, טאָ וואָס איז ווידער אַ העכערונג? ׳וואָס ערגערט איר זיך׳, מאַכט ער צו מיר מיט אַ גנבישׁ שמייכעלע. ׳וואָס איז, איר דערלייגט, חלילה, איר פֿאַרלירט עפּעס? אויב איר קענט פֿאַר זיך אויפֿנייען אַ פֿוטערנעם מאַנטל, וואָס איז ווערט טויזנט דאָלער, מעגט איר צאָלן אַ ביסל מער דירה־געלט פֿאַרן שאָפּ׳... ער איז ניט דער איינציקער, וואָס רעדט צו מיר אַזעלכע דיבורים. וואו איך גיי און וואו איך שטיי, לאָזט מען מיר וויסן, אַז אַזאַ גביר, ווי איך, מעג באַצאָלן מער. וואָס דאַרפֿסטו נאָך, אַפֿילו דער וועיטער אין רעסטאָראַן האָט מיר מיט אַ גוט־ברודעריש שמייכעלע געלאָזט וויסן, אַז איך מעג שוין איבערלאָזן אויפֿן טיש אַ גרעסערן ׳טיפּ׳ פֿאַר אים. ׳אויב׳, זאָגט ער, ׳איר קענט זיך פֿאַרגינען אַ מינק־מאַנטל, מעגט איר זיך פֿאַרגינען צו באַהאַנדלען די אַרבעטער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ מיליאָנער׳. דו הערסט, איך בעט דיך? אַ מיליאָנער בין איך שוין געוואָרן!... אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, קען מען זיך פֿון אים ניט אַרויסדרייען״, האָט מיסטער ש. געזיפֿצט.

„נו, וואָס דענקסטו צו טאָן?״

„וואַרט, איך בין נאָך ניט פֿאַרטיק. האָסט מיך געדולדיק אויסגעהערט ביז איצט, טאָ זיי אַזוי גוט און לאָז מיך רעדן נאָך אַ מינוט״, האָט ער זיך געבעטן ביי מיר.

„נו, מילא, רעד״, האָב איך זיך אונטערגעגעבן.

„איצט הער, וואָס ס׳האָט פּאַסירט נעכטן״, האָט ער פֿאַרגעזעצט. „איך האָב זיך געווענדט צו מיין באַנק נאָך אַ הלוואה פֿון פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלער. מיינע צאָלונגען ווערן געמאַכט פּינקטלעך. מיין נאָמען איז גוט אין באַנק. יעדעס יאָר, ווי עס פֿירט זיך, גיב איך אַריין אַ געשריבענע דערקלערונג אין באַנק וועגן מיין פֿינאַנציעלן צושטאַנד, וועגן מיינע אויסגאָבן, מיינע פֿאַרדינסטן, מיינע חובות, און אַזוי ווייטער. נעכטן גיי איך אין מיין באַנק אַרויסנעמען די הלוואה פֿון די פֿינף־און־צוואַנציק טויזנט דאָלער, וואָס איך קריג יערלעך. אוי, אַן אומגליק! מען גיט מיר ניט!... דו פֿאַרשטייסט? די באַנק, מיין באַנק, מיט וועלכער איך טו געשעפֿט אַזוי פֿיל, — זי טרויט מיר ניט ... פֿאַרוואָס, פֿרעגסטו? איבער דעם מינק־מאַנטל! זעסטו שוין, וואוהין דער אומגליק קריכט? ער פֿאַרלויפֿט מיר דעם וועג״...

„איך הויב ניט אָן פֿאַרשטיין, וואָס דו רעדסט״.

„פֿאַרשטייסט ניט? איך האָב אויך ניט פֿאַרשטאַנען. אָבער איצט פֿאַרשטיי איך שוין זייער גוט די געשיכטע. אַן אומגליק איז אַן אומגליק".

„אָבער וואָרום האָט די באַנק דיר ניט געגעבן די הלוואה?"

„וואָס הייסט, וואָרום? איך זאָג דאָך דיר: צוליב דעם אומגליקלעכן מינק־מאַנטל. דער פּרעזידענט האָט מיך אַריינגערופֿן אין זיין פּריוואַטן אָפֿיס, האָט אַרויסגענומען מיין געשריבענע פֿינאַנציעלע דערקלערונג, וואָס איך האָב צוגעשטעלט דער באַנק, האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער אויסגאַבע פֿון דעם מינק־מאַנטל און האָט פֿאַרזיכטיק און זייער טאַקטיש מיר געלייענט אַ לעקציע.

„— מיסטער ש.," האָט דער פּרעזידענט פֿון דער באַנק מיר געזאָגט אין אַ פֿאָטערלעכן טאָן. — „אייער פֿאַבריק איז אַ גאַנץ וואויל געשעפֿט. יעדעס יאָר ווערט אייער קאַפּיטאַל פֿאַרגרעסערט. איר לעבט מיט אויסרע־רענונג, ווי אַ פּראַקטישער און פֿאַראַנטוואָרטלעכער געשעפֿטסמאַן. איר צאָלט אייערע חובות אין צייט. אייער קרעדיט איז גוט".

„— איז דאָך פֿיין, מיסטער פּרעזידענט", — האָב איך אים איבערגע־שלאָגן די רייד. — „טאָ וואָרום האָט איר פּלוצים זיך אָפּגעזאָגט מיר צו לייען געלט?"

„— ווייל" — האָט דער פּרעזידענט געענטפֿערט, — „איר הויבט אָן אַרויסווייזן סימנים פֿון פֿאַרשווענדונג. איר הויבט אָן לעבן, ניט לויט אייערע מעגלעכקייטן".

„— וואָס מיינט איר מיט דעם?" — האָב איך, כמעט אַן אויפֿגע־רעגטער אויסגעשריגן צום פּרעזידענט פֿון דער באַנק.

„— גאַנץ פּשוט", — זאָגט ער מיר אין דעם זעלבן געלאַסענעם און געמיטלעכן טאָן. — „איר טאָרט זיך ניט דערלויבן צו מאַכן אַ ווינ־טער־מאַנטל פֿון די בעסטע מינק־פֿעלן, וואָס באַטרעפֿט טויזנט דאָלער. דאָס, מיסטער ש.", — זאָגט ער מיר, — „איז ניט פּראַקטיש, און שטעלט אייער גוט־גייענדיק געשעפֿט אין געפֿאַר. איר פֿאַרשטייט, מיין ליבער מיסטער ש.?" — זאָגט מיר דער פּרעזידענט פֿון דער באַנק. — „מיר פֿאַרמאָגן אַ היפּש ביסל דערפֿאַרונג אין געלט־טראַנסאַקציעס, און מיר דערקענען די ערשטע סימנים פֿון אַן ערנסטער געפֿאַר. היינט ווילט זיך אַ מינק־מאַנטל, מאָרגן פֿאַרגלוסט זיך אַ טייערער אויטאָמאָביל, אַ גרע־סער הויז. נו, מיין טייערער מיסטער ש., אייער געשעפֿט טראָגט ניט פֿאַר אַזעלכע זאַכן"...

„איצט פֿאַרשטייסטו שוין, וואָס פֿאַר אַן אומגליק, וואָס פֿאַר אַן אַנ־שיקעניש דער מאַנטל איז?" — האָט מיסטער ש. מיך געפֿרעגט מיט

פֿאַרצווייפֿלונג. „נעם אים צו פֿון מיר... נעם צו דעם אומגליק פֿון מיר, איך בעט דיך!... אָדער גיב מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם פֿאַרשאָלטענעם מאַנטל. ער רואינירט מיך, זאָג איך דיר".

„איצט באַרואיק זיך", האָב איך זיך געווענדט צום פֿאַרצווייפֿלטן מיסטער ש., — און מיר וועלן אינאײנעם באַטראַכטן, וואָס מען זאָל טאָן מיט דעם אומגליק".

„אָט טאָקע דערפֿאַר בין איך געקומען צו דיר. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט מיר העלפֿן", האָט מיסטער ש., אַ צופֿרידענער, געזאָגט.

„הייסט עס, אַז דו ווילסט פּטור ווערן פֿון דעם מאַנטל?"

„יאָ, זיכער! איך וויל אים אַוועקשענקען. איך וויל אים מער ניט אָנקוקן. ער פֿאַרפֿאָלגט מיך. איך וועל קראַנק ווערן פֿון דעם אומגליק".

„נו, טאָ הער אויס, וואָס איך שלאָג דיר פֿאָר. גיב אים אַוועק צום ראַשיען רעליף, וועסטו טאָן אַ גוטע זאַך, און וועסט אויך פּטור ווערן פֿון אים".

מיסטער ש. איז בלאַס געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ מאָדנעם פֿייער.

„דאָס, הייסט עס, איז דיין עצה?" — האָט ער מיך געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרשטיקטער אויפֿרעגונג אין זיין שטים. „דיין מיינונג איז, הייסט עס, אַז איך זאָל שיקן מיין מאַנטל קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד? דאָס, הייסט עס, ראַטסטו מיך צו טאָן?"

„יאָ, דאָס איז מיין מיינונג. ווילסט דאָך פּטור ווערן פֿון אים? ווילסט דאָך אים אַוועקשענקען?"

„אַ שיינעם דאַנק דיר פֿאַר דיין עצה, אָבער איך וועל דאָס ניט טאָן", האָט מיסטער ש. געציטערט פֿון אויפֿרעגונג.

„פֿאַרוואָס?"

„פֿאַרוואָס, פֿרעגסטו מיך? הער זיך איין! איך בין טאָקע אַ פֿאַבריקאַנט, אַן עקספּלואַטאַטאָר, אָבער דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז מיר ליב און טייער... אַ דאַנק דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זענען מיר אַלע געראַטעוועט פֿון די נאַצישע בעסטיעס. זיי האָבן דאָרטן אַוועקגעלייגט מיליאָנען יונגע לעבנס פֿאַר אונדז אַלעמען, פֿאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. ווילסטו, איך זאָל שיקן אַהין אַזאַ אומגליק? ניין, דאָס טו איך ניט!... ניין, ברודער־לעבן, דאָס טו איך ניט"...

ער האָט געוואָרפֿן בליקן אויפֿן מאַנטל:

„ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַן אומגליק מיין אומגליקלעכער מינקמאַנטל קען נאָך ברענגען דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ניין, קיין אומגליקן שיק איך ניט צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ניט איך, ברודער־לעבן... דאָס



האָט דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ניט פֿאַרדינט ביי אונדז... איך שיק דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד טויזנט האַרציקע ברכות יעדן טאָג. איך בין צופֿרידן צו העלפֿן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד מאַטעריעל מיט וויפֿל איך קען... אָבער קיין אומגליקן וועל איך קיינמאָל ניט שיקן אין יענעם גרויסן לאַנד... ניין, איך קען דיין עצה ניט אָננעמען", האָט מיסטער ש. אַ דערשלאָגענער געזאָגט. „איך וועל שוין בעסער אַליין זיך האַלטן מיט מיין צרה, איידער אָננעמען דיין עצה".

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל און זיך געלאָזט צו דער טיר. ווען ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון דער האַלב־אָפֿענער טיר, האָט ער אַרויסגעזיפֿצט: „אוי, אַן אומגליק, אַן אומגליק!"

אַזאַ אָנשיקעניש

ווייסטו וואָס פֿאַר אַ סאָרט קרענק עס איז פּוירסעקיושאָן מעיניאַ, אָדער אויף אידיש, פֿאַרפֿאָלגונג־מאַניע?

אָט פֿון דער דאָזיקער אָנשיקעניש לייד איך. דער אמת איז, אַז ליידן, לייד איך גראָד ניט פֿון דער קרענק. נאָר דער פּראָפֿעסאָר זאָגט, אַז איך לייד. און ווי דענקסטו, ווער וועט געווינען דעם אַרגומענט, איך, אַ פּשוטער עמך (אַמכאַ), צי דער פּראָפֿעסאָר מיט די דיפּלאָמען?

דאָס ערגסטע איז, וואָס דער פּראָפֿעסאָר האָט שוין כּמעט ווי אי־בערצייגט מיין ווייב, אַז איך בין אַ מאַניאַק. נו, ווי מיינסטו, אַשטייגער, וועל איך זיין בכּוח צו פֿירן אַ קאַמף אי קעגן דעם פּראָפֿעסאָר, אי קעגן מיין ווייב? אַ נעכטיקער טאָג. ס'איז אַ פֿאַרלוירענע שלאַכט. טראַכט איך, אַז אפשר וואָלט שוין געווען בעסער, איך זאָל זיך אונטערגעבן און פֿאַרטיק.

כאָטש צוריק גערעדט, וואָס הייסט עפּעס איך זאָל זיך אונטערגעבן? וואָס הייסט עפּעס, מען זאָל נעמען אַ קלאָרן מענטשן און אים איינרעדן אַ קרענק, און אים מאַכן פֿאַר אַ מאַניאַק? נו, אַז איך בין אַ פּשוטער און פּראָסטער אַרבעטער, איז וואָס? איז הפקר־פּעטרישקע? עפּעס אַ האָלע־דריגע אַ פּראָפֿעסאָר קומט און זאָגט — משוגענער. דערנאָך קומט די אייגענע ווייב, און פֿאַרטיק, אַראָפּ פֿון מאַרק. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט, און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿינצטער לעבן? כאָטש נעם אַ שטריק און הענג זיך אויף. נו, וועלן זיי דאָך טאַקע זאָגן: „ער איז ניט געווען ביים זינען".

און ווי נעמט דאָס אַ מענטש און הענגט זיך? ווייל אַ הינטישער פּראָפֿעסאָר האָט געפּסקנט, אַז איך בין אַ מאַניאַק?

ווילסט וויסן וואָס ס'האָט פּאַסירט? וועל איך דיר דערציילן.

שוין עטלעכע חדשים, אַז איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען. אין אָנהויב האָב איך זיך געמאַכט ניט וויסנדיק. איך האָב זיך געטראַכט: מילא, אַ שטיקל קאָפּ־ווייטאָג, — ווער האָט דאָס היינטיקע צייטן ניט קיין

קאָפּ־ווייטאָג? אָדער — אַ ביסל בויך־ווייטאָג. מסתמא געכאַפּט אַ שלעכטן ביסן אין דער קאַפעטעריע.

גאָרניט, אַז מען זיצט שוין אַזוי פיל יאָרן ביי דער מאַשין, איז אַ ווייטאָג אין די קריזשעס ניט קיין נאָווינע. איז אָפּגעווישט די ליפּן, און שאַ, ווידער געריבן אויף דער קאַטערינקע.

אָבער זעסטו, דאָס ניט קענען שלאָפן, האָט שוין ניט געטויגט. פאַר־שטייסט דאָך אַליין, אַז אַ מענטש קומט אַהיים אַ פאַרמאַטערטער פון אַ שווערן טאָג אַרבעט, און מאַטערט זיך דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט איינצו־שלאָפן און ער קען ניט... קאַטשעט זיך אויף אַלע זייטן, און בלייבט ליגן אַן אויסגעמוטשעטער מיט אָפענע אויגן ווי אַ געקוילעטע קאַלב, דאָס האָט שוין ניט געטויגט.

אויף מאָרגן קומט מען אין שאַפּ אַריין אַ מידער, אַן אַנגעבלאָזענער, און איינס־צוויי ווערט מען אויפגערעגט. דאָס, זעסטו, האָט מיך שוין גאָר פריטשמעליעט.

אַזוי ווי איך דערצייל דיר, נאַכט נאָך נאַכט — זאָלסט עס זאָגן, איך זאָל צומאַכן אַן אויג!

געוויס בין איך געגאַנגען צום דאָקטער. וואָס דען, איך בין ניט גע־גאַנגען? דאַרפסט מיך נאָך פרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן?

וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט? ער האָט מיך געשיקט צו אַ פּראָפעסאָר.

מעגסט מיר גלויבן, הערסטו, אַז עס איז מיר אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים, איידער איך האָב זיך דערשלאָגן צו דעם גרויסן פּראָפעסאָר. ערשטנס, האָב איך געמוזט וואַרטן צוויי וואָכן ביז די גליקלעכע שעה איז געקומען, איך זאָל קענען אַריינקומען צום פּראָפעסאָר. דערנאָך האָב איך באַדאַרפט ענטפערן אויף טויזנט פראַגן, וואָס די נוירס האָט מיר געשטעלט. זי האָט פאַרשריבן כמעט אַ גאַנץ בוך.

מיינסט, עס איז מיר אָנגעקומען גרינג צו ענטפערן אויף די פראַגן? גיי, געדענק, אַשטייגער, צי מיין זיידע האָט ווען־עס־איז געליטן פון קאָפּ־ווייטאָג, און צי ער האָט זיך אָפּט אויפגערעגט. נו, וואָס דען, האָסט שוין געזען אַ זיידן, וואָס זאָל ניט זיין קיין כעסן? און גיי דערצייל איר — דער נוירס, הייסט עס — ווי אַזוי מיין באָבע, וואָס איז גראָד געווען אַ גוטע, שטילע און האַרציקע אידענע, האָט אַזוי פיל יאָרן געקענט אויסקומען מיט מיין זיידן, דעם כעסן! און וואָס, למשל, וואָלסטו געזאָגט, ווען מען פרעגט דיך פון וואָס דיין באָבע — וואָס האָט געבוירן זיבעצן קינדער, און האָט אַליין אויפגעכאָוועט אין אָרעמקייט דרייצן פון די זיבעצן — איז געשטאָרבן? פון וואַנען, איך בעט דיך, זאָל איך וויסן פון וואָס מיין

באָבע איז געשטאָרבן? זי האָט אויסגעלעבט אירע פֿיר־און־אַכציק יאָר, האָט אָפּגעטאָן אירס אויף דער וועלט און איז געשטאָרבן! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נייעס??!

הכּלל, איך האָב אָפּגעשוויצט און אָפּגעענטפֿערט אויף אַלע אירע פֿראַגן, און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן.

ביז, ענדלעך, איך האָב זיך דערוואַרט און אַריין צום פּראָפֿעסאָר.

מיינסטו דאָך, אַז דער גרויסער פּראָפֿעסאָר אונטערזוכט מיך? אַ נעכטיקער טאָג! ער ווייסט שוין, זאָגט ער, וואָס ער דאַרף וויסן — פֿון די פֿראַגן, וואָס זיין נוירס האָט געפֿרעגט, און פֿון די ענטפֿערס, וואָס איך האָב געענטפֿערט.

נו, מילא, אַז ער ווייסט, ווייסט ער. וואָס וועל איך זיך גיין מישן אין זיינע געשעפֿטן? זע איך דאָך, אַז ער פֿאַרשטייט אַן עסק, דערצייל איך אים, וואָס עס דריקט מיך.

וואָס איך האָב אים דערציילט?

איך האָב אים דערציילט דעם אמת. איך האָב אים דערציילט ווי איך מאַטער זיך אין שאָפּ. איך האָב אָנגעהויבן מיין דזשאָב ביי משהן מיט די גומענע פּאָדעשוועס. איך האָב דערציילט דעם פּראָפֿעסאָר, ווי דער משה, דער באָס מיינער, פֿלעגט אין גאַס טראָגן שיך מיט לעדערנע זוילן, נאָר אין שאָפּ פֿלעגט ער טראָגן שיך מיט גומענע זוילן, מען זאָל ניט הערן ווי ער גייט; און ווי ער שאַרט זיך שטילערהייט, ווי אַ גנב, לעבן די ווענט און היט די אַרבעטער.

ווי, ווי! וויפֿל צרות איך בין זיך אויסגעשטאַנען ביי דעם משה מיט די גומענע זוילן! וויפֿל אַרבעט איך האָב ניט געמאַכט, איז אים אַלץ געווען ווייניק. איך פֿלעג אַרויסיאָגן די קישקעס פֿון זיך, אָבער משהן האָט דאָס ניט צופֿרידנגעשטעלט. יעדע שעה פֿלעגט ער מיר ציילן די אַרבעט. טאָמער פֿלעג איך זיך אַריינכאַפּן אויף אַ מינוט אין דעם וואַש־צימער, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, פֿאַררויכערן אַ סיגאַרעט, פֿלעגט מיין באָס שטיין לעבן דער טיר און קוקן אויף דעם זייגער, ווי לאַנג איך פֿאַרברענג דאָרטן.

געוויס בין איך אַוועק פֿון יענעם שאָפּ! איך האָב שוין מער ניט גע־קענט אויסהאַלטן דאָרטן. בין איך אָנגעקומען אין אַ שאָפּ, וואו דער באָס האָט געזאָגט, אַז ביי אים דאַרף מען זיך ניט יאָגן. ביי אים דאַרף מען נאָר מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט. קוואַליטי! קוואַליטי! — האָט ער עטלעכע מאָל געזאָגט, — קוואַליטי זוך איך!

האָב איך זיך באמת דערפֿרייט. אָט אַזאַ שאָפּ זוך איך טאַקע. אָבער לאַנג האָב איך דאָרטן אויך ניט געקענט אַרבעטן.

פֿאַרוואָס, פֿרעגסטו?

ווייל די ערשטע פּאָר וואָכן האָט דער באָס געהאַלטן אין איין טרייבערן מיינע קישקעס: קוואַליטי! קוואַליטי! ביי מיר מוז מען מאַכן גוטע אַר־בעט! ביי מיר מאַכט מען „פֿענסי״ אַרבעט! נו, פֿלעג איך זיך אַרויסנעמען די אויגן ביי דער אַרבעט. איך פֿלעג פּשוט אויסדרייען מיינע פֿינגער, צוצושטעלן מיין נייעם באָס זיין „פֿענסי״ מלאכה. ווען אַלץ איז שוין געגאַנגען ווי געשמירט, ווען מיין אַרבעט איז שוין אַנערקענט געוואָרן, האָט דער קאָנאַריק, מיין נייער באָס הייסט עס, אָנגעהויבן זינגען אַ ביי ליד. איצט, — אַז דו מאַכסט שוין אַ גוט שטיקל אַרבעט, מעגסטו שוין אָנהויבן מאַכן שנעלער... מיך אַרט ניט ווי שנעל אַן אַרבעטער אַרבעט, זאָגט ער, אַבי ער מאַכט גוט...

אָט אַזוי האָב איך זיך אָפּגעמוטשעט אַ קיילעכדיק יאָר אין יענעם שאַפּ. אַלע טאָג, אַלע שעה האָב איך געהערט די זעלבע טענה. אַ פֿיין שטיקל אַרבעט!... פֿאַרמאָגסט גאָלדענע פֿינגער... נאָר — גיב זיך אַ שאָקל... זאָל זיין וואָס בעסער, אַבי גיכער! מאַך אַ טאָג אַרבעט!

בין איך אַוועק פֿון יענעם גיהנום, און בין אָנגעקומען אין אַ נייעם גיהנום. אין מיין נייעם שאַפּ איז שוין אַלץ געווען גוט, נאָר דער פֿאָרמאַן, אַ וויסטער חלום אויף אים, לאָזט ניט רוען. אַ גאַנצן טאָג, פֿאַרמאַכט זיך אים ניט ס׳מויל. ער איז אַן אָפּגעהאַרציקער לומפּ. ער האָט פֿיינט יוניאָנס — איז אַ גאַנצן טאָג באַמבאַרדירט ער יוניאָנס. לינקע און קאָמוניסטן קען ער ניט פֿאַרטראָגן — איז אַ גאַנצן טאָג זידלט ער לינקע און קאָ־מוניסטן.

ווער איז ביי אים ניט קיין קאָמוניסט? רוזוועלט איז ביי אים גע־ווען אַ פֿאַרברענטער קאָמוניסט, און וואַלאַס איז ביי אים אַ קאָמוניסט, און אַלבערט איינשטיין און סענאַטאָר פּעפּער, און פֿיליפּ מאַרעי זענען ביי אים געפֿערלעכע קאָמוניסטן. יוניאָנס זענען ביי אים „רעקעטס״. און יוניאָן־אַרבעטער זענען ביי אים צעטיילט אין צוויי קלאַסן. איין קלאַס באַשטייט פֿון גלאַט רעקעטירס, וואָס ווילן ניט אַרבעטן, און ווילן הויכע ווערידזשעס. דער צווייטער קלאַס באַשטייט ביי אים פֿון קאָמוניסטן, וואָס ווילן, אַז די באָסעס זאָלן ווערן די אַרבעטער, און די אַרבעטער זאָלן ווערן די באָסעס...

„פּלוידערזאַק״, האָבן די אַרבעטער גערופֿן דעם דאָזיקן פֿאָרמאַן.

אָט דער פּלוידערזאַק האָט טאַקע פֿיינט געהאַט היטלערן און מוסאָ־ליניען און פֿראַנקאָן. וואָס אמת, איז אמת. נאָר וואָס דען? די קאָנ־צענטראַציע לאַגערן פֿאַר יוניאָן־פֿירער, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן און בכלל פּראָגרעסיוויסטן, זענען אים גראָד געפֿעלן...

דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם האָט אונדזער פּלוידערזאַק פֿיינט בע־

האָט מיט אַלע זיינע חושים. אַ פֿינצטער יאָר אויף זיי, אויף די ענגלישע לאָרדן, פֿלעגט ער שרייען, ווי לאַנג וועלן זיי פֿאַרקנעכטעווען די וועלט? האָט ער דאָך גערעדט ווי אַ מענטש, אַ יאָ. נאָר וואָס דען, מיט איין קלייניקייט פֿלעגט ער איבערפֿירן די גאַנצע זופּ. שוין צייט, פֿלעגט דער פּלוידערזאַק זיך קאָכן, אַז מיר, אַמעריקע, זאָל איבערנעמען די ענגלישע קאָלאָניעס. פֿאַרשטייסט אַן עסק?

קיין שונא פֿון סאָוועטן פֿאַרבאַנד איז דער פּלוידערזאַק גראָד ניט. פֿאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז די רוסן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, האָבן אַ רעכט צו האָבן וואָס פֿאַר אַ רעגירונג זיי ווילן. אויב די רוסן, — פֿלעגט ער טענהן — ווילן סאָוועטן, איז דאָס זייער רעכט. זאָלן זיי זיך האָבן סאָוועטן. נאָר וואָס דען, אַמעריקע דאַרף איבערנעמען רוסלאַנד פֿאַר ווייניקסטנס פֿופֿציק יאָר. פֿאַרשטייסט, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל דאָס איז?

ווי לאַנג, פֿרעג איך דיך, קען אַן אַרבעטער אויסהאַלטן פֿון אַזאַ פּלוידערזאַק? האָב איך פֿאַרלאָזט יענעם שאַפּ אויך.

צי איך האָב דאָס אַלץ דערציילט דעם פּראָפֿעסאָר? געוויס האָב איך אים דערציילט.

איך האָב אים דערציילט די צרות, וואָס איך האָב פֿון מיין לענדלאָרד.

ווינטער דאַרף איך זיך קריגן מיט מיין לענדלאָרד פֿאַר אַ ביסל סטים. זומער פֿעלט אויס וואַסער. פֿיל פֿרימאָרגנס פֿאַרלאָז איך מיין הויז אַ ניט־דערוואַשענער, ווייל אין מיטן דערינען, בלייבט דער קראַן שטיין ווי אַ גולם, און כאָטש צערייס זיך, קענסטו פֿון אים ניט אַרויסקריגן אַפֿילו אַ טראָפּן וואַסער. די טירן אין מיין הויז פֿאַרמאַכן זיך ניט, און די פֿענצטער עפֿענען זיך ניט. זעקס טעג אַ וואָך איז דער עלעוועיטאָר צעבראָכן און מיר וואוינען אויף דעם פֿינפֿטן שטאָק. פֿינף יאָר האָט מען שוין מיין דירה ניט געפֿאַרבט, און דער קאָליר פֿון די ווענט איז ענלעך צו אַן אָפּגעסמאַ־ליעטן חזיר.

נו, וואָס דען, איך קריג זיך ניט מיט מיין לענדלאָרד? אַוודאי קריג איך זיך מיט אים! אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פֿון דעם? גאָרניט! איך ערגער זיך און מיין לענדלאָרד שמייכלט.

וואָס דער פּראָפֿעסאָר האָט געזאָגט? ער האָט מיך אויסגעהערט, פֿיין, געדולדיק, מיט פּראָפֿעסאָרישער נייגעריקייט און גזלנישער קאַלט־בלוטיקייט, האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין בענקל, און מיט געמאָסטענע טריט צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר אָנגעטאַפּט מיינע הענט, האָט מיט זיינע גראָבע פֿינגער פֿאַרזיכטיק פֿאַרקאַטשעט מיינע אונטערשטע אויגן־לעפּלעך, האָט אָנגעטאַפּט מיין דופּק, זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין בענקל, און רואיק אַרויסגעזאָגט: „איר ליידט פֿון פּוירסעקיושאָן מעיניאַ".

„וואָס מיינט דאָס, מיסטער פּראָפעסאָר", האָב איך ווי אַ פאַרמשפּטער אַרויסגעשטאַמלט.

„איר ליידט", האָט דער פּראָפעסאָר מיט דער זעלביקער רואיקייט מיר דערקלערט. „פון אַן איינרעדעניש, אַז מען פאַרפאָלגט אייך".

„וואָס ?" — האָב איך כמעט ווי אויסגעשריגן. „וואָס הייסט ? האָסט שוין געהערט אַזאַ מעשה ?"

איך האָב געזאָגט דעם גרויסן פּראָפעסאָר, אַז ער ווייסט ניט פון זיין נאָמען און פון זיין חיות. אַז ע ר וואָלט געדאַרפט גיין אין די שעפּער אַרבעטן, וואָלט ער געזען צי אַרבעטער ליידן פון איינרעדעניש, פון אַ „פּוירסעקיושאַן מעיניאַ". זאָל ער גיין וואוינען אין מיין דירה כאָטש איין יאָר, וועט ער אויסגעפינען צי איך בין משוגע, צי מיין לענדלאָרד איז אַ פּיאַווקע.

וואָס מיין פּראָפעסאָר האָט געזאָגט ? אוי האָט ער געזאָגט ! מיט דעם זעלביקן רואיקן טאָן האָט ער מיר געלעקטשורט, אַז מיין קראַנקהייט איז שוין ליידער אַריינגעטראָטן אין דער צווייטער סטאַדיע, וואָס דריקט זיך אויס אין אַן אומקאָנטראָלירבאַרער אויפרעגונג, וואָס קען אונטער געוויסע אומשטענדן ווערן זייער ערנסט, און מען קען מיך האַלטן פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר די פאָלגן.

דאָס האָט מיך שוין אַרויסגעבראַכט פון געדולד. איך האָב געזאָגט מיין פּראָפעסאָר, אַז ער איז אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ שווינדלער, האָב אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און בין אַרויס.

ווייסטו, וואָס דער בחור האָט געטאָן ?

ער האָט געשיקט רופן מיין ווייב און זי אַזוי אָנגעשראָקן, אַז זי היט מיך אויף שריט און טריט. זי האָט מורא פאַר מיר. זי האָט שוין אויך אויפגעהערט שלאָפן. זי היט מיך. עס איז פון איר געוואָרן אַ העלפט. איך בעט זיך ביי איר, זי זאָל ניט גלויבן דעם פּראָפעסאָר ! אָבער וועמען, איך בעט דיך, וועט זי גלויבן : מיר, צי דעם געלערנטן פּראָפעסאָר מיט די דיפּלאָמען, וועמען מען צאָלט פינף־און־צוואַנציק דאָלער פאַר אַ וויזיט ?

נו, וואָס טוט מען, ברודער־לעבן ? אפשר האָסטו אַן עצה פאַר מיר ? ווי אַזוי קען איך, אַ פּראָסטער אַרבעטער, קעמפן קעגן אַ פּראָפעסאָר און קעגן מיין ווייב ?

ס'איז אַ פאַרלוירענע שלאַכט ? זאָל איך זיך אונטערגעבן ? האַ ? וואָס זאָגסטו ?

טאָ ווער איז משוגע?

זיבן יאָר בין איך דאָרט געווען, גאַנצע זיבן יאָר. שוין מער ווי אַ יאָר אַז איך בין אַרויס פֿון דאָרטן. זאָג איך אייך, אַז ביי איך, דאָ, איז גאָר דאָס אמתע משוגעים־הויז. צען מיליאָן מאָל ערגער ווי דאָרט! עס איז אַ משוגענע וועלט! אַ גרויסע צאָל פֿון אייערע יוניאָן־פֿירער, געזעל־שאַפֿטלעכע פֿירער, און פּאָליטישע פֿירער און די גאָר, גאָר גרויסע קאָרפּן־קעפּ פֿון דער אינדוסטריעלער און פֿינאַנציעלער וועלט, מוז מען פֿאַרשפּאַרן אין משוגעים־הויז. און וואָס גיכער אַלץ בעסער, אויב ניט, וועלן זיי משוגע מאַכן די גאַנצע וועלט.

איר לאַכט פֿון מיר? עס איז ביי אייך אַ געלעכטער? איך פֿיל, אַז איך ווער משוגע ביי אייך, און איר לאַכט!

אַט וועל איך אייך טאַקע באַווייזן, אַז ביי אייך זענען די גרעסטע צאָל פֿירער און גאַנצע מאַכערס פּשוטע משוגעים, און אַז איר ווילט, וועל איך אייך אין איין מינוט באַווייזן, אַז די גאַנצע וועלט ווערט ביסלעכווייז משוגע.

פֿון וואַנען, מיינט איר, קומען די קראַנקע מענטשן, וואָס מען פֿאַר־שפּאַרט אין די סאַנאַטאָריומס? זיי קומען פֿון דרויסן, פֿון אייער פֿרייער וועלט. ניט אמת אפֿשר? האַ?! יעדעס יאָר שטעלט אייער וועלט צו אַלץ מער משוגעים. מען בויט נייע משוגעים־הייזער און מען פֿילט זיי אָן. פֿון דאָרט קומען מיר אַרויס געזונטע, קלאָרע מענטשן. איר פֿאַרשטייט אַן עסק? פֿון דאָרטן, פֿון די משוגעים־הייזער, קומען אַרויס קלאָרע און געזונטע מענטשן, און ביי אייך ווערן מיר ווידער קראַנק און משוגע! זעט איר שוין, אַז ביי אייך, אין דרויסן, איז גאָר די משוגענע וועלט?!

האָט איר זיך אַמאָל פֿאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס עס קומט־פֿאָר אין אַ משוגעים־הויז? געווויס ניט. איר האָט קיין צייט ניט פֿאַר דעם! איר זענט משוגענערווייז פֿאַרנומען מיט צעדרייטע געשעפֿטן פֿון אייער פֿאַרריקטער וועלט.

לאָמיך אייך דערציילן כאָטש אַ ביסל, וועט איר זען, אַז אייער קלאָרע וועלט איז גאָר געפערלעך משוגע.

דאָרט, וואו איך בין געווען, איז איינער געווען אַ נאַפּאָלעאָן. נו, האָט ער עמעצן שלעכט געטאָן? חלילה! ער האָט געמאַכט אַ וואָרעניק פון זיין קאַפּעליוש און האָט אים אָנגעטאָן פּאַפּערעק, האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויפן איכבעטדיכאיבער, אַרומגעשפּאַנט מיטן נאַפּאָלעאָנישן שפּאַן, און געגעבן באַפעלן: „די קאַנאָנען אויף דעם באַרג! די קאַוואַלעריע — אָנפאַלן! מיט שטורעם! קיין טריט צוריק!" א. אַז. וו.

אָבער ביי אייך אַ נאַפּאָלעאָן?! אייער נאַפּאָלעאָן קוילעט דאָך מענטשן! וואָלט מען דאָך על־פּי־יושר און קלאָרן שכל אונדזער נאַפּאָלעאָנען גע־מעגט באַפרייען פון משוגעים־הויז און אייער קלאָרן נאַפּאָלעאָן וואָלט מען באַדאַרפט אַריינזעצן אונטער זיבן שלעסער. בין איך ניט גערעכט, האַ?

אַט, נעמט אונדזער טשוירטשיל. ער גייט אַרום מיטן קאָפּ אַריינ־געגראָבן אין זיינע אַקסלען, אָנגעבלאָזן, מיט אַ גרויסן ציגאַר אין מויל און מאַכט ספּיטשעס. טאָג און נאַכט רעדט ער וועגן זיין אימפּעריע, וועגן זיינע אויל־קוואַלן. קיין שלעכטס טוט ער קיינעם ניט. אָבער אייער טשוירטשיל, דער „קלאָרער" טשוירטשיל, ער מאַכט דאָך אומגליקלעך די וועלט! ער רייצט, ער העצט, ער וועבט נייע פאַרשווערונגען, ער האָט פאַרבלוטיקט די אָרעמע גריכנלאַנד, ער איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער כאַפּטע משוגעים, וואָס האַלטן די וועלט ביים גאַרגל.

פרעג איך אייך, ווער איז געפערלעכער, אונדזער צי אייער טשויר־טשיל? וואָלט ניט געווען געזינטער, אַז אייער טשוירטשיל זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אונדזער טשוירטשיל?

איר ווערט שוין אומגעדולדיק, האַ? איר האָט שוין ניט קיין כּוח צו פאַרנעמען אמתע און אויפריכטיקע רייד? איר זענט פאַרנומען, זאָגט איר? מיט וואָס אַשטייגער, מיט ראַטעווען די משוגענע וועלט פון משו־געת, האַ? אַ יאָ, איך האָב געטראָפן? נו, וועט די וועלט געראַטעוועט ווערן מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער! דערווייל הערט נאָך עטלעכע מעשיות פון אַ געוועזענעם... פאַרגעסט ניט, אַז איך בין דאָרט געווען גאַנצע זיבן יאָר. אָבער משוגע בין איך דאָרט ניט געוואָרן. משוגע בין איך גע־וואָרן דאָ, ביי אייך, אין דרויסן, אויף דער פרייער, קלאָרער וועלט, אַז אַך־און־וויי צו מיר און צו אייך אַלעמען! פאַרגעסט ניט, איך בעט אייך, אַז גראָד דאָרטן, אין משוגעים־הויז, בין איך געזונט געוואָרן, און פון זינט איך בין צוריק ביי אייך, פיל איך, אַז איך גיי אַרונטער פון זינען. איר פאַרשטייט אַן ענין?

האָב איך אייך שוין דערציילט וועגן אונדזער נאַפּאָלעאָן און אונ־

דזער טשווירטשיל. איצט מוז איך אייך דערציילן וועגן אונדזער גרויסן רעדאַקטאָר.

יע־יע, מיר האָבן אויך איינעם אַ ריזן־גרויסן רעדאַקטאָר. איז ער אַ בייזער מענטש, איין גאָט זאָל אָפּהיטן. רק ער איז אַנגעכמורעט, רק ער בייזערט זיך. ער גייט אַרום אַ צעשויבערטער מיט אַ פּענסיל אין האַנט. די וואָנצעס זיינע זענען שטענדיק אָנגעשטעלט צום קריג, און נאָר ער שרייט, און געוואַלדעוועט.

„סוואָלאָטשי, בעזגראַמאַטניע סוואָלאָטשי, זענט איר אַלע" — ליאַרעמט ער — „נאָר אין 'פֿאָרווערטס' קענט איר פּאַטשקען. אין אַן אָנשטענדיקער צייטונג וואָלט מען אייך קיין איין טאָג ניט געהאַלטן!"

אויף וועמען ער שרייט אונדזער „גרויסער רעדאַקטאָר"? וועמען ער רופֿט „סוואָלאָטשי"? וועל איך אייך דערציילן. היינט זידלט ער איינעם, מאָרגן — אַ צווייטן. נאָך דעם „נעקסט" גייט עס ביי אים.

איינמאָל האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו זיינער אַ „האַנט" מיט אַזעלכע געשרייען:

„מיינסט, איך פֿאַרשטיי דיך ניט? מיינסט, איך ווייס ניט אויף וואָס דו וואַרטסט? וואַרטסט אויף מיין טויט, וואַרטסטו, זאָלסט פֿאַרנעמען מיין פּלאַץ, מיין 'דעסק', מיין אָפּיס, און ווערן דער רעדאַקטאָר!

„איך קען דיך! ביסט אַוועק צו דער 'פֿרייהייט' אָבער האָסט זיך באַלד צוריק אומגעקערט, ווייל דו האָסט זיך דערמאַנט, אַז עס לוינט זיך דיר בעסער. טוסט מיר נאָך ווי אַן אַבעזיאַנע, שרייבסט וועגן ליטעראַטור, וועגן פּאָליטיק, באַוואָרפֿסט מיט בלאָטע די באָלשעוויקעס, העצסט קעגן קאָמוניסטן, סטאַרעסט זיך צו ווייזן דיין רעאַקציאָנערן פּרצוף, כּדי אויס־צוגעמען ביי די אַלע בעזגראַמאַטנע מערזאַוועצעס. ווילסט זיי באַווייזן, אַז דו קענסט די מלאכה פּונקט ווי איך. איך לאַך פֿון דיר, דוראַק!

„דערצייל מיר ניט וועגן יענעם דאָרטן! יענער שמירט אַן פֿלאַכטעס, אַז עס קערט די גאַל, און דו פּאַטשקעסט, אַז עס שלאָגט צום האַרצן. אָט־די שרייבעכצן אייערע שרייבט איר דאָך איבער פֿון מיינע אַלטע ווערק!"

הקיצור, אונדזער „גרעסטער רעדאַקטאָר" קאָכט זיך און זידלט זיך און קאַהאַנעוועט פּונקט ווי „דיזער" אויף איסט בראָדוועי, און גאָרניט. עס שאַדט ניט קיינעם. אָבער אייערער האָט דאָך אויסגעכאַוועט אַ כאַפּטע „שרייבער" און יוניאָן־פֿירער, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט דעם עם־האַר־צישן, וואולגאַרישן און צינישן קאַהאַניזם. און זיי סמען מענטשן מיט זייער סחורה יעדן טאָג אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצע פֿופֿציק יאָר. ווען מען וואָלט אַריינגעזעצט די גאַנצע כאַפּטע אין אַ משוגעים־הויז, וואָלט מען פּטור

געוואָרן פֿון אַ באַנדע העצער און אייניקע פֿון זיי וואָלטן אפֿשר פּטור גע־וואָרן פֿון זייער קראַנקהייט.

קענט איר זאָגן, אַז איך בין אומגערעכט ? שאַ, גיט אַ קוק וואָס עס טוט זיך ביי אייך מיט דער קאָנקורענץ פֿאַרן בענקל פֿון דעם פּרעזידענט פֿון אונדזער לאַנד. אַזאַ ריזיקע מדינה, מיט אַזוי פֿיל מיליאָנען מענטשן, מיט אַזוי פֿיל פֿאַרפֿלאָנטערטע אייגענע און וועלט־פּראָבלעמען. עפּעס אַ קלייניקייט, אַ פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן !

על־פּי קלאָרן שכל דאַרף אַ פּרעזידענט זיין אַ שיינער און ריינער מענטש, אַן ערלעכער און פֿעאיקער מענטש, מיט אַ האַרץ און מיט אַ נשמה, איינער, וואָס פֿאַרמאָגט דרך־ארץ פֿאַר דעם מענטש, האָט ליב זיין פֿאָלק, איז שטאָל און אייזן פֿאַר די פּרינציפּן און אידעאַלן און פֿרייהייטן פֿון דע־מאָקראַטיע, וואָס מיר רופֿן „אַמעריקאַניזם", אַ מענטש מיט אַן ערלעכער רעפּוטאַציע, וואָס יאָגט זיך ניט נאָך כּבֿוד, דורשט ניט נאָך מאַכט, איז ניט אָנגעגריפֿן פֿון דער שווידערלעכער קרענק, וואָס הייסט געלט און רייכטום, און איז באַהערשט פֿון דעם גרויסן און הייליקן געפֿיל צו טאָן גוטס און צו ברענגען שלום און פֿרידן אויף דער אומגליקלעכער וועלט. אַזאַ מענטש וואָלט, לויט דעם קלאָרן פֿאַרשטאַנד, באַדאַרפֿט זיין פּרעזידענט פֿון אונדזער גרויס לאַנד, אַ יאָ ?

אַ נו, אדרבא, כאַפּט אַ קוק אויף די, וואָס ווילן זיין פּרעזידענט אין 1948. די טעפֿטס, און די וואַנדענבערגס, און דיואיס, און יאָ, דער, וואָס דאָס אומגליק האָט אונדז באַגליקט — אויך.

ווער זענען זיי ? וואו האָבן זיי זיך אויפֿגעכאָוועט ? אין זומפּ פֿון קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק, ביי אַלערליי גענגס און מאַשינען, מיט כאַבאַר און אונטערוועלט. און די אַלע קאַנאַריקעס זינגען שוין איינמאָל אַ גע־זאַנג !

נעמט דער וואַנדענבערג און דערלאַנגט מיט אַ דובינע דער וועלט איבערן קאָפּ מיט זיין „געט טאַף וויט ראַשע". כאַפּט דער טאַפֿט און קנאַקט איבער די אַרבעטער־קעפּ מיט פֿאַשיסטישע געזעצן. נעמט דער מיסטער דיואי און — כיק מיט דעם מעסער קעגן דעם רעכט פֿון סטרייקן ! נו, קאָנקורענץ איז קאָנקורענץ און אַ רעיס איז אַ רעיס. זיינען דאָך טרומאַן מיט זיינע ראַטגעבערס אויך ניט קיין מלופּים־קינדער אין פּאָליטיק, נעמען זיי און לייגן־אונטער דער וועלט אַ באָמבע : „טרומאַן־דאָקטרין". אָפּגע־טאָן מיט איין שאָס אויף גריכיש און אויף טערקיש !

ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַן אומגליקן די מענטשן וועלן נאָך אָנאַרבעטן ביז ענדלעך דער עסק וועט זיין פֿאַראיבער ? און וואָס וועט איר אויף דעם אַלעם זאָגן ?

איך ווייס, אַז אייך איז דער גאַנצער משוגענער פּלאַנטער קלאָר. איר האָט זיך אייער מאַרקסיסטישע תורה, איר ווייסט, אַז דאָס איז — ווי איר זאָגט — אַן „אַנטוויקלונגס־פּראָצעס”, אַן „איבערגאַנגס־פּעריאָד”, וואָס מוז און וועט פאַרגיין ווי די נאַכט, און דערנאָך וועט אויפגיין די זון. און איר זענט פאַרנומען טאָג־און־נאַכט מיט דער אַרבעט, וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די נאַכט און אַרויסציען די זון. זענט איר טאַקע באַשיצט, ווי מיט אַ פּאַנצער. אָבער וואָס זאָלן טאָן די מיליאָנען און מיליאָנען, וואָס ווייסן ניט וועגן דעם? צו ווייסט איר, ווי שרעקלעך שווער עס איז צו לעבן אין אַ משוגענער וועלט? איז אַ וואונדער, וואָס מענטשן ווערן משוגע ביי אייך אויף דער פרייער, קלאָרער וועלט, און מוזן גיין אין אַ משוגעים־הויז געזונט צו ווערן?

אַ פּלאַן צו ראַטעווען די וועלט

איך בין, ווי דו ווייסט, אַ ביזנעסמאַן. איך האָב ניט ליב, אַז מען נעמט ביי מיר צו צייט אומזיסט, און איך האָב פּיינט צוצונעמען צייט ביי יענעם פאַר גאָרניט. פאַרשטייסט? דערפאַר זאָג איך אייך, אַז איך וויל רעדן וועגן אַן ענין, איז עס וויכטיק!

דאָס הייסט, בעסער וואָלט איך געוואָלט רעדן מיט דיינע גרויסע פירער, זיי וועלן פאַרשטיין אַן עסק. נאָר מילא, זאָל מיינס איבערגיין.

נאָר קודם וויל איך, זאָלסט וויסן ווער איך בין. מיין ניט, אַז עפּעס אַ שלימעזאַלניק דרייט אַ ספּאָדעק.

ווען איך בין געווען אַן אַרבעטער, בין איך געווען מיט אַלע אַר־בעטער גלייך. איצט, ווען איך בין אַ געשעפטס־מענטש, בין איך אַ גע־שעפטס־מענטש אויף אַלע אונדזערע פריינט געזאָגט געוואָרן. אמת, ווען ניט מיין שווערס ירושה, וואָלט איך זיך מסתמא ניט געקענט פאַרגינען אַזאַ ביזנעס, וואו מען שעפּט טויזנטער מיטביידע הענט. יאָ, יאָ, מען שעפּט טויזנטער און מען קען זיי ניט אויסשעפּן. עס גיסט זיך גאָלד ביי מיר. פון הונדערטער איז געוואָרן טויזנטער, און פון טויזנטער ווערט צענ־דילקער טויזנטער. אַזוי ווי איך דערצייל דיר, טאָ ווייס ווער עס רעדט צו דיר!

בקיצור, איז אָט וואָס:

מיט אַלע מיינע גליקן בין איך אַ צעבראָכענער מענטש. מיינע טויזנ־טער קענען מיר קיין רפואה ניט ברענגען.

וואָסי, פרעגסטו?

איך גיי אַרום אַ נעכטיקער. די גאַנצע וועלט איז אַרונטער פון די רעלסן, און דער רוח ווייסט, וואָס עס וועט פאַסירן.

אַ וועלט קען ניט לעבן אָן האָפענונג. נעם ביי אַ מענטשן צו דאָס שטיקל „האָפן", איז ער אויס מענטש. יעדער מענטש האָפט... מען לעבט מיט האָפענונג! מען האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט ביים „האָפן". מען

האָפּט, — מאָרגן... איבערמאָרגן... איבעראיאָר... און עס לעבט זיך אַ ביסל גרינגער. מען האָפּט און מען לעבט, און פאַרקערט, מען לעבט און מען האָפּט. דאָס דאָזיקע האָפענונג פאַרמאָגט אַ גוואַלטיקע גבורה. און איך זאָג דיר, אַז די גאַנצע וועלט מיט אירע וויסנשאַפטן, און טעכניק, און רייכטום און אָרעמקייט, און קענסער און טובערקולאָזיס, מיט האַק און פאַק, האַלט זיך אויף דעם מענטשנס פעאיקייט צו „האָפן". אויס האָפענונג — איז אויס אַלץ.

איז וואָס, פרעגסטו?

אַט נעם, למשל, די מלחמה־יאָרן. עס איז געווען פינצטער און וויסט. עפּעס אַ קלייניקייט, אַזאַ וועלט שחיטה! נו, האָבן מיר אַלע געהאָפט, אַז מיר וועלן דערשלאָגן די נאַצישע מענטשן־פרעסער, מיר וועלן געווינען די מלחמה, וועט ווערן אַ שיינע, אַ פרייע און פרידלעכע וועלט. אמת, צי ניין? אָן דער האָפענונג, וואָלטן מיר דאָך ניט געקענט איבערטראָגן די שרעקלעכע מלחמה! מיר וואָלטן קיינמאָל די מלחמה ניט געקענט גע־ווינען! אמת? שטימסט־איין? זעסט שוין, ווי איך בין גערעכט!

נו, אָבער איצט? די מלחמה האָבן מיר שוין געוואונען. וואויל און גוט, אויס מלחמה. מיר האָבן שוין פרידן. נו, גייען מיר אַלע אָרום און ציטערן פאַר אַ נייער מלחמה. עס ציטערן אַפילו די פיש אין וואַסער, אַז די אַטאָ־מישע באָמבעס וועלן צעאַטאָמעווען די גאַנצע מענטשהייט. טאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט, און ווי אַזוי קען מען לעבן, אַז אַנשטאָט מענטשן זאָלן לעבן מיט נייע, שיינע האָפענונגען, גייען זיי אָרום און ציטערן און שרעקן זיך. וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן?

דאָס זעלבע איז דאָך אויך מיט אונדזער גאַנצן עקאָנאָמישן מיש־מאַש. וואָס, למשל, האָבן מענטשן געטאָן אין צייט פון הוווערס קריזיס? זיי האָבן געהונגערט, זאָגסטו, יאָ? אָבער זיי האָבן אויך געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אַט־אַט, וועט קומען אַ סוף צום קריזיס, מען וועט קענען קריגן אַ דזשאָב, מיט „פעידע", און מען וועט קענען לעבן.

אָבער איצט, ווען מיר האָבן ניט קיין קריזיס, גייט אַמעריקע אָרום און ציטערט פאַר דעם נייעם קריזיס.

אָדער נעם, למשל, די מעשה מיט די וואוינונגען. דורך די מלחמה־יאָרן האָט מען ניט געבויט, איז מען געלעגן איינגעלייגט אין אַלטע און שמוציקע דירות, און מען האָט געהאָפט, אַז נאָך דער מלחמה וועט אַמעריקע פאַרקאַטשען די אַרבל און זיך נעמען צו בויען. מען וועט אויפ־בויען נייע, שיינע, באַקוועמע און מאָדערנע־שעבמאָדערנע הייזער, פאַר ביליקע „רענט" צוליב דער נייער טעכניק און פרישע דערפינדונגען. אַזוי האָט מען געהאָפט. אמת?

האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך! אַנשטאָט העלפֿן קריגן נייע, שיינע דירות, נעמט דער קאָנגרעס און העלפֿט די „לענדלאָרדס״ העכערן „רענט״ פֿאַר די אַלטע דירות!

וואָס־זשע, פֿרעגסטו, וויל איך? וועל איך דיר דערציילן.

ווי דו ווייסט שוין, בין איך אַ ביזנעסמאַן. איך שטעק איבער דעם גאַרטל אין דער ביזנעס־וועלט. און דאָרט, אין דער ביזנעס־וועלט, מאַכט מען זיך אַ קליינעם צימעס פֿון אייערע אידעאַלן און פּרינציפּן. דאָרט, פֿאַרשטייסטו מיך, טוט מען ביזנעס און מען מאַכט פּראָפֿיט!

צוליב וואָס, אַשטייגער, דענקסטו מאַכן זיי מלחמות? צוליב פּרינציפּן? אַ נעכטיקער טאָג! מלחמה מיינט ביזנעס, און ביזנעס מיינט פּראָפֿיט!

די גאַנצע דיפּלאָמאַטיע מיט אַלע קאָנפֿערענצן, מיט אַלע „ספּיטשעס״, זיי זענען ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. דאָס זענען קאַלטע קאָמפּרעסן. קיין פֿרידן וועט דאָס ניט ברענגען. בלויז איין מיטל איז פֿאַראַנען.

וואָס פֿאַר אַ מיטל, ווילסטו וויסן??

אָפּקויפֿן ביי זי די מלחמה! אָט דאָס איז דער איינציקער אויסוועג! עס וועט קאָסטן ביליקער און מען וועט איינשפּאָרן מענטשלעכע לעבנס און בלוט און האַרץ־ווייטאָג.

יאָ, טאַקע פּשוט און פּראָסט — אָפּקויפֿן די מלחמה. באַצאָלט דעם אויל־טראָסט עטלעכע ביליאָן דאָלאַרטשיקעס, און דערלאַנגט דעם שטאָל־טראָסט עטלעכע ביליאַנדלעך, און צעטיילט, לאָמיר זאָגן, אַ פּאָר הונדערט ביליאַנדלעך צווישן די קוילן־באַראָנען, און באַן־מאַגנאַטן, און די אַמוניציע פֿאַבריקאַנטן, וועלן זיי אונדז פֿאַרקויפֿן די מלחמה, און מען וועט זיך אַרויסדרייען אָן אַ דריטער וועלט־שחיטה!

מען קען ביי זיי, זאָג איך דיר, אויך אָפּקויפֿן דעם קומענדיקן עקאָנאָמישן קריזיס! איך ווייס, וואָס איך רעד! ווייל, צוליב וואָס, מיינסטו, העכערן זיי די פּרייזן אויף סחורות? צוליב פּראָפֿיט! זעסטו שוין, אַז איך ווייס, וואָס איך רעד? נו, איז ווידער די זעלבע געשיכטע. עטלעכע ביליאָן דעם טראָסט, און עטלעכע ביליאָן יענעם טראָסט, און עטלעכע ביליאָן די באַנקען, און פֿאַרגעסט ניט אונטערצוטראָגן אַ הונדערט מיליאָנטשיקעס צו די פֿאַרשיידענע צייטונגען, און פֿאַרטיק! איר וועט ביי זיי אָפּקויפֿן דעם קריזיס! וועט מען ווידער קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. עס וועט ווערן אויס מלחמה־שרעק און אויס קריזיס־שרעק. די וועלט וועט זיך באַרואיקן, און מען וועט ווידער קענען לעבן מיט נייע, שיינע האָפֿענונגען.

וואו מען וועט נעמען די ביליאָנען דאָלאַרן? וואָס הייסט וואו? קאָרג געלט איז פֿאַראַן אין אַמעריקע? וואו מען וועט נעמען געלט, פֿרעגט ער גאָר! עס וועט קאָסטן ביליקער, זאָג איך דיר!

און וואָס וועט זיין, ווען די טראָסטן וועלן ניט וועלן פֿאַרקויפֿן די מלחמה מיטן קריזיס, פֿרעגסטו? וואָס הייסט, זיי וועלן ניט וועלן? פֿאַר־וואָס זאָלן זיי ניט וועלן? זיי זענען דאָך אין ביזנעס! וואָס דענקסטו עפּעס, פֿאָרד מאַכט אויטאָמאָבילן צוליב מצוה, און דער שטאָל־טראָסט און דער אויל־טראָסט, און די אַלע טראָסטן, טראָסטעווען צוליב אידעאַלן? עס איז ביזנעס, און ביזנעס, זאָג איך דיר, איז פּראָפֿיט! אויב מען וועט זיי גוט באַצאָלן, און טאַקע מיט „קעש״, „קעש״, „קעש״! מזומן געלט! פֿאַרשטייסט? ניט מיט „באָנדס״, נאָר מיט מזומן, וועלן זיי פֿאַרקויפֿן דעם קריזיס, און מען קען ביי זיי נאָך קריגן אַ היפּשן „דיסקאָונט״ אויך!

אַט וועגן דעם טאַקע האָב איך געוואָלט רעדן מיט אייניקע גרויסע פירער. זיי וועלן פאַרשטיין. דו פרעגסט קלאָץ־קשיות, וואו מען וועט נעמען געלט, אָדער וואָס וועט זיין, אויב זיי וועלן ניט וועלן פאַרקויפן! אָדער — אויב זיי וועלן צונעמען דאָס געלט און דערנאָך אַרויסשטעלן אַ פייג... ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט אינגאַנצן ניט באַגרייפן דעם גאַנצן אויפטו. טאַקע צוליב דעם, וואָס דו הויבסט ניט אָן צו פאַרשטיין די גאַנצע זאַך, שטעלסטו אַוועק דיינע קלאָץ־קשיות. מיט אַזעלכע פראַגעס קען מען די וועלט ניט ראַטעווען!

זאָל מען נאָר אָנהויבן טאָן מיט זיי ביזנעס, וועסטו זען, ווי ווייט מען קען מיט זיי פאַרפאָרן. זאָל מען נאָר מאַכן דעם אָנהויב. פריער זאָל מען נאָר געבן אַ קויף אָפּ ביי זיי דעם קריזיס מיט דער מלחמה, דערנאָך וועט מען שוין קענען כאַפּן מיט זיי אַ שמועס וועגן נאָך גרעסערע געשעפטן.

וועלכע גרעסערע געשעפטן? וועל איך טאַקע באַלד עפענען דיינע אויגן, און דיר ווייזן די גאולה... גלויבסט ניט, האַ? שמייכלסט? נו, גוט, שמייכל זיך געזונטערהייט, אָבער אַנו, כאַפּ נאָר אַ קוק אויף דעם פּלאַן!... כ׳וועל דיר ווייזן ווי אַזוי איין שכלדיקער אויפטו מוז באַלד ברענגען צו אַ צווייטן, און דער צווייטער דערפאָלג ברענגט שוין במילא דעם דריטן. אַזוי גייט עס אין ביזנעס. פונקט ווי ביי מיר! דער ערשטער הונדערטער פּראָפיט האָט באַלד געבראַכט דעם צווייטן, און דער ערשטער טויזנטער האָט געבראַכט נאָך איינעם. פאַרשטייסט?

אַט גיב אַקאָרשט אַ קוק. אויב מען קויפט ביי זיי אָפּ די מלחמה מיט די הויכע פּרייזן, מיט די מאָגערע „וועידזשעס״ מיט זייער גאַנצער „פּראָספּעריטי״, וואָס מוז ברענגען אַ קריזיס, זענען דאָך זייערע אַלע טראַסטן און בענק מיט אַלע זייערע טויזנט־גאַרדניקע געשעפטן אויס גליקן! אמת? וועט מען דאָך קענען אָפּקויפן זייער גאַנצע מלוכה, פון הודו ביז כוש, פאַר אַ האַלב געלט! כאַפּסט דעם געדאַנק? אָפּקויפנדיק ביי זיי דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג, די מינעס, מיט די באַנען, מיט די אויל־קוואַלן, מיט די פאַבריקן — איז אויס קאַפּיטאַליזם, אויס גאַרגל־שניידעריי, אויס הויטשינדעריי, אויס בלוטזויגעריי, אויס מיט דער פאַס־קודנער רעאַקציע, מיט אַנטיסעמיטיזם, מיט נעגער־לינטשערייען, אויס מיט פאַשיזם, מיט מלחמות, און קריזיסן, און מען קען שוין אַוועקשטעלן די וועלט אויף נייע רעלסן! איצט פאַרשטייסטו שוין? איצט ווייסטו שוין מיט וועמען דו רעדסט? דו כאַפּסט דעם פּאַרנעם?

נאָר וואַרט אויס, איך בין נאָך ניט פאַרטיק.

איך פאַרשטיי, אַז דיך עגבערט אַ געדאַנק, אַז טאָמער נעמען די

באַנדיטן צו דאָס געלט און שפּעטער עפּענען זיי נייע טראַסטן, מיט נייע בענק, און „מאַנופעקטשערן" נייע קריזיסן מיט נייע מלחמות. זאָלסטו זיך גאָרניט זאָרגן וועגן דעם! איך האָב דאָס אַלץ גוט דורכגעטראַכט און באַוואָרנט. מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר... זעסט די אַלע ראַקעפעלערס און מאָרגאַנס און פאָרדס, מיט אַלע זייערע גרויסע לאַיערס? איך פּאַק זיי אַריין אין מיין קעשענקעלע, אַט, דאָ־אָ!...

אין קאָנטראַקט, פאַרשטייסטו מיך, דאַרף ערשטנס אַריינגיין אַ פּונקט, אַז ניט זיי און ניט זייערע קינדער זאָלן ווען עס איז האָבן אַ רעכט צו גיין אין ביזנעס! און צווייטנס, דאַרף מען זיי אַלע, אָבער טאַקע אַלע — אַלע באַנקירן און אַלע פאַבריקאַנטן, און אַלע מאָנאָפּאָליסטן און „לענד־לאָרדס" און טראַסטיסטן, פון קליין ביז גרויס, אַריינפּאַקן אין איין שטאָט. נישקשה, מיר וועלן ניט בדלות ווערן מיט איין שטאָט ווייניקער! און אָט אין יענעם שטאָט זאָלן זיי אויסלעבן זייערע יאָרן. זאָלן זיי דאָרטן, אין יענעם איינעם שטאָט, שפּילן גאָלף, בינגאָ, ברידזש, זאָלן זיי כאַפּן פיש, אָדער זאָל זיי כאַפּן אַ פינצטער יאָר! וואָס אַרט עס דיך, וואָס זיי וועלן דאָרט טאָן, אַבי מען וועט פון זיי פּטור ווערן, און אַ סוף זאָל עס נעמען! מען קען דאָך ניט אויסהאַלטן פון די באַנדיטן! זיי מאַכן דאָך אומגליקלעך די וועלט!

אוי, האָב איך זיך אַ ביסל אויפגערעגט!... וועסט מיר מוזן אַנטשולדיקן. איך בין טאַקע אַ ביזנעסמאַן, אָבער אַ מענטש אויך, פאַרשטייסט? נו, אויב איך הויב זיך שוין אָן אויפרעגן, טויג שוין ניט פאַר מיינע שוואַכע נערוון, מוז איך שוין מאַכן בקיצור. איז בלויז נאָך איין פּונקט, און איך בין פאַרטיק מיט מיין פּלאַן.

איז אָט וואָס. ווען מען וועט זיי, די גאַנצע באַנדע, אַריינפּאַקן אין איין שטאָט, זאָל מען זיי מיטגעבן זייערע הוּאָווערס און טעפּטס און וואַנדענבערגס און דיואיס און רענקינס, און מען מעג זיי אויך מיטגעבן אַ פּאַרטיקן פּרעזידענט!

אָט־די עטלעכע ווערטער האָב איך געוואָלט זאָגן אייערע פירער — געדענק־זשע, זאָלסט עס זיי איבערגעבן וואָרט־אין־וואָרט, ווי איך האָב גערעדט צו דיר! און זאָל מען ניט אָפּלייגן און ניט ציען! גענומען און געטאָן, איידער עס ווערט צו־שפּעט! זאָל מען וואָס גיכער אָפּקויפן ביי זיי די מלחמה מיט דעם קריזיס — און אַלץ וועט גיין ווי געשמירט!